STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06658

SHTRALEN

J. Guze-Rivkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גוז־ריווקין
(י. ל. בערדיטשעווסקי)

שטראַלען

(פּאָעזיע און פּראָזע)

פאַרלאַג „גלויבען"
ניו יאָרק — 1928

Copyright, 1928,
J. Guze-Rivkin

200



י. גוז-ריווקין

(י. ל. בערדיטשעווסקי)

אינהאַלט:

ערשטע טייל
(לידער)

זייט

אין אַ לאַנד — 11
בעטסט אַ פּעני — 14
אויפ'ן בערגעלע — 16
אַ וויג־ליד — 17
אַ גרעזעלע רופט... — 18
בלאָז, ווינטעלע — 20
דער וואַלד־וועכטער — 21
משה'לע און יאָסעלע — 25
פּייסי דער יתום — 27
אַ שלעכט אינגעל — 29
מלחמה — 30
יאָסעלע — 33
קינדערלאַך, קינדערלאַך — 36
שטערענדלאַך — 37
אָט זע איך — 39
ווען איך וועל אַ גרויסער ווערען — 40
איך האָב ליב דעם זומער — 41
פריינע שעה'ן — 42
דער זיידע און די קינדער — 44
אינאיינעם — 46
ברויטעלע — 47
לילי — 48
נאַכטעלע — 49
נאַכטעלע — 50
קוילען — 50
קומט אין פּאַרק אַריין! — 51
זומער־רעגען — 52
קענסטו מיר זאָגען? — 52
גוט, קינדערלאַך — 53
שפּילט זיך, קינדערלאַך! — 54
דער בעטלער — 54
אין שול — 55
דער יתום — 56
פאַל, שנייעלע! — 57
אין געלויף — 57
ווינטער — 58
אַ וויג־ליד — 59
מיין אינגעלע — 59
אין פעלד — 60
אַ רפואה'לע — 61
קינדערלאַך, שטיפערלאַך — 61
דימענטען... — 62

זייט

נאַכטעלע — 63
דער שטיוועל־פּוצער — 63
די פּישעלאַך — 64
האָפּ, האָפּ, קינדערלאַך! — 65
קינדערלאַך און בלימעלאַך — 65
מיר זיינען קליינינקע — 66
בלאָז, ווינטעלע! — 67
איך האָב ליב דעם זומער — 67
דאָס מייזעלע — 68
שפּילען זיך צוויי הינטעלאַך 68
ווען איך בין אַ גרויסער! — 69
פריילאַך, קינדער! — 70
בוימעלע שיינינקס — 70
אַ פּרילינג־רעגענדל — 71
ווען עס גיסט אַ רעגען — 72
אַ פּיאַנע — 72
זון און וואָלקען — 73
אַ שפּיל — 73
מיר זיינען קינדער — 74
לאָמיר טאַנצען — 75
קינדערלאַך — 75
בלימעלאַך — 76
אין שול אַריין — 76
רעגענדל — 77
דאָס פישעלע — 77
זומער — 78
דער בוים — 79
טאַנצט, קינדערלאַך! — 79
ס'קלינגט דאָס גלעקעלע — 80
צו די קינדער — 81
פרילינג — 82
זון, זון — 83
שפּילט אַ וואָלקענדל — 83
גיס, רעגענדל! — 84
וואָלקען־סילועטן — 85
דאָס גלעקעלע — 85
גיסט אַ רעגענדל — 86
דאָס קליידעלע — 87
אַ רעגענדל פּאַלט — 87
אין דרויסן גיסט אַ רעגענדל 88
שפּילען זיך קינדערלאַך — 89
צו די פּויגעלאַך — 89
רעגען און זון — 90

זייט

פֿאַלען די בלעטער — — — — 91
קינדער־שטימען — — — 92
בלויע אויגעלאַך — — — 92
די קליינינקע סאָלדאַטען — 93
שפּילט זיך, קינדערלאַך ! — 94
לאָמיר שפּילען ! — — — 94

זייט

מיין זונעלע — — — — — 95
פרייט זיך — — — — — — 96
שפּילט דער הימעל זיך — — 96
אויף די בערג — — — — — 97
פרילינג — — — — — — 97

צווייטע טייל
(לידער)

שטילקייט — — — — — — 101
נאַריש — — — — — — — 102
אַ ווינטעלע האָט מיר דער־
ציילט — — — — — — — 102
אין וויגעלע — — — — — — 104
דער פויגעל — — — — — 105
די זון איז פאַרגאַנגען — — 106
אוקראַאינע — — — — — — 107
רות — — — — — — — 109
דעמערונג — — — — — — 110
אַלע — — — — — — — 111
זאָל זיין אַזוי ! — — — — 112
פרילינג — — — — — — 113
שוואַרצע אויגעלאַך — — — 115
געדאַנקען — — — — — — 116
יאָסעלע — — — — — — 117
ברויזענד איז דער ים — — 119
ערגעץ דאָרטען... — — — 120
צו גרינג — — — — — — 121
ביינאַכט — — — — — — 122
זיי אַ גוטע ! — — — — — 123
קלאַגען — — — — — — 125
קינדער — — — — — — — 126
זייט ניט אויסגערעכענט — 128
גרויסען — — — — — — — 129
דאָס שיפעל — — — — — — 132
דער ריטער — — — — — — 133
ערגעץ טיף — — — — — — 136
דער וואַנדערער — — — — 137
דער שיכור — — — — — — 138
דער שניי — — — — — — 139
מיין מאַמע'ס ווערטער — — 140
כ'בין ווילד און פריי ! — — 142
בענקשאַפט — — — — — — 146
און גיב אַ טראַכט איך — — 147
געדאַנקען — — — — — — 148
צוריק אין דר'ערד — — — 149
נאַכט־אידיליע — — — — — 152
פאַרנאַכט — — — — — — 153

צום סדר — — — — — — 154
איך האָס דיך, וועלט ! — — 156
דעם פידלער'ס טרוים... — — 157
נאַריש קינד — — — — — 161
דער סטאָליער — — — — — 162
ווארום ? — — — — — — 163
איך דאַנק דיר ! — — — — 164
אין אָרקעסטער — — — — 165
טפּש !... — — — — — — 165
עלענד... — — — — — — 166
פערגעסט מיך — — — — — 166
כ'וועל ניט ! — — — — — 167
נאַכטעלע — — — — — — 167
די קליינע טענצער — — — 168
אַ גליק — — — — — — — 169
אין נאָמען פון גאָט — — — 169
רוסלאַנד — — — — — — 170
בענקשאַפט — — — — — — 170
צייטענווייס — — — — — 171
איר קרייציגט ! — — — — 171
וועגען — — — — — — — 172
בלימעלאַך — — — — — — 173
איך בעט דיך ! — — — — 173
ווי קענסטו פאַרגעסען ? — 174
די רייטערין — — — — — 175
אַ סוד... — — — — — — 176
נאַכט — — — — — — — 178
אַליין... — — — — — — 179
דער אידישער קאַלאַניסט — 180
ניטאָ קיין פּלאַץ... — — — 182
זיי ניט פרעמד ! — — — — 184
צייטענווייז — — — — — 185
דער האָבאָ — — — — — — 186
ברענגסט מיר, לעבען ! — — 187
פאַרנאַכט... — — — — — 187
ווינטער — — — — — — 188
איך וויל דיך זען ! — — — 188
גרויסע און קליינע... — — 189
געדאַנקען — — — — — — 190

זייט

קעגען איך — 190
פלוצים... — 191
שנייעלאַך פאַלען — 191
ברייננ מיך! — 192
קום! — 192
ווינטעלאַך — 193
דריי — 193
קומט זומער — 194
פאַרנאַכטיגע שטימונג — 194
ס'איז גרינג — 195
עד, לאָזט אָפּ! — 196
שטראַלען... — 196
וואָס זוכסטו? — 197
ווער?... — 197
שמיד אוים! — 198
אויף די וועגען — 198
דאָס פרייע וואָרט — 199
ווי זאָל איך? — 199
רעד! — 200
יאָר־צייט ליכטעל — 201
רוישט אַביסעל, בלעטער! — 201
וואַקכאַנאַליע — 202
פרילינג — 202
מזל — 203
דאָס פערד — 203
ווען די זון פאַרגייט — 204
אַ ליד — 205
שטיל — 205
באַ דער נאַטור — 206
אָריגינעל — 207
שרעק זיך ניט — 207
פאַרצווייפעלט ניט! — 208
זון — 209
קום צו מיר — 209
באַווייז! — 210
די נאַכט איז שטיל — 211
דער וועג — 211
קאַלט... — 212
ווינטען — 213
דו ביזט! — 213
איך און דו — 214
געדאַנקען — 215
איך ווייס — 215
וואָלט איך געקענט — 216
אַ וויג־ליד — 217
ערגעץ אויבען... — 217
הויכע הימלען — 218
דער זעצער — 219
אַליין... — 219

זייט

אין פאַרק — 220
וואָלקענדלאַך — 221
כ'האָב ניט ליב — 221
וועגען — 222
אין פאַרק — 223
ביים טייכעל — 223
ניין, איך ווייס ניט — 224
הערבסט — 225
פאַרלאַנגען — 225
מ'מוז זיין גרוים און פריי — 226
צו דעם וועלדעל — 227
זומער — 227
אויב? — 228
הערבסט — 229
אין קעלער — 229
טרוימען — 230
פאַרשטיי מיך! — 231
כ'קוק אַריין — 231
איך דאַכט זיך! — 232
דער ערשטער מאַי — 233
די סוכה — 233
שיינט די זון — 234
ערגעץ... — 235
דער הימעל ווערט ערנסט — 236
פאַרנאַכט — 236
געוויים — 237
מעלאַנכאָליע — 237
שטילע טרוימען — 238
נייסען — 238
ליכט און תורה — 239
דער שיכור — 239
תורה — 240
גיסט פון קראַן — 240
מ'האָט דערציילט — 241
ס'וועט נאָך קומען! — 241
ביזטו!? — 242
קוימענס... — 242
ווי אַ תלין... — 243
געדיינקסטו? — 243
ווועלען זיי? — 244
דער אויטאָ — 244
זוכער — 245
די נאַכט קומט אָן — 245
שווייגט ניט — 246
ווירבעל־ווינטען — 246
אַ וויג־ליד — 247
וואו איך בין געזעסען... — 247
זיי מיר ניט! — 248
לעבען — 248

זייט

נו, גענוג! — 249
מיט זיך אַליין — 249
אויגען... — 250
אַ גרוס — 250
משוגע — 251
נאַכט — 251
איך נעם אַ צייטונג — 252
אומעט — 253
אין סאָבוויי — 253
עמיצער לאַכט... — 254
אויף דער קאַטערינקע — 255
קאַלטע ווינטען — 256
קאַרשען־אויגען — 256
נאַטור — 257
מיין גאָרטען — 258
נאָענט און ווייט... — 258
זיי פריי, זיי שטאָלץ! — 259
וויל איך — 260
וועגען... — 260
זינג, פויגעלע, זינג! — 261
מיין שכן — 262
אַ בריוו — 263
לעש אויס — 265
פאַרנאַכט — 266
אַ ביס... — 267
שטימונג — 267
אין סאַנאַטאָריום — 268

דריטע טייל
(דערציילונגען)

דער לערער — 271
ביינקשאַפט — 275
צוקער — 280
כאַראַקטער — 284
דער האָלץ־העקער — 288
גנבה — 292
קוראַציע — 294
אַ פאַרשטאַרטער פסח — 299
שלח־מנות — 303
צוויי וועלטען — 307

ערשטע טייל

לידער

אין אַ לאַנד

אין אַ לאַנד, אַריבער ים'ען.
שטיל זייט, קינדער, וועט איר הערען:
האָט אַ פאָלק געליטען צרות
איינגעשפּאַנט אין יאָך שווערען.

איינגעבויגען, איינגעהויקערט,
אַזאַ טעמפּקייט אין די אויגען....
מ'האָט דערציילט מעשות ווילדע —
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען.

זיי געלערנט בלינד צו גלויבען
אין אַ מלך מיט פּאַלאַצען.
און פאַרטויבט די קעפּ פון מענשען
מיט טרומפּייטען און מיט טאַצען.

מ'האָט פאַרקלאַפּט די מוחות רויע:
זייט געהאָרכזאם צו דעם מלך
און האָט אָפּשיי פאר דעם פּאַלאַץ,
וואו ס'איז שטענדיג אַזוי פריילאך!

האָט דאָס בלינדע פאָלק, ס'פארפירטע,
איינגעבויגען שטאַרק דעם רוקען
און געציטערט, און געפּלאַטערט:
ס'איז אַ שרעק אַהין צו קוקען,

וואו דער מלך מיט די דינער
לאָזט זיך וואוילגיין אין פּאַלאַצען,
שווענדען געלטען פונ'ם עולם —
זאָלען זיי זיך דאָרטען קראַצען!

זאָלען זיי, די פערד, די אייזלען,
פראַצעווען דאָרט אַלע יאָרען.
וועלען מיר — די קלוגע, גרויסע
עפּעס טאָן שוין דאָ פאַרשפּאָרען!

זאָלען זיי. מיר וועלען הוליען,
טרינקען ווײַנען און פאַרברײַנגען.
ווער פון זיי אַ וואָרט ווער זאָגען, —
גלײַך דערשיסען אָדער הײַנגען!

זײַנען יאָרען זיך געלאָפען
און די אייביגקייט געשניטען.
נאָך איין מלך קומט אַ צווייטער,
ס'האָט אַ שקלאַף אַ שקלאַף פאַרביטען.

קרוינען, רייכטום און פאַלאַצען,
טרערען, נויט און בלינדער גלויבען...
מ'האַלט דעם עולם אין דער פינסטער, —
מערער קענען זיי באַרויבען!

אָבער, האָט געדולד נאָר, קינדער,
ס'האָבען מענשען זיך געפונען
און געפּרואווט דעם עולם וועקען:
„שקלאַפען, זײַנט איר ביי דעם זינען?!

אייזלען, פערד, ניט שלעפּט די משא
פאַר אַביסעל היי און וואַסער!
קוקט נאָר אָן ווי פעט ס'איז יענער,
און וואָרום איז דער אַ בלאַסער?

ניין, גענוג! צו ווייט פאַרקראָכען, —
זיך פאַרקליבען אין פאַלאַצען
און געדיינקט אויף אייביג וועט איר
אונז פאַרטומלען מיט די טאַצען?“

איז געוואָרען אַ גערודער.
מענשען שרייען: צו דעם מלך!
זיינע דינער זיינען שולדיג!
און געוואָרען ס'איז שוין פרייליך.

מ'האָט געשטורעמט די פּאַלאַצען
און דער מלך ליגט געבונדען.
און מ'האָט באַצאָלט זיי אַלע
פאַר די שווערע טיפע וואונדען....

פאר די טורמעס, פאר די גריבער,
פאַר די תליות און די קוילען.
קינדערלאַך, די שונאים שמאַכטען,
מערערע פון זיי שוין פוילען!

קינדערלאַך, די שונאים, מערדער.
יאַ, אַ קינד דאַרף מיטלייד האָבען!
אָבער וויפיל קליינע קינדער
האָט מען צוליב זיי באַגראָבען?

הונגעריגע, קראַנקע, מידע,
טאַטעס, מאַמעס וואו פארטריבען.
שמאַכט אַ טאַטע וואו אין טורמע,
מאַמע ז'טויט. אַ קינד פאַרבליבען.

יאַ, ס'איז שווער נקמה נעמען,
אָבער גיפטיג זיינען יענע!
און ווי חיות זיי צערייסען,
לאָקערען ווי אַ גיענע....

און מ'טאָר זיי ניט דערלאָזען
בלייבען נאָך ביי עפּעס קרעפטען.
ווייַ וועט זיין די קליינע קינדער,
ווען זיי וועלען זיך באהעפטען!

— — — — — — — — — — — — —

ניין, ס׳איז פריי געוואָרען דאָרטען,
אין׳ם לאַנד אריבער ים׳ען.
ס׳האָט דאָס לעבען דאָרט אַ זינען,
ס׳איז דאָס זיין דאָרט מלא טעם׳ען...

יאָ, און קינדערלאַך מ׳צערטעלט:
פרייע הייזער, פרייע שולען.
און מ׳זעט ניט מער אַן אויפשריפט:
„פאַר די אָרימע שפּיטאָלען!..."

פע! די קינדער זיינען רייכע, —
ניט מיט געלט, נאָר מיט געפילען!
אַלעס האָבען דאָרט די קליינוואַרג:
קליידער, שיך און ברויט פון מילען.

אַלעס, אַלעס. ס׳וועט ערשט קומען.
מ׳האָט געעפענט ערשט די אויגען...
וואָלט איך, קינדער, פליגעל האָבען, —
אוי, וואָלט איך אַהין געפלויגען!

בעטסט אַ פעני.

בעטסט אַ פעני באַ דעם טאַטען,
לאָזסט דער מאַמען ניט צורו:
עפּעס קויפען, עפּעס קויפען,
טאַטע, מאַמע, גיב שוין, נו!?

און דער טאַטע קען ניט געבען,
און די מאַמע שרייט נאָך אָן:
רייזעלע, דו ביזט צעלאָזען,
זאָג מיר וואָס וועט זיין דערפון?

ווילסט נאָר פּענים עפּעס קויפן, —
פּענים וואַקסען ניט אין פעלד.
ביטער, שווער דער טאַטע אַרבייט,
קירצט די יאָרען פאַר׳ן געלט...

הערסטו ניט בייַנאַכט אים הוסטען,
קרעכצען, אויקען: אוי, ווי שווער!
ס׳איז דאָס לעבען וויסט און פינסטער,
וויל דען עמיץ וויסען, ווער?

איינער ווייט איז פונ׳ם צווייטען,
וויל ניט וויסען פון זיין וויי.
גיי, מיין קינד, אין שול אַצינדערט
אָן אַ פּעני — כ׳האָב ניט, גיי!

לערן זיך מיט פליים און חשק,
ווייל די ביכער זאָגען פיל!
עפּעס שרייבט מען וועגען פריינטשאַפט,
און אַ שיינער מענשען-שפּיל.

אַלע וועלען זיין אינאיינעם,
אַרבייטען מיט ברען און פרייד.
קינדער וועלען קריגען אַלעס,
גרויסע — וויסען ניט פון לייד!

וועסט ניט בעטען מער אַ פּעני, —
קויפען וואו אַביסעל סם —
זיסקייט, עפּעס אַ געמישאַכץ
אָן אַ לעבען, אָן אַ טעם!

ס׳וועט דער טאַטע מער ניט שלאָגען.
ליכטיג וועט דיין לעבען זיין.
און די מאַמע וועט ניט שעלטען,
ווען וועסט גיין אין שול אַריין...

פריילאך, ליכטיג, פריי און לוסטיג,
לעבען — ווי אַ פרילינג־טרוים.
פריי וועט יעדער קריגען פרוכטען
פונ׳ם גרויסען לעבענס־בוים!

וויין ניט, וויין ניט, טייער קינד מיינס,
ס׳איז אין שטוב קיין סענט נישטאָ.
אָבער גלויבען טיף אין הארצען —
יאָ, דאָס שאַפט אַביסעל רו!..

אויפ׳ן בערגעלע

אויפ׳ן בערגעלע באם וואַלד,
קינדער, קומט זיך שפּילען.
היינט איז יום טוב, גוט און פריי
דאַרפען מיר זיך פילען!

ס׳וועט דער לערער בייז ניט זיין, —
וועט אונז גאָרניט זאָגען.
לאָמיר שפּילען „קאַץ און מויז״,
„פערדלאַך דריי און וואָגען״!

שפּילען, לויפען אויפ׳ן גראָז,
גיכער, ניט געשטאַנען.
מאַכט־זשע אַלע הו־הו־הו!
ווי די פלינקע באַנען.

איצטער בויגט זיך ווידער איין
מיט׳ן קאָפּ אַרונטער.
שפּרינגען, טאַנצען אויף דער לופט
מאַכט דעם מענש געזונטער.

שפּרינגען, לויפען אויפ'ן פעלד
מאַכט דאָס בלוט צו יאָגען.
טאַטע-מאַמע וועלען אונז
מער קיין וואָרט ניט זאָגען,

— ווייל דער לערער הייסט אַזוי
וויל אונז פרייהייט געבען.
פרייהייט מאַכט דעם מענשען שיין
און פאַרזיסט דאָס לעבען...

— זייט-זשע פריילאַך, זינגט און לאַכט,
לעבעדיג און מונטער.
פונ'ם בערגעלע אין טאָל
אַלע, גלייך אַרונטער!

אַ וויג-ליד.

שלאָף, מיין קינד, מיין שיינער פנים,
איילאָ, ליו-ליו-ליו!
שליס די אויגעלאך די קלוגע,
טאַטע איז נישטאָ.

ר'איז אַוועקגעפאָרען ערגיץ,
שלאָף-זשע, שלאָף און רו
וועט דיר ברייגנען אַ מתנה,
איילאָ, ליו-ליו-ליו!

די לבנה קוקט אַריינעט,
מאַכט דיר נו, נו, נו!
ווייז נישט, ליבער, זיסער, ריינער,
איילאָ, ליו-ליו-ליו!

אויסוואקסען וועסטו אַ גרויסער
ווי דיין טאַטעניו.
לערנען תורה, לערנען חכמה,
איילאַ, ליו־ליו־ליו!

ווילסט ניט שלאָפען, ביזט א שלעכטער,
שלעכטער זונעניו.
הערסט אַ מייזעלע זיך גראַבעלט, —
מוראָ! ליו־ליו־לוי!

ס'האָט אַ הונט זיך וואו צעוואָיעט:
הו־הו, הו־הו, הו!
באַהאַלט דאָס קעפּעלע, באַהאַלט זיך,
איילאַ, ליו־ליו־ליו!

ס'וועט באַלד קומען דער פרימאָרגען,
מאַמע ז'מיד — נו, נו!
דאַרפען לייען, זאָרגען, באָרגען,
איילאַ, ליו־ליו־ליו!

שלאָף־זשע איינעט, טרוים מיין שיינער,
איילאַ, ליו־ליו־ליו!
טאַטע ביינקט, וויינט אוים די אויגען
ערגעץ וויט אַוואו...

אַ גרעזעלע רופט...

קינדערשע אויגלאַך זיך בעטען:
אַביסעלע לופט!
די ביינדעלאַך ביינקען נאָך שטראַלען,
אַ גרעזעלע רופט.

אַ פויגעלע זינגט אַזוי האַרציג
אין פעלד אויף אַ בוים,
און בלימעלאַך וועבען אידיליש
אַ זוניגען טרוים.

און דאָ — איז די גאַס אַזאַ איינגע,
נישטאָ וואו צו זיין.
אָן ביסעלע טרוימען, אָן פריידען,
אָן זון און אָן שיין!

די הייזער, די מויערען הויכע
און טומעל, געשריי
דערשטיקען די קינדערשע קולות,
דעם קינדערשען וויי...

דערוואַרגען דעם צווייפעל פון הערצל,
דעם קינדערשען דראַנג...
און אויגעלאַך מיד זיך פאַרקוקען
מיט צער פול און באַנג...

די אויגעלאַך — ליכטעלאַך קליינע,
אַ פייערל ברענט,
וואָס צאַנקט און הויבט אָן זיך צו לעשען
צווישען די ווענט...

אויגעלאַך בעטען זיך רחמים:
אַביסעלע לופט!
די ביינדעלאַך ביינקען נאָך שטראַלען,
אַ גרעזעלע רופט...

בלאָז, ווינטעלע.

בלאָז, ווינטעלע, בלאָז —
דער ווינטער איז דאָ.
צעלאָז זיך און יאָג
מיט ווילדען בו־הו!

מיט אימפעט, מיט גוואַלד,
מיט שטורעם און דראַנג.
בלאָז, ווינטעלע, בלאָז
מיט ווינטיגען קלאַנג!

דער זומער איז ווייט,
די לאָנקעס — פאַרטראַכט,
די מאַמע דעם אויווען
האָט נאָר וואָס געמאַכט,

און וואַרעם עס ווערט,
דאָס פייערל ברענט.
די קינדערלאַך נעמען
זיך אָן פאַר די הענט

און טאַנצען און זינגען
אַ לידעלע שטיל.
די מאַמע שעפּט נחת
פון קינדערשער שפּיל.

עס פרייט זיך די מאַמע
און ווײנט — וואָס איז דאָס?
„פאַרשאפּט דיר דאָס ווינטעלע,
מאַמע, פאַרדראָס?“

„ניין, קינדערלאך, שפּילט זיך, —
ס'איז שיין אייער וועלט.
איר ווייסט ניט דעם זינען
פון לעבען און געלט!

איר ווייסט ניט די זאָרגען.
פאַר קינדערלאַך קליין —
נאָר שפּילען זיך, טאַנצען,
אין שול אַריין גיין!

איר ווייסט ניט, דער טאַטע —
אוי, אַרבייט ער שווער!"
און ווידער פאַרלירט זי
אַ הייסינקע טרער...

און ווידער זי שמייכעלט, —
אַ טרערעלע גלאַנצט.
זי שעפּט פאַרגעניגען,
ווען שרה'לע טאַנצט.

בלאַז, ווינטעלע, פייף,
פאַר קינדערלאַך קליין!
דער זומער וועט ברייננגען
אַ וועלטעלע שיין.

דער וואַלד־וועכטער

אין אַ וואַלד, אַ טיף־געדיכטען,
האָט געלעבט אַן אַלטער וועכטער,
און זיין האַר — דער רייכער פּריץ —
איז געווען אַ בייזער, שלעכטער.

האָט ער אָנגעזאָגט דעם װעכטער
היטען שטרײנג דעם װאַלד, דעם שטילען.
פון גנבים רײסען שטיקער, —
געבען זײ דעם שטעקען פילען.

מיט'ן ביקס זיך אויך באַנוצען,
אויב זײ װעלען פרעך זיך האַלטען.
שלאָגען, שלאָגען אָן רחמנות
און די קעפּ באַ זײ צעשפּאַלטען!

האָט דער װעכטער אַלץ פאַרנומען.
װעט שוין היטען אַלע װעגען.
װאָס ס'האָט װײטער זיך געטראָפען?
װעט איר, קינדער, בא מיר פרעגען.

װעט איר הערען. ס'האָט דער װעכטער
גאָר געהאַנדעלט, נאָר צום שטוינען.
ניט געװאָלט קײן געלד, מעדאַלען,
ניט דערװאַרטעט קײן באַלוינען.

אײנמאָל, אין אַ נאַכט אַ שטילער,
װען דער װאַלד איז פול מיט סודות,
האָבען װעכטער אין אַ װינקעל
װאו דערהערט אַ קלאַפּען, רײדעס.

זײנען זײ אַהין געלאָפען
און דערזען אַזאַ פאַרברעכען:
גויאים לײגען האָלץ אויף פורלאַך, —
קומט זײ ניט הענט צעברעכען?

און זײ װאָלטען שוין געקראָגען
בײנער ריכטיג אָנגעבראָכען,
פערד און װאָגען צוגענומען,
קוים אַהײם צו זיך פאַרקראָכען!

האָט דער אַלטער גוטער וועכטער
זיך גענומען זיי באַשיצען:
לאָזט, חברים, אָפּ אַ ברודער,
וועט איר האָבן דערפון נוצען?

וועט איר שלאָגען, וועט איר שינדען,
רייסען שטיקער פון אַ ברודער.
פאָלגט אַן אַלטען מאַן, חברים,
מאַכט דערפון ניט קיין געררודער!

האָבען זיינע רייד, די קלוגע,
אָפּגעשוואַכט דעם כעס און צאָרען
פון די וועכטער מיט געפּילען.
איינער נאָר ז׳געוועז אַ דאָרען...

און ער האָט אים גלייך פאַר׳מסור׳ט
צו דעם האַר — דעם פריץ שלעכטען.
און דער פריץ האָט געגעבען
אים אַ פסק שוין גאָר אַ רעכטען:

„הער נאָר אויס, מאַטוויי, דו אַלטער,
לאָזסט גנבים פריי געוועלטען?
ווייסטו ניט — דער וואַלד, די בוימער
קאָסטען שווערע, שווערע געלטען!?"

„כ׳וויים דאָס, פריץ, אָבער דאָרטען,
(קלאַפּט זיך מיט דער האַנט אין האַרצען)
רייסען שטיקער פון אַ ברודער —
ברייגגען וועט אַ סוף אַ שוואַרצען!

כ׳קען ניט, ניין! דאָס האַרץ דערלאָזט ניט.
הימעל, ערד, דער וואַלד און מענשען,
יאָ, מ׳קען דאָ אַנדערש האַנדלען,
איינער זאָל אַ צווייטען בענשען!"

„אָי, מאַטווײ, ביזט צו אַ קלוגער,
קענסט אַ וועכטער מער ניט בלייבען.
כ׳וועל אין שטאַל אַריין דיך שיקען,
בא די פערד דאָרט וואַשען, רייבען!“

„קענסט מיך שיקען וואו דו ווילסט נאָר.
זאָל זיין פערד צו וואַשען, רייבען!
כ׳וועל דאָס שטיקעל ברויט פאַרדינען,
זאָל מיין איך נאָר ריין פאַרבלייבען!“

שוין אַוועק פיל יאָרען, קינדער,
ס׳איז מאַטווײ שוין לאַנג געשטאָרבען.
און די וועלט, די מענשען זיינען
פונקט ווי דעמאָלט נאָך פאַרדאָרבען!

פריצים שטיקען, וועכטער שלאָגען,
טרערען גיסען, ברידער שרייען.
איינער האָט פון אַלעם גוטען,
אַ צווייטער קאָרטשעט זיך אין דרייען.

דאָך, איך זאָג אייך, ליבע קינדער,
גוטעס וועט דאָ קיינמאָל שטאַרבען:
יענע טאַטען פון מאַטווייען
לאָזען איבער קלאָרע פאַרבען...

פון מאַטווייען, און פון שמואל׳ן,
אויך פון משה׳ן און קיריל׳ן,
קינדערלאַך, ס׳וועט לאַנג ניט נעמען
וועט מען נייע לידער שפּילען!

לידער פרייע, מענשען פרייע.
הימעל, ערד און וואַלד פאַר יעדען.
פרייע קלאַנגען, שטאָלצע מענשען,
אַלעם מעג מען זאָגען, ריידען!

— — — — — — — — — — — —

יאָ, געווען איז שטאָלץ דער וועכטער, —
זיך געאָפפערט פאר די מענשען.
זייט ניט ערגער, וועט מען שרייבען,
וועט זיך יעדער מיט אייך בענשען!

משה׳לע און יאָסעלע

משה׳לע, יאָסעלע — אינגעלאך צוויי
שפּילען זיך שטענדיג אינאיינעם.
משה׳לעס טאַטע איז רייך, אַ גביר,
יאָסעלע׳ס — אָרים איז גרונם!

אָרים, אַ קראַנקער, מ׳באָרגט און מען לייט.
אויך מיר אַ לעבען — אויף צרות.
אָרימע, קראַנקע האָט קיינער ניט ליב,
עס שלאָגט מיט זיי יעדער כפרות!

האָט משה׳לע איינמאָל באַם חבר געפרעגט:
„וואָרום איז דיין רעקעל צעריסען,
די שיך זיינען אַלטע, מיט לאַטעס אַרום,
כ׳וואָלט, יאָסעלע, וועלען דאָס וויסען?!“

האָט יאָסעלע רואיג זיין חבר באַטראַכט,
געקוקט אין די אויגען, געשוויגען.
און שטיל אים געענטפערט: מיין טאַטען איז שווער
צו רויבען און זאָגען אַ ליגען!

און קומט ער אַ מידער אין אָווענט אַהיים,
צעבראָכען פון טעגלאַכע ליידען.
דערציילט ער דער מאַמען פון אַלעס אַרום,
די מעשות ביים הארצען, זיי שניידען!

דער גנב׳עט, דער גזל׳ט, דער רויבט און באַטריגט
אַן הארץ, אַן אַ טראָפּען געפילען.
מיט לעבענס זיי שפּרייטען פאר זיך אוים אַ וועג,
מיט יענעמס נשמה זיך שפּילען.

איך קען ניט, מיין ליבע, איך בלוטיג פּאַר זיי —
די אָרימע, עלענדע מענשען!
אַ שטילען, אַ גוטען און ערלאַכען מאַן
וועט קיינער געווים דאָ ניט בענשען...

און נאָך וואָס פון לעבען דערציילט ער פּאַר איר.
מיין מאַמע אים ענטפערט מיט טרערען:
ווען וועט שוין דאָס וועלטעלע שענער דאָ זיין,
אַ לעבען אַ בעסערס — באַשערען?

ווען וועלען די רייכע דערפילען דעם טעם
פון ליידען, יסורים און טרויער?
ווען וועט אַ געוויין זיך דערהערען אָט דאָרט —
אין שטיינערנעם פּאַלאַץ, אין מויער?״

„אַזוי גאָר? מיין טאַטע איז פריילאך און גוט,
מיין מאַמע האַלט שטענדיג אין לאַכען!
עס גייט איצט צו יום־טוב, אַ מלבוש און שיך
מ׳וועט מיר שוין אויפנייען, מאַכען!״

האָט משה׳לע שטאָלץ אים געענטפערט אויף גיך.
„מיר עסען, מיר טרינקען, מיר לעבען!
ס׳האָט מיר מיין מאַמע אַ מעשה דערציילט,
גאָט ליבט אונז — האָט ער דאָס געגעבען!...״

איז יאָסעלע ערנסט געשטאַנען, פאַרטראַכט,
געקוקט צו די הימלען, — געשוויגען...
„מיין טייערער חבר׳ל, יאָסעלע קינד,
ניט גלויב זיי, ס׳איז אויכעט אַ ליגען!...״

פּייסי דער יתום

פּייסי דער יתום — אַ אינגעל מיט חן,
געבליבען ער איז אויף דער וועלט דאָ אַליין.
די הויזלאַך צעריסען, מיט באָרוויסע פיס,
קיין גואל, קיין קרוב, כאָטש נעם און דערשיס

דעם אינגעל וואָס טראָגט אויף זיך יאָרען שוין אַכט,
וואָס האָט נאָך אַ טבע: ער שטיפט און ער לאַכט..
וואָס טוט מען? זיך ברעכען די קעפּ אַזוי פיל.
אַן עצה, אַ תכלית, אַ שטיקעלע ציל!?...

רב ברוך דער נגיד אַזש קריכט פון דער הויט,
און לייבע דער שמש אים האַקט ווי אין קרויט...
און חנה, און פעסי, און שפרה'לע אויך.
ס'קאָכט זיך אין שטעטעל, ס'גייט אַזש אַ רויך:

א יתום, אַ יתום, אַן עלענדער, וויי!
הערט מען פון יעדען אַנאַנדער געשריי.
און פּייסי דער יתום — ער שטיפט און ער לאַכט,
פאַרגעסט זיך, ס'איז יאָרען געוואָרען אים אַכט!

ער הערט ווי דעם קאָטער דעם גאַנצען יאָריד
און זינגט אונטער לוסטיג אַ יתום'דיג ליד...
די יאָרען, זיי גייען אים ווייניג וואָס אַן, —
ס'וועט שפּעטער דאָ זיין נאָך גענוג וואָס צו טאָן!

נו, לעבט ער אין צרות, דער יתום און שווייגט.
און יעדען באַזונדער זיין האַרציגקייט צייגט:
דער שלאָגט אים, דער ווייזט אים אַ דרך צו גיין;
דער גיט אים אַ שטורכע: אַזוי איז ניט שיין!

אַ טאַטע, אַ מאַמע — ער האָט זיי אַ סך...
איז הונגעריג, שלעפעריג, האָט ניט קיין דאַך.
און לערער, און ווייזער — אוי, וויפיל? אַ שרעק!
און קרובים, און פריינדע — ס'נעמט גאָר קיין עק!

אַזוי האָט זיך פייסי געלעבט ווי אַ גראַף.
פון יעדען געהערט נאָר: טו עפעס, שאַף!
אין דחקות, אין נויט און מיט פריינט אָן אַ שיעור,
און קיינער גאָר לאָזט ניט אַרויף אויף דער טיר.

נאָר גאָט איז אַ פאָטער, די צייט איז אַוועק.
צו לײדען קומט אויבעט אַמאָל דאָך אַנ'עק....
און פייסי איז איצטער דער פירער פון שטאָט, —
ער וויל אַז יתומים זאָל לעבען זיך גוט...

אַ קעמפער, אַ רויטער אַרמייעץ איז ער.
ער פירט די סאָלדאַטען, קיין זאַך איז ניט שווער.
און טאַטעס און מאַמעס, מ'קומט און מ'בעט:
פייסיניו, כ'האָב דיר געגעבען אַ גלעט!

פייסיניו, כ'האָב דיר געקויפט אַ פאָר שיך,
כ'האָב ווי אַ קינד דיך געהאַלטען בא זיך!
העלף-זשע אַצינדערט, דו ביזט דאָך אַ כוואַט!
געלעבט האָב איך, ווייסטו דאָך, ווי אַ מאַגנאַט?...

און לייבע דער שמש, געבויגען צו דר'ערד,
גלעט מיט אַ פחד ביי פייסי'ן די שווערד:
איך בין דאָך אַ קבצן געווען... און אַצינד?
געזען דו זאָלסט וואַקסען אַ אָרענטלאך קינד!...

געשטראָפט דיך, געמוסר'ט, געגעבען א קלאַפּ,
געוואוסט, אַז דו האָסט אַזאַ טייערען קאָפּ...
נאָר האָב ניט פאַראיבעל, אָ, חבר און האַר,
און צאָל ניט מיט בייזען מיר איצטער דערפאַר!

פֿאַרטראַכט האָט זיך פּייסי דער יתום, פֿאַרטראַכט.
אַ קוק וואו געגעבען... זיך נערוועז צעלאַכט...
דערמאָנט זיך די קינדהייט, דאָס לעבען אַרום,
אַ וואָרט ניט געענטפֿערט, באַטראַכט יעדען שטום.

און שטייף האָט געכאַפּט ער די שווערד אין דער האַנט,
מיט שלוכצען געפֿאַלען איז ער אויף דער וואַנט:
דערפֿילט יענע יאָרען פֿון עלענד און נויט,
און איצטער — דעם קאַמף פֿאַר'ן שטיקעלע ברויט...

און לייבע דער שמש באַטראַכט אים מיט שרעק:
עס נעמט שוין צום שטעטעל געווים איצט אַנ'עק!
נאָר שטיל נעמט אָן פּייסי ביי לייב'ן די האַנט
און ווידער ער פֿאַלט אַ נערוועזער צום וואַנט...

אַ שלעכט אינגעל

ס'האָט אַ פֿויגעלע אַ נעסטעלע געפֿלאָכטען,
געאַרבייט אַזוי שווער, געטראָגען שטרוי און ליים.
געוואָלט ווי אַלע דאָ אַ ווינקעלע זיך מאַכען —
פֿאַר קליינע פֿויגעלאַך אַ שטיבעלע, אַ היים.

און ס'האָט געדויערט לאַנג דאָס נעסטעלע צו מאַכען,
געליטען האָט גענוג דאָס פֿויגעלע אַליין.
דאָך פֿריילאַך איז געווען דאָס פֿויגעלע און מונטער
און פֿאַרטיג איז דאָס נעסטעלע און שיין.

און אַלץ איז נאָך דאָס פֿויגעלע פֿאַרהאָוועט,
טראָגט פֿעדערלאַך און קערענדלאַך צום נעסט.
האָט אייעלאַך געלייגט און גרייט זיך, ריכט זיך
אויף פֿויגעלאַך, אַזוינע ליבע געסט...

און ס׳זיינען טאַקע באַלד די געסט צו איר געקומען:
פון יעדער אייעלע אַ פויגעלע ז׳אַרוים.
און ס׳פרייט זיך אָן אַ שיעור די קליינע מאַמע־פויגעל,
פרייט זיך — איר געזינדעלע איז גרויס...

נאָר ס׳האָט פון ערגעץ־וואו אַ אינגעל זיך באַוויזען
און האָט אַ שטיין געוואָרפען אין דעם נעסט.
אויף שטיקעלאַך האָט ער די היים צעבראָכען
און אויף טויט דערשלאָגען אירע געסט...

דרייט זיך, פליט אַרום די מאַמע־פויגעל
און באַוויינט די פויגעלאַך — איך הער!
קום אַהער, דו בייזער, שלעכטער אינגעל,
ועסטו אויך פאַרלירען דאָ אַ טרער!

מלחמה

זעץ אַוועק זיך, קינד מיינס, נאָענט, —
הער זיך איין צום טאַטענס ווערטער,
וועסטו ברייגנען מענשען נוצען,
וועסט ניט זיין אַ בייזער, שלעכטער!

ערשט ניט לאַנג — געציילטע יאָרען, —
זיינען מענשען ווילד געוואָרען
און פאַרפירט אַ קריג, מלחמה —
מענשען פיל און געלט פאַרלאָרען.

מענשען. שרעקלאַך צו דערמאָנען!
אויסגעקוילעט, אויסגעשאָכטען.
אַ פאַרזעעניש געשאַפען,
וואַקכאַנאַליעס געפאָלכטען...

פרעגסט מיך אָפט: דערציייל מיר, פּאַפּאַ,
וואָרום שפּרינגט דאָרט יענער אונטער,
האָט איין פוס נאָר? כ'קען ניט ריידען.
שווייגען איז, מיין קינד, געזונטער!

שווייגען. מיט די ציינער קריצען:
אַזאַ יונגער העלד צעבראָכען!
ספּרואַווען ווידער שוין טייוואָלים
עפּעס שרעקלאַכעס פּאַרקאָכען...

פּרואַווען ווידער. ביידע גייסטער
טראָגען זיך מיט האַסט און שטורעם.
פרעג ניט, קינד, מיך וואָרום יענער
האָט פאַרלוירען וואו אַן אָרעם?!

פרעג ניט, ווייל ס'איז טיף דער ווייטאָג
און די שפּראַך — ניטאָ קיין ווערטער.
ס'האָט געריבט באַ אים זיין אָרעם
ערגיץ-וואו אַ מענש אַ שלעכטער....

ערגיץ-וואו! אויף ווייטע פעלדער —
וויפיל גלידער, קעפּ און ביינער?!
ס'האָבען מענשען זיך געשלאָגען.
און פאַרוואָס? עס ווייסט ניט קיינער!

שווער, מיין קינד, זיך טיף פאַרטראַכטען,
זיך פאַרדיינקען אינ'ם לעבען!
און געדאַנקען — הייסע נאָדלען.
קינד מיינס, וואָס זאָל איך דיר געבען?

אַ קאַנאָן, אַ ביקס און שווערדען?
ניין, עס רייסט מיר אויף דעם מוח!
אַ גוט וואָרט, זיין גוט און ניצליך?
אוי, מ'דאַרף געדולד און כוח!...

אָבער, — נעם די ווערטער מיינע, —
זאָלען זיי דיין בלוט פאַר׳סם׳ען...
און דעם סם דו זאָלסט צעגיסען
איבער לענדער, איבער ים׳ען!

און פאַרגיפטען יעדענם בלוטען
מיט אַ פייער פון אַ גלויבען...
מיינע ווערטער ווילען מענשען
פונ׳ם זיין און שלאָף באַרויבען!

מיינע ווערטער — דיינע בלוטען
ווילען שפריצען פונקען פייער.
הער זיך איין מיט גרוים כונה,
יעדער וואָרט איז זייער טייער!

הער זיך איין און זאָלסט דערציילען,
ברענען הערצער, צינדען בלוטען,
ווילען מענשען עם באַגרייפען
און ס׳וועט פירען שוין צום גוטען:

אוים מלחמה! אוים קאַנאָנען!
פרייע מענשען! טיפע בליקען!
ס׳וועט א ברודער מער ניט רויבען —
וועט דעם שוואַכערען ניט שטיקען....

אוים מלחמה פעלדער, וועלדער
גרויסען זיך מיט בלומען, קאָרן....
און די מענשען — גוטע, פרייע, —
אָן אַ שפרינקעלע, אַ דאָרן....

יאָסעלע

אין אַ שטעטעלע ווייט-ווייט,
אין אַ שטיבעל נידריג-קליין
האָט אַ אינגעלע געלעבט, —
יאָסעלע — אי קלוג, אי שיין.

איז זיין טאַטע קראַנק געווען
און זיין מאַמע — אָרים מיד.
פלעגט זי בא זיין וויגעלע
שטענדיג זינגען אים דאָס ליד:

שלאָף, מיין פויגעלע, שלאָף איין,
שטיל עס איז אַרום די נאַכט,
און אַ מלאך׳ל שוועבט אום, —
האָט „אַ תורה״ דיר געבראַכט!

ס׳איז אַן אוצר דאָרט פאַראַן,
יעדע שורה׳לע — אַ קוואַל...
יעדער אות ווי פייער גליט,
ס׳איז דער אינהאַלט זונענשטראַל!

שלאָף-זשע, מאַך די אויגלאַך צו,
זאמעל כוחות און געדולד!
דאָס געלעגערל איז הארט?
גלויב מיר, קינד, ס׳איז ניט מיין שולד!

הער נאָר ווי דער טאַטע הוסט,
קען ניט שלאָפען גאַנצע נעכט.
יעדער טאָג איז פול מיט זאָרג
און דער קאָפ ער דרייט און ברעכט:

חיים׳ל דאַרף שטיוועלאַך,
ס׳איז אין דרויסען אַזוי קאַלט.
משה׳לע דאַרף הויזקעלאַך, —
שטיקלאַך ממש פון זיי פאַלט!...

שרה׳לע — אַ קליידעלע,
ציפּקעלע איז עפּעס קראַנק.
יאַנקעל וויל אַ ביכעל גאָר,
לייענען עמיצענ׳ס געדאַנק.

נו, און יאָסעלע וואָס וויל?
ס׳איז דאָס בעטעלע שוין אַלט...
קינדער־אויגען בעטען פיל,
און דאָס האַרץ זיך ממש שפּאַלט.

שלאָף, מיין קינד, די נאַכט איז שטיל,
ס׳גיט אַ ווינטעל אָפּט אַ ברום.
ס׳איז דאָס מלאך׳ל אַוועק,
דיך גערופען ערגעץ: „קום!“...

— — — — — — — — — — — — —

איז די צייט געלאָפען וואו.
צו דער אייביגקייט, אַהין.
יאָסעלע — אַ גרויסער מענש,
וואָס פאַרשטייט דעם לעבענס־זין.

יאָסעלע — אַ גרויסער מענש,
און געדאַנקען קריכען טיף.
יאָ, די תורה ער פאַרשטייט,
האָט פון אַלעם אַ באַגריף.

און דאָס מלאך׳ל — שוין לאַנג!
יאָ, דאָס לידעל ער געדיינקט.
יעדען איינעם ער פאַרשטייט
און פאַר אַלעמען ער קריינקט...

יאָ, דאָס לידעל, יעדעס וואָרט
טיף אַריין איז אין זיין בלוט.
און די תורה לייכט און שיינט.
ר׳וויים וואָס שלעכט איז, וואָס איז גוט.

טראָגט מיט אימפּעט זיך די צייט.
יאָסעלע׳ן פאַרטראָגען וואו.
מאָמעניו, ווי שטורמיש — שווער!
ר׳וויים ניט פון קיין לעבען, רו.

דער איז אָרים, יענער — קראַנק,
האָט אַ ווינקעל ניט, אַ דאַך.
איינער שלעפּט זיך דאָרט אָרום,
וואָס איז צו שפּאָט און איז צום לאַך.

און יאָסעלע זעט אַלעם צו,
ער האָט פאַרשטאַנד, ער האָט געדולד.
אַצינדערט ווייסט ער און ער פילט, —
ס׳איז נישט געווען זיין מאַמע׳ס שולד,

וואָס ס׳איז זיין בעטעל אַלט געווען
און דער געלעגער אַזוי האַרט.
אַזוי פיל יאָרען שוין אַוועק,
און ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט.

אַזוי פיל יאָרען... יענע נעכט:
דער מאַמע׳ס ליד, דעם טאַטע׳ס הוסט.
וואָס רייסט אַ טרער זיך פון׳ם אויג:
וואָס שרפ׳עט דאָרט אַזוי אין ברוסט?

וואָס ברענט אַ פייער טאָג און נאַכט,
וואו איז זיין קינדהייט? און אַצינד!?
און מענשען זיינען נאַריש, טעמפּ
און קריכען אום ווי ווערים, בלינד...

און קריכען אום... „אוי, מלאך׳ל!"
ער בעט זיך: „נעם די תורה צו!
פאַרטעמפּ מיין מאַרך, מאַך בלינד מיין אויג,—
געניסען כאַטש אַ פרייע שעה!"

נאָר ס׳לאַכט דאָס מלאך׳ל און קוועלט:
די תורה נעמט מען ניט צוריק!
מ׳האָט זי געגעבען צו דעם מענש
צו ברייגגען פרייד און ליכט און גליק...

און ס׳טראָגט זי יאָסעלע אַרום,
פאַרשפּרייט זי וואו ער גייט און קומט.
אָט רעדט ער אַזוי ווייך און מילד;
אָט ער בייזערט זיך און ער ברומט.

און קינדערלאַך אים הערען אויס, —
זיי ווילען יאָסעלע׳ן פאַרשטיין...
און ליכטיגער עס ווערט זיין בליק:
ער טראָגט די תורה ניט אַליין...

קינדערלאַך, קינדערלאַך

קינדערלאַך, קינדערלאַך,
שטיפערלאַך קליין,
אַלעם פאַר אייך דאָ
איז פריי און ס׳איז שיין.

אויגעלאַך זוכען
און זוכען אַרום.
ס׳איז אייער וועג דאָ
אַ גלייכער, ניט קרום.

ווייניק פאַרלאַנגען
און פריידען אַ סך,
אויף שווערקייטען טוט איר
אַ קינדערשען מאַך:

עס, ניט געפערלאַך,
דאָס לעבען איז פריי!
אַלעם פאַר אייך —
ניט פאַרשטענדלאַך און ניי...

לעבען אַ קוואַל איז
פון פריידען און גליק.
זוכען די אויגלאַך,
עס נישטערט דער בליק.

זוכען, געפינען.
פאַר קינדער איז דאָ:
פריידען, געזאַנגען,
פאַרגעסונג און רו.

קינדערלאַך, קינדערלאַך,
שטיפערלאַך קליין,
יאָ, אייער וועלטעל
האָט אינהאַלט און חן!

שטערענדלאַך

אויגעלאַך זילבערנע
פינקלען — אַ פּראַכט.
און זיי באַשיינען
די שטילינקע נאַכט.

טוקען זיך, וואַרפען זיך,
ריידען פון ווייט.
„שיין איז דאָס וועלטעל !"
אַ שטערענדל שרייט.

„שיין איז דער הימעל,
די ערד אַזוי רייך.
הערט נאָר ווי האַרציג
עס מורמעלט דער טייך !

„הערט נאָר די שטימעלאַך, —
קינדערשע רייד.
שטערענדלאַך וואַקסען
און גליען פון פרייד !

„שטערענדלאַך הערען, —
פאַרשטייען די שפּראַך,
קוועלען פון קינדערשען
זינגען און לאַך.

קוועלען דאָ אויבען
און שמייכלען צו אייך.
זיינען מקנא דער ערד
וואָס איז רייך,

רייך און פאַרגיטיגט
מיט קינדערלאַך קליין.
אַזש צו די הימלען
דערגרייכט אייער חן !"...

אָט זע איך!

אָט זע איך די שולע,
דעם גאָרטען אַרום,
די שטילינקע בוימער,
דאָס געסעלע — קרום.

די קינדערלאַך, מיינע
חברים, ווי גוט!
וואָס טרערען די אויגען,
וואָס קאָכט זיך מיין בלוט?

אברהם׳לע, יאָסעל
און משה איז דאָ!
און בעני דער לאַכער,
וואָס גיט ניט קיין רו...

און בונים דער לערער —
אין ווינקעל ער שטעלט...
די מאַמע וואָס גיט ניט
אויף עפּעל קיין געלט...

אָט זע איך דעם טאַטען.
ער האָט זיך פאַרטראַכט...
אַ שכנה, אַ צווייטע, —
פון עפּעס מען לאַכט.

דאָס טייכעל, די וועגען
דורך קאָרן און היי.
מיקיטען דעם אַלטען
וואָס גיט אַ געשריי:

אוועקט, איר אזוינע, —
מאכט קאַליע דאָס ברויט!
וואָס ווייסען דען קליינוואַרג
פון פראַצע, פון נויט?...

אָט זע איך דעם דאָקטער, —
די קינדער ער גריסט.
און רואיג מיין קינדהייט
אין שטעטעלע פליסט...

ווען איך וועל אַ גרויסער ווערען.

ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן,
וועל איך אויך אַ טאַטע זיין
און צום אינגעלע כ׳וועל זאָגען:
„ביזט אַ שטיפערל גאָר פיין!"

און צום מיידעלע: „וואָס ווילסטו,
פענים, פענים אָן אַ שיעור?
יאַנקעלע, איך וועל באַשטראָפען!
שרה׳לע, וואָס איז מיט דיר?"

ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן
ווי דער טאַטע — אָט אזוי!
וועל איך קויפען זיך אַ מאַנטעל,
אַ גאַרניטור — טונקעל־בלוי...

ווען איך וועל אַ גרויסער ווערען,
וועט זיך לעבען גוט און פריי.
לויפט געשווינדער, יאָרען, ס׳איז מיר
זיבען יאָר געוואָרען מאַי!

זיבען יאָר. נאָך ווייט צו פערציג.
ס׳איז מיין טאַטע אַזוי אַלט.
פאַר דער מאַמען אָפט ער קלאָגט זיך:
רחל! אוי, איך ווער שוין אַלט...

וואָס-זשע הייסט עס, איז אַ טאַטע
אויך ניט אַזוי גוט צו זיין?
און מיר דאַכט זיך אַז עס לעבט זיך
טאַטעס אַזוי גוט און פיין!?

איך האָב ליב דעם זומער

איך האָב ליב דעם זומער,
פריי מ׳קען זיך פילען
און פאַרברייינגען לוסטיג:
זינגען, טאַנצען, שפּילען.

איז די גאַס אַ איינגע
און דער פּאַרק — פאַר מיילען.
ווי-זשע קענען קינדער
פריילאַך זיך פאַרווייל‌ען?

און די מאַמע ז׳נערוועז
און דערצו — פאַרנומען,
מוזען קינדער וואַרטען
ביז דער טאַטע ט׳קומען!

קומט ער גאַר אַ בייזער
פון פרנסה ליידען.
שווייגען מיר שוין קינדער,
האָבען מורא ריידען...

שווייגט די מאַמע אויכעט,
קוקט נאָר אויפ׳ן טאַטען.
ווייסט, ס׳איז גרינגער ריידען
צו אַ מענש אַ זאַטען...

נעמט זי אים דערציילען
ווי די קינדער ליידען.
און די ווערטער — מעסערס
שטיקער ממש שניידען...

קוקט ער און באַטראַכט אונז
מיט אַזוי פיל ליבע:
קושט אונז מיט די אויגען
זיינע קלוגע, טריבע.

פלוצים, ווערט ער מונטער:
„קינדער, קומט אַביסעל!"
און אַ טרער אַ הייסע
פאַלט אַריין אין שיסעל...

פרייע שעה׳ן...

שפילט זיך, קינדער, לאָזט זיך וואוילגיין,
לעבט, געניסט פון פרייע שעה׳ן, —
איצטער איז דאָך ליבער זומער, —
אייער צייט אַביסעל רוען!

אייער צייט צו שטיפען, לאַכען, —
שולען שטייען צוגעמאַכטע.
וואָס־זשע שטייט איר דאָרטען, קינדער,
אַזוי ערנסט און פאַרטראַכטע?

לעבט, געניסט, ס'איז קורץ דער זומער;
די מאַנאַטען יאָגען, לויפען.
ווידער עפּענען זיך שולען,
נייע ביכער דאַרף מען קויפען!

נייע ביכער, נייע העפטען,
ווידער גריבלען זיך און וויסען
ווי אַ מענשען צו באַהאַנדלען,
ווי אַ צווייטען צו באַגריסען...

וואָס-זשע שטייסטו אַ פאַרזאָרגטער, אינגעל,
מיט פאַרוויינטע אויגען,
זאָג, וואָס זוכסטו אויף דער ערד דאָרט,
וואָס האָסטו זיך איינגעבויגען?

„כ'בין געגאַן דעם דאָקטאָר רופען, —
ס'ליגט מיין טאַטע קראַנק, פאַרמאַטערט.
אויף דאָקטוירים און רפואות
שוין דאָס ביסעל געלט צע'פטר'ט!"

און וואָס האָט מיט דיר געטראָפען,
אינגעלע, דערצייל מיר גיכער!
„ס'ליגט א ברודערל אַ קראַנקער
ס'האָט אַן אויטאָ ווי אַ וויכער

אים אַ פיסעלע צעבראָכען, —
ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו היילען!"
וויינט דאָס אינגעלע און כליפּעט,
קען שוין מערער ניט דערציילען...

און וואָס וויינט אַ קינד אָט דאָרטען —
יענע מיידעלע מיט לאָקען?
האָט עמיצער זי באַליידיגט,
אָדער האָט זי זיך דערשראָקען?

„ס'האָט די מאַמע מיך געשלאָגען, —
כ'וויל אַ פּעני עפּעס קויפען,
און געשריגען: נאַ, זאָלסט וויסען
ווי אין גאַס אַרומצולויפען!"

זיינען דאָס די פרייע שעה'ן,
ווען די קינדער דאַרפען לעבען?
ס'איז דער זומער באַלד פאַראיבער,
וועט מען זיי דעם חוב אָפּגעבען?...

דער זיידע און די קינדער.

קינדער, קוקט — ס'איז בייז דער הימעל,
ווי דער אַלטער, גוטער זיידע...
אַלטע, גרויע און פאַרטראַכטע
קוקען טרוימעריש זיי ביידע.

און אַ רעגען וועט באַלד גיסען,
אין די הייזער אונז פאַרטרייבען.
און דער זיידע וועט שוין שרייען:
„קינדער, זעצט זיך עפּעס שרייבען!"

„שרייבען, שרייבען, שטענדיג שרייבען!
קינדער ווילען זיך דאָך שפּילען.
האָט איר ווען געזען אַז קינדער
ווי דער זיידע זאָלען פילען?...

קינדער, דאַרפען לויפען, יאָגען,
הוליען, פרייען זיך און טאַנצען,
און די אויגלאַך ווי בורשטינען
דאַרפען שטענדיג ביי זיי גלאַנצען!

ווייל דער זיידע דאָס ניט ליידען":
„קינדער, איר זיינט ווילד, צעלאָזען.
זעצט זיך בעסער עפּעס שרייבען.
שפּרינגט ניט אום דאָ ווי די האָזען!"

„שטענדיג שרייבען, שטענדיג ליינען.
קינדער זאָלען זיצען שטילע"?
קוקט אַ בייזער דורך די ברילען,
פרעגט: „וואָס איז דאָ די גדולה?"...

„מיינט איר דאָך, ער איז אַ שלעכטער?
ניין, ער האָט אונז ליב דאָס לעבען.
נאָר אַ זיידע בלייבט אַ זיידע, —
וויל אונז אַלץ צו וויסען געבען":

„זייט דאָ רואיגע, סטאַטעטשנע,
יאָגט ניט, לויפט ניט, זייט געלאַסען.
מערער לערנען, מערער שרייבען,
ווייניגער זיך וויצלען, שפּאַסען!

ווייניגער די שיך צערייסען, —
אַלעם קאָסט דאָ אַזוי טייער!
אָבער איר, קונדייסים, הערט גאָר
אייער זיידען ווי אַ דרייער!?"...

— — — — — — — — — — — — —

קינדער, קוקט — ס'איז גרוי דער הימעל
און דער זיידע קלאַפּט אין פענסטער.
און די שאָטענס דאָרטען שפּרינגען
אין דעם אויסזען פון געשפּענסטער...

אינאיינעם

אַלע קינדערלאַך אינאיינעם,
לאָמיר שפּילען אין אַ שפּיל!
גרויסע קענען זיך ניט פרייען,
קינדער דארפען דאָך ניט פיל.

עפּעס עסען, עפּעס טרינקען,
אָנגעטאָן זיך און אַוועק.
קינדער טראַכטען ניט פון מאָרגען,
קלערען ניט פון לעבענס-שרעק...

קלערען ניט פון פּוסטע זאַכען:
געלט באַהאַלטען וואו אַ סך...
עסען האָבען זיי — צעפרידען!
און אַבי ס'איז דאָ אַ דאַך...

און די זון איז אויך אַ גוטע —
לאַסטשעט קינדערלאַך געטריי.
טאַטע-מאַמע — ניט קיין שלעכטע
און דער לערער לאָזט זיין פריי...

און די צייט איז אויך אַ מילדע,
בעט זיך: איצטער נאָר, אַצינד
קענט איר לעבען און געניסען,
זייענדיג נאָך קליין, אַ קינד!

אַלע קינדערלאַך אינאיינעם,
לאָמיר שפּילען מיט אַ ברען!
גרויסע קענען זיך ניט פרייען.
אויב ניט איצטער — ווען-זשע, ווען?...

ברויטעלע

ליגסט אַזוי שטאַלץ באַ דעם פענסטער.
ברויטעלע, ברויטעלע, קײַלעכדיג ברויטעלע,
דו ביזט אַ פרײַנטעלע, דו ביזט אַ גאַסטעלע,
דו ביזט דער בעסטער און שענסטער!

דו ביזט אַ חבר׳ל, דו ביזט אַ שפּײַזערל, —
גיסט צו די קינדערלאַך עסען.
זײַ ניט ברוגז, וואָס קינדערלאַך קלײנינקע
האָבען דיר דאַנקען פאַרגעסען!

קינדערלאַך ליבען דיך, קינדערלאַך שעצען דיך,
זע, ווי זײ וואַקסען און בליען!
הער נאָר די שטימעלאַך, הער נאָר די לידעלאַך,
זע, ווי די אויגעלאַך גליען!...

זע נאָר די פּיסעלאַך, זע נאָר די הענטעלאַך,
בעקעלאַך בליען ווי בלומען...
זע נאָר די ייִנגעלאַך, זע נאָר די מײדעלאַך —
נאָר וואָס פון שולע געקומען!

דאָרט אין די ביכעלאַך, צווישען די שורה׳לאַך
לערענט מען קינדער צו וויסען,
אַז, דו ביזט ברויטעלע, זײער אַ פרײַנטעלע, —
ווי דיך צו צו שעצען און גריסען...

ווי דיך צו זײען, מאַלען און קנעטען,
באַקען, פאַרגרײטען צום עסען.
ברויטעלע, ברויטעלע! קינדערלאַך קלײנינקע
װעלען דיך קײנמאָל פאַרגעסען...

לילי

אויגעלאַך בלויאינקע, קלאָרע,
צײנדעלאַך ווײסע ווי ביין.
רעדט זי — די ווערטערלאַך פּערל.
ווערט אונזער וועלט אַזוי שיין.

קינדער. זיי מיינען וואָס זאָגען,
דער שמייכעל איז אמת׳דיג, פריי.
זיי ליבען מיט אמת׳ער ליבע,
זיי זיינען באמת געטריי...

באַטראַכט נאָר די אויגעלאַך אירע,
די הענטעלאַך גלעטען ווי זייד.
און עפּעס דערציילט זי די קליינע
פון קינדערשע זאָרגען און לייד...

פון קינדערשע פריידען און טרוימען,
פון וועלטען ווי טייכעלאַך שטיל...
און ס׳קלינגט ווי אַ גלעקעל איר קול׳כעל,
דערוועקט אַזאַ פריידיג געפיל...

פליכטען

אין דרויסען איז קאַלט, אַ שנייעלע פאַלט,
אַ ווינטעלע ברומט עפּעס אונטער.
דער טאַטע ליגט קראַנק, קיין קוילען ניטאָ.
און דאָ רוקט זיך אָן שוין דער ווינטער!

די מאַמע ז׳אַוועק עפּעס קויפען אין מארק
און ברײנגען די קינדערלאַך עסען.
אַוועק איז אַ שעה און צוויי שוין און דריי,
ווייזט אוים אַז זי האָט זיי פארגעסען?

נאָר אַט איז זי דאָ! די מאַמע איז גוט.
געבראַכט פאַר זיי עסען און זאַכען:
אַ ביכעל פאַר דעם, אַ שפּילכעל פאַר דעם
און קליינוואַרג זיך פרייען און לאַכען.

און ט'קוילען געקויפט, דעם אויווען געמאַכט,
געגעבען די שיכלאַך פאַרריכטען.
אין שול אַריין באַלד וועט יאַנקעלע גיין,
זיך לערנען דאָרט מענשלאַכע פליכטען.

נאַכטעלע

צוגעפאַלען איז דאָס נאַכטעלע.
איז געוואָרען אַזוי שטיל אַרום.
טראָגען קולות זיך באַנומענע,
לייגען וועלטען איין אויף שטום...

טולין זיך די קליינע קינדערלאַך,
שרעקען זיך פאַר עפּעס וואָס.
ס'קוקט דער הימעל אַ ברוגז'ער,
אָנגעלאָדען מיט פאַרדראָס...

רופט אַ מאַמע וואו די קינדערלאַך:
קומט אַריין אין שטוב, ס'שוין שפּעט!
עסען אָווענט-ברויט און שלאָפען גיין,
כ'האָב שוין אויסגעבעט די בעט.

צוגעפאַלען איז דאָס נאַכטעלע
ווי אַ מידער צו זיין בעט און שלאָפט...
און אַ מאַמע, הערט מען, קליינע קינדערלאַך
שלאָפען גיין זי רופט און רופט.

נאַכטעלע

נאַכטעלע, נאַכטעלע, פאַל שוין צו.
ברײנגסטע די קלײנע קינדער רו.
געװען אין שול, געשפּילט אין גאַס,
געהוליעט און געטאָן אַ שפּאַס.
נאַכטעלע, נאַכטעלע, פאַל שוין צו.
ברײנגסט די קלײנע קינדער רו!

נאַכטעלע, נאַכטעלע, ס'איז שוין צײט,
יעדער קינדעלע איצט שרײט.
אָנגעלאָפן זיך דעם טאָג
און פאַרמאַטערט שוין גענוג.
נאַכטעלע, נאַכטעלע, פאַל שוינצו,
ברײנגסט די קלײנע קינדער רו!

נאַכטעלע, נאַכטעלע, ס'איז שוין שפּעט,
קינדער גײען שוין אין בעט.
רוף די שטערענדלאך אַהער —
בלויע אויגעלאך װאָס מער...
נאַכטעלע, נאַכטעלע, קום שוין קום,
קינדער שלאָפן שוין אומעטום.

קױלען

מאַמע, זאָג װאו נעמט מען קױלען,
זע, זײ גלאַנצען אַזױ שײן.
װאַקסען קױלען אויף די בוימער?
ענטפערט מאַמע שטיל: אָ, נײן!

קױלען גראָבט מען טיף אין גריבער
און זײ קאָסטען, קינד מײנס, געלט.
און דאָס געלט מ'מוז פאַרדינען,
האָרװען שװער אױף אונזער װעלט!

מאַמע, ווער־זשע גראָבט די קוילען,
זאָג, איז פינסטער דאָרט אין גרוב?
אַרבייטער, מיין קינד, זיך גראָבען
עס זאָל וואַרעם זיין אין שטוב!

אַרבייטער? טאָ זאָג מיר, מאַמע,
קריגען זיי כאָטש גוט באַלוינט,
איז דאָ עסען, קליידער, קוילען
וואו אַ קוילען־גרעבער וואוינט?...

קומט אין פּאַרק אַריין!

קומט אין פּאַרק אַריין צו די גרעזעלאַך,
צו דעם גרויסען בוים.
ס'איז דאָך זומער היינט, דאַרפען קינדערלאַך
וועבען נאָר אַ טרוים!

זינגען לידעלאַך, טאַנצען, פרייען זיך,
לעבען איז דאָך פריי!
פאַר די קינדערלאַך, פאַר די שטיפערלאַך
יעדע זאַך איז ניי...

יעדער גרעזעלע, יעדער צווייגעלע,
ס'פויגעלע אין נעסט.
אויך די קינדערלאַך ווי די פויגעלאַך
קריגען פרייע קעסט...

ביז זיי וואַקסען אויס, ביז זיי ווערען גרויס,
הויבען אָן פאַרשטיין.
שטעלט זיך אַלע אויס אין אַ שורה'לע,
יאָ, איר קענט שוין גיין!

זומער־רעגען

זומער־רעגען, זומער־רעגען,
קיל אַביסעל אָפּ די לופֿט!
ס׳ווערען בוימער, גראָזען פרייער,
פון די בלומען טראָגט זיך דופט.

אזא שמעקעדיגער, פרישער,
וואָס דערקוויקט דאָס הארץ, דאָס בלוט.
זומער־רעגען, זומער־רעגען,
גים וואָס שטארקער, ס׳אַזוי גוט!

גים וואָס שטארקער, גים וואָס מערער
און דערפריש די ערד, דערפריי.
ווערען זאנגען הויך זיך הויבען,
וועט געראָטען זיין דאָס היי!

זומער־רעגען, זומער־רעגען,
ס׳זיינען קינדערלאך פארשמאכט.
איינער פליוסקעט זיך אין גריבעל
און א צווייטער קוקט און לאכט...

קענסטו מיר זאָגען?

קענסטו אָ, מאמע, מיר זאָגען
ווארום מ׳האָט די הינער פארשפארט
און דארטען אין ווינקעל דער שוחט, —
וואָס האלט ער דעם מעסער אוןווארט?

זיי קוואקען און בעטען באפרייאונג, —
אַ רעש, אַ געפילדער ארום.
זיי וויינען און קלאָגען, מיר דאכט זיך, —
אַ פויגעל, אַ חיה איז שטום!

זיי קענען ניט ריידען מיט ווערטער,
זיי פילען דאָך אָבער ווי מיר...
אַוועק איז דער מאַן עפּעס עסען,
נעם עפּען פון שטייג אויף די טיר!

און זאָלען זיי לויפען די הינער
אין פעלד, אויפ'ן גאָרטען, אַוואו
זיי האָבען דאָך אויך אַ נשמה
און ליבען דאָך פרייהייט און רו...

גייט, קינדערלאַך!

גייט, קינדערלאַך, אין שול אַריין, —
בלימעלאַך פארפלאַנצען.
לערנען זיך פאַרשטיין די וועלט,
זינגען, שפּילען, טאַנצען!

דרינגט אַריין אין יעדער זאַך, —
וויסען און באַגרייפען.
אייער דיינקען און פאַרשטאַנד
לייטערען און שלייפען!

זוכען אין דעם וועלטען־גאַנג
וועגען נאָר מיט בלומען.
גרינגער מאַכער יעדען טראָט,
גלייך — אַוועק אַ קרומען...

גרינגער מאַכען, שיין און פריי
וועלט מיט אירע וועגען.
אויב איר ווייסט ניט ווי אַזוי,
דאַרפט איר זיך דערפרעגען!

שפילט זיך, קינדערלאך!

שפילט זיך, קינדער, ס׳לויפט דאָס לעבען,
קורץ עס איז דער וועג פון זיין.
באַלד וועט איר אַ רוף דערהערען:
קינדערלאך, אין ראָד אַריין!

אין דעם ראָד פון לויף־געווירבעל.
נעכטען, היינט און מאָרגען אויך.
ווי דאָס לעבען יאָגט זיך, טראָגט זיך,
און צעגייט זיך ווי אַ רויך...

שפילט זיך, שפילט זיך, ליבע קינדער,
נעמט פון לעבען וואָס אייך קומט!
אין אַ ווינקעל ליגט אַ חיה,
ליגט באַהאַלטען און זי ברומט...

יענע חיה, דאגות הייסט זי,
וואָס פאַרצערט דעם מענשענ׳ס בלוט.
האָט קיין שליטה ניט צו קליינוואַרג,
עפעס האָט זי ניט קיין מוט...

דער בעטלער

קוק נאָר, מאמע, יענער אַלטער
שלעפט אַרום זיך איבער גאַסען,
בעטעלט, בעטעלט, און די מענשען
גייען אים פאַרביי געלאַסען.

מ׳האָט אַ פּוס אים אָפּגעשניטען,
ער איז בלינד אויףביידע אויגען...
און ווי רואיג מענשען גייען.
ווער האָט זיי אַזוי דערצויגען?...

איינער שמייכלט, יענער שפּאַסט גאָר
און אַ דריטער לאַכט פון אַלעם.
ער האָט עסען, וואָס צו טרינקען.
וואָס־זשע אַרט אים יענעמ׳ס דלות?

קוק נאָר, מאַמע, ווי זיי לויפען,
ווי זיי שטויסען זיך און יאָגען
און באַמערקען ניט דעם בעטלער.
אַזאַ שאַנד. איך וועל זיי זאָגען!

אין שול

שטייט אויף, קינדער, אינדערפרי,
וואַשט זיך אָפּ, פאַרקעמט די האָר,
כאַפּט אין ביכעל נאָך אַ קוק,
ווען געדאַנקען זיינען קלאָר!

עסט דעם אָנבייסען געשמאַק, —
איר זאָלט הונגעריג ניט זיין.
יעדען זאָגט: „אַ גוטען טאָג!"
און דערנאָך — אין שול אַריין!

דאָרטען עפענט אויף דעם בוך,
זוכט די סודות פון דער וועלט.
גראָבט זיך טיפער און געפינט
אַלעם וואָס איז נאָך פאַרשטעלט!

אין שול

זיצען קינדערלאַך אין שול,
קוקען אין די ביכער.
אַלעם צוגעגרייט פאַר זיי, —
זיינען קינדער זיכער!

אַבער קינדער זיינען קליין,
ווילן פּילע זאַכן.
לערנט מען זיי גאָר אין שול
פּרעמדע, שווערע שפּראַכן...

קוקן זיי פאַרוואונדערט אָן:
קינדער ווילן עסן!
שיך און זאָקן, קינדער־פרייד.
האָט מען גאָר פאַרגעסן!

זיצן קינדערלאַך אין שול,
בלאַנדזשען אויגן, זוכן.
ס׳קלעמען הערצעלאַך אין שטול.
האָבן זיי אַ קוכן?...

דער יתום

קינדער פרייען זיך און הוליען,
ס׳הערט זיך זייער קלאַנג אַרום.
וואָס איז בייז דאָרט יענער אינגעל,
קוקט אַזוי פאַרכמורעט, קרום?

אַזוי גרוים זעט אוים זיין היטעל,
זיינע שיך — פאַרלאַטעט, אַלט.
פון די הויזקעס, קוקט זיך איינעט,
שטיקלאַך, שטיקלאַך ממש פאַלט...

און די אויגן זיינען מידע
קוקן ערגעץ ווייט און קאַלט...
און זיי שטראָפן און זיי סטראַשען
אַזש אַ פחד גלייך באַפאַלט.

ר׳איז א יתום, האָט קיין היים ניט,
עלענד, פריי פאַר הימעל, ערד.
איז אַ וואונדער וואָס די אויגלאַך
זיינע שטעכען ווי אַ שווערד ?

פאַל, שנייעלע!

פאַל, שנייעלע, פון הימעל,
ס׳איז אומעטיג אָן דיר.
ס׳ווערט פריילאַך אויפ׳ן הארצען,
ווען כ׳גליטש זיך און איך פריר!

מיין שליטעלע אַ, טייערס,
נו, גיב זיך שוין אַ ריר!
פון באַרג איך לאָז אין טאָל זיך
און פריר און פריר און פריר.

פון באַרג אוי, וויפיל קינדער
מיט שליטעלאַך — אַ גוואַלד.
„אַ היים! געננג שוין, קינדער!"...
„יאַ, מאַמעניו, אָט באַלד!"

פאַל, שנייעלע, פון הימעל,
ווי פריילאַך ס׳איז אצינד!
ס׳איז גוט צו זיין אַ שטיפער,
ס׳איז גוט צו זיין אַקינד!...

אין געלויף

אין געלויף פון לעבען,
אין א איינגער גאַס,
שלעפט זיך אום אַ אינגעל,
אַזוי מיד און בלאַס.

טראָגט אויף זיך אַ קווישעל —
קיכעלאַך אַ סך.
אינגעלע, איך בעט דיך,
כ׳בעט דיך, גיב אַ לאַך!...

ניין, ער קען ניט לאַכען,
ערנסט — זיין געזיכט.
גייט ער מיט׳ן קווישעל
טאָן אַ שווערע פליכט...

ס׳וואַרט מסתם אַ מאַמע,
קינדער שוואַך און קליין
בעטען עפּעס עסען,
בעטען מיט געוויין...

ווינטער.

הימעל בלוי, ווייס די ערד,
שניי אין אַלע גאַסען:
פאַר די קליינינקע אַ פרייד,
לויפען זיי און שפּאַסען.

באַרג אראַפּ, באַרג אַרויף,
שליטעלאך זיך יאָגען.
פלינקער וויל א יעדער זיין,
דעם צווייטען איבעריאָגען...

פאַלען זיי טיף אין שניי,
הילכען מיט געלעכטער.
„סעמעלע, עס איז דיין שולד!”
„מעקסי, ביזט אַ שלעכטער!”

און זיי לאַכען, ווערען בייז,
ווערען ווידער חבר...
זעט נאָר, ווי דער קונדס דאָרט
גליטשט זיך אַזאַ בראַווער!

אַ וויג־ליד

שאַ, מיין קינד, שלאָף איין, שלאָף איין,
שפּעט עס איז שוין אין דער נאַכט.
ס׳האָט דער טאַטע, ווייל ביזט גוט
דיר אַ פערדעלע געבראַכט!

לייג דאָס קעפּעלע אַהער,
איילי־ליו־ליו, שלאָף שוין איין!
קוק, אַ שטערענדעל דאָרט ווינקט, —
וויל אין בעטעלע אַריין...

וויל זיך לייגען לעבען דיר
שטערענדל, אַוועק, אַוועק!
די לבנה שווימט אַהער.
ס׳איז אַ מעשה אָן אָן עק...

מיין אינגעלע

זיצט לעם מיר מיין אינגעלע
און וויל פון אַלעם וויסען:
וואָרום איציקעל איז פעט,
האַלט נאָר אין איין שיסען?

וואָרום יאַנקעלע איז געל —
זיינע אויגלאַך פרעגען:
מאַ, ווערסט קייפען שיכעלאַך?
עס וועט באַלד גיין אַ רעגען!

און ווארום דאָס ניגערל
בלאָנדזשעט מיט אַ קעסטעל,
האָט וואו יעדער פויגעלע
אויף אַ בוים אַ נעסטעל ?

און ער פרעגט מיך, לאָזט ניט אָפּ,
וויל פון אַלעם וויסען :
ווארום סעם איז אויסגעפּוצט,
הערי'ס שיך — צעריסען ?

אין פעלד.

בלומען, בוימער, הימעל בלוי,
ס'איז די וועלט דאָ גאָרניט גרוי.

גראָזען גרינען, סאַמעט־ווייך,
פנים'לאך ניט אזוי בלייך...

אויגעלאַך מיט לעבענס־גלאַנץ,
פיסלאַך הויבען זיך צום טאַנץ...

בלומען, בוימער, גראָז און פרייד,
קינדער, הימעלם בלויע קלייד.

און דאָס טייבעל אינדערמיט,
און דאָס פויגעלע וואָס פליט —

שאַפען אזא שיינע וועלט :
קיינעם גאָרניט דאָרטען פעלט..

אַ רפואה׳לע

זאָג, וואָס וויינסטו, ווינטעלע,
ווער האָט דיך געשלאָגען?
וויינט דאָס ווינטעלע און קלאָגט:
כ׳קען עס דיר ניט זאָגען!

האָב ניט מורא, ווינטעלע,
מעגסט מיר אַלץ דערציילען,
טוט דיר ווי דאָס הערצעלע,
קען זיך עס פאַרהיילען!

דריקט דיר דיין נשמה׳לע —
פול מיט שווערען זאָרגען?
האָב איך אַ רפואה׳לע,
קענסט עס בא מיר באָרגען.

אַ רפואה׳לע — געדולד.
כ׳נעם עס איין אין פּילען...
נעם עס אויכעט וועט עס דיר
דיינע ווייען שטילען!

קינדערלאַך, שטיפערלאַך.

קינדערלאַך, שטיפערלאַך,
ווייס איז די וועלט.
יאָגט זיך און גליטשט זיך,
אייך אַרט ניט די קעלט.

אַרויף און אַראָפּ
פונ׳ם באַרג אינ׳ם טאָל.
פאַר אייך איז דאָס קליינינקע
געסעל ניט שמאָל...

איר שטויסט זיך און יאָגט זיך
און פאַלט אינ׳ם שניי.
ווידער אין שליטעלע, —
ס׳גיט זיך אַ דריי.

פאַלט איר מיט אימפעט
און זינקט אינ׳ם שניי,
רעש׳ט איר און טומעלט
מיט פריידענס־געשריי.

קינדערלאַך, שטיפערלאַך,
ווייס איז די וועלט.
זעט נאָר — די נעזלאַך
פרירען פון קעלט!

דימענטען...

קינדערלאַך, אַ רעגען פאַלט —
דימענטען פון וואַסער...
הערשעלע וויל קלייבען זיי,
ווערט ער גאָר אַ נאַסער.

משה׳לע וויל ווערען רייך,
דער מאַמע צירונג ברייננגען.
מוז שוין זיין גאַרניטורעל
אויפ׳ן אויוועך הייננגען...

שרה׳לע — א מיידעלע
שעפט זיי מיט אַ טעפעל.
פליסען גאַנצע ריטשקעלאַך
פון איר בלאָנדען קעפעל...

און דער רעגען גיסט און גיסט —
דימענטען אַ מיינגע...
„יאַנקעלע, אַריין אין שטוב!"
„מאַמע, ביזט אַ שטריינגע!"

נאַכטעלע

ס'איז געקומען נאַכטעלע
ווי אַ שטילער גאַסט:
ניט פאַרברייגגען זייער לאַנג
און ניט זיין צו לאַסט...

שלעפען קינדערלאַך זיך מיד, —
אָפּגעהוליט פריי.
זיך געשלאָגען, אויסגעשמירט,
זיינען גאָר פאַרביי.

בייזערט זיך די מאַמע, שרייט:
„קומט שוין, קומט אַריין,
מאָרגען וועט אַ נייער טאָג
ווידער פאַר אייך זיין!"

שלעפען זיי זיך ווי פון שלאַכט,
נאַכטעלע ז'שוין דאָ.
צו די בעטען מידע, שוואַך
קוים זיי פאַלען צו...

דער שטיוועל־פוצער

אָרים, דאַר און אָפּגעריסען
גייט דאָס ניגערל אַרום.
טראָגט אַ קעסטעלע מיט שמאַטעס,
פרעגט ביי יעדען איינעם שטום.

ווייסען אלע וואס ער מיינט דא:
פוצען שיך איז זיין פארלאנג.
אך, ווי מיד די אויגלאך קוקען,
וויפיל פאדערונג און דראנג!

וויפיל צער און שטילער אומעט.
קום אהער צו מיר, א, קינד!
ווענעם חובות וועסטו צאלען
און דו ליידסט פאר וועמעס זינד?...

נא, פוץ אפ די שיך, מיין ליבער,
מאך זיי גלאנציג, שפיגעל־ריין!
דיינע אויגלאך רייסען שטיקער,
כ׳פיל מיך אזוי נישטיג, קליין!...

די פישעלאך

שווימען אום די פישעלאך
אין א גרויסער שיסעל.
מ׳האט געגעבען עסען זיי
גאר א היבשען ביסעל.

יאגען זיי זיך האסטיג, שנעל,
כאפען עפעס עסען.
אז דאס קעצל איז אין הויז
האט מען גאר פארגעסען...

און אוועק אין גאס אריין
עפעס נעמען, קויפען.
האט זיך מיט די פישעלאך
ס׳קעצל אנגעזויפען...

וויינט דער קליינער הערשעלע:
„פישעלאך, געליבטע!"
טאטע־מאמע טרייסטען אים, —
זיינען אויך באטריבטע...

האָפּ, האָפּ, קינדערלאַך!

האָפּ, האָפּ, קינדערלאַך,
שפּילען מיר אינאײנעם,
פאָלגען טאַטע־מאַמע און
טשעפּען זיך צו קײנעם!

האָפּ, האָפּ שפּרינגערלאַך,
שפּרינגען מיר אינאײנעם.
מאָרגען װעלען האָבען מיר
אַ טאָג אַ ליכטיג־שײנעם!

האָפּ, האָפּ, אינגעלאַך,
לערנען גוט אין שולע.
באָרװעסע, נאָר העמדעלאַך,
דאַרפען ניט קײן פּולע...

האָפּ, האָפּ, מײדעלאַך,
קלײדעלאַך געװאַשען.
קױפען ביכלאַך פאַר'ן געלט,
האָבען פײנט צו נאַשען!

קינדערלאַך און בלימעלאַך

קינדערלאַך און בלימעלאַך
װאַקסען און זײ בליען.
פױגעלאַך פון ערגיץ װײט
קומען שױן צופליען.

קינדערלאַך און בלימעלאַך
ברײנגען האָפנונג, פרײדען
זײ באַשײנען אונזער װעלט.
האָב איך ליב זײ בײדען!

קינדערלאַך און בלימעלאַך —
צירונג פונ׳ם לעבען,
האָט מען פרייע ווינקעלאַך
אייך כאָטש דאָ געגעבען?

קינדערלאַך און בלימעלאַך,
בלימעלאַך און קינדער,
זונען-שטראַלען דאַרפט איר נאָר,
אַ רעגענדל — געשווינדער!

מיר זיינען נאָך קליינינקע

מיר זיינען נאָך קליינינקע,
גייען אין שול.
הערצעלאַך דאַרפען
מיט פריידען זיין פול!

טאַנצען און זינגען,
נאָר לוסטיג דאָ זיין,
שעפען מיט הויפענס
די שטראַלען, די שיין.

וואַקסען, אַנטוויקלען זיך,
שטאַרקען דאָס בלוט.
אויף שפעטער פאַרגרייטען
אי כוחות, אי מוט.

מיר זיינען נאָך קליינינקע
קינדערלאַך, שוואַך.
אַרבייט וועט זיין פאַר אונז
שפעטער — — — אַ סך!

בלאָז, ווינטעלע!

בלאָז ווינטעלע, בלאָז,
ס׳איז היינט היים!
זע ווי ס׳גיסט זיך
פון יעדען דער שוויים.

און די קינדערלאַך
ליידען — אַ גוואַלד.
האָבען מענשען
פאַרדונגען דעם וואַלד...

און די לאָנקעס
פאַרבויעט, פאַרשטעלט
צו פאַרדינען
און אָנזאַמלען געלט...

בלאָז, ווינטעלע, בלאָז
און דערפריי.
מאַך גרינגער דעם צער
און וויי!

איך האָב ליב דעם זומער

איך האָב ליב דעם זומער,
ווען עס שיינט די זון.
שפּילען, זינגען, טאַנצען.
ס׳קומט געזונט דערפון!

לעבען קינדער פריילאַך,
וויסען ניט פון זאָרג.
„מאַמע, גיב אונז עסען!
טאַטע, ליי און באָרג!“

„קויף אונז שיך און קליידער,
גיב אונז געלט אַ סך!"
קינדער דאַרפֿן אַלעס,
עסן און אַ דאַך!

קינדער, קומט זיך שפּילן,
אונזער וועלט איז רייך!
שפּרינגען, זינגען, טאַנצן,
כאַפּן פֿיש אין טייך...

דאָס מייזעלע

„מאַמע, זע — אַ מייזעלע
קריכט דאָרט אויפֿ'ן טעלער,
מיט'ן בעזים גיב אַ קלאַפּ,
מאַמעניו, — — — וואָס שנעלער!"

האָט דאָס מייזעלע דערהערט
און האָט גלייך פֿאַרשטאַנען,
אַז עס דאַרף זיך ראַטעווען
און אַוועק פֿון דאַנען...

אָבער, ווײ! דאָס קעצעלע
האָט אַ שפּרונג געגעבן,
אָנגעכאַפּט דאָס מייזעלע
און פֿאַרצערט אַ לעבן...

שפּילן זיך צוויי הינטעלאַך

שפּילן זיך צוויי הינטעלאַך,
שפּילן זיך אין גאַס.
האַווקען, בילן, בייסן זיך.
„איז דאָס נאָר אויף שפּאַס?"

„מאַמע, זע — זיי בייסען זיך,
שלאָגען זיך מיט כעס!"
ענטפערט מאַמע אין דער שטיל:
„דאָס איז נאָר אויף שפּאַס!"

„אָבער זע, איין הינטעלע
בייסט מיט זיינע ציין,
און דאָס צווייטע איז אַוועק
מיט אַזאַ געוויין!"

ווען איך בין אַ גרויסער!

ווען איך בין אַ גרויסער,
אַ הויכער און שטאַרק,
וואָלט הייסען איך בויען
אַ ריזיגען מאַרק.

מיט עפּעל און באַרען,
מיט וויינשעל אַ סך,
מיט ברויטען און חלות.
און הערט נאָר מיין שפּראַך:

קומט, קינדער און גרויסע
און נעמט וואָס איר ווילט!
נאָך וואָס דאַרט אַ מאַמע
אַר יאַנקעלען שילט?

און גיט ניט אַ פּעני
אויף עפּעל און ברויט.
וואָס האַקט דאַרט אַ טאַטע
אַזוי ווי אין קרויט?...

וועז איך בין אַ גרויסער
ווי אַנדערע — — דאָ.
קינדערלאַך, ליבע,
וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ?...

פריילאַך, קינדער!

פריילאַך, קינדער, מונטער, פריי,
לאָמיר ציילען: איינס, צוויי, דריי.
לאָמיר לויפען הין און הער, —
שפּילען זיך אין „נאָדעל-שער!"

שפּילען זיך אין „ציגען-וואָלף"
און ווי גרויסע אויך אין „גאָלף".
בלייבען ליגען רואיג, שטיל, —
אַלץ פאַר קינדער איז אַ שפּיל!

לאָמיר שאַפען אַן אַרמיי,
גענעראַלען טרייע צוויי.
אָפּיצירען אַן אַ שיר, —
שרייען: גיט זיך ניט קיין ריר!

שרייען ווידער: קומט אַהער,
וואו דאָס לעבען איז ניט שווער,
וואו די זון איז נאָך נישטאָ,
מענשען וויסען ניט פון רו!

בוימעלע שיינינקס

בוימעלע שיינינקס,
מיר האָבען דיך ליב.
עפּעלאַך רויטינקע
מערער אונז גיב!

רויטינקע עפּעלאַך
פולע מיט זאַפט
גיבען די קינדערלאַך
כוח און קראַפט...

וועלען די קינדערלאַך
לערנען זיך גוט.
רויטינקע עפּעלאַך
שטאַרקען דאָס בלוט...

אַ פרילינג־רעגענדל

גיסט אַ פרילינג-רעגענדל,
פרייט זיך בוים און בלום.
ווערען גרין די גרעזעלאַך
זעט נאָר — אומעטום!

יאָגט זיך אום אַ ווינטעלע
אַזוי וואַרים, לינד.
שפּיל זיך, שפּיל זיך, זונעלע,
פריילאַך זיי מיין קינד!

פריילאַך זיי און יום-טוב׳דיג,
זינג און שפּרינג און לאַך.
דו וועסט האָבען פרילינג-טעג
נאָך אַ סך, אַ סך!

גיסט און גיסט דאָס רעגענדל
מיט אַ פרילינג קלאַנג.
יעדער טראָפּענדל פאַרמאָגט
ריטם און געזאַנג...

ווען עס גיסט אַ רעגען

ווען עס גיסט אַ רעגען
און דער הימעל וויינט,
זיצט דער קליינער יאָסל
ביי דעם טיש און לייענט.

לייענט אין בוך אַ מעשה, —
פריידיג איז זיין בליק:
ס׳האָט אַ מענש אַ גוטער
דאָ געשאַפען גליק...

ס׳האָט אַ מענש אַ גרויסער
ליבע, פרייד געבראַכט.
קוועלט דער קליינער יאָסל
און פאַר פרייד ער לאַכט.

לאַכט. איז ווידער ערנסט;
עפּעס האָט פּאַסירט.
און ביז טרערען הייסע
ס׳האָט דאָס קינד גערירט...

אַ פּיאַנע

קויף מיר, מאַמע, אַ פּיאַנע,
כ׳וועל זיך לערנען שפּילען!
קלאַנגען מאַכען ווייכער
מענשלאַכע געפילען...

יאָ, זיי רירען הערצער,
צינדען אָן די בלוטען,
פון אַ מענש אַ שלעכטען
מאַכען זיי אַ גוטען!

מאַמע, כ'ליב די קלאַנגען,
הער נאָר ווי זיי פּליסען!
און ווי מענשען, דאַכט מיר,
צווישען זיך זיי שמועסען...

און דערציילען יעדען
פון אַ וועלט אַ שיינער.
יענער קלאַנג, אַ מאַמע,
קריכט אַזש אין די ביינער!...

זון און וואָלקען

זע נאָר ווי די זון וויל שיינען,
האָט אַ וואָלקען זי פאַרשטעלט
און ער קוקט אויף אונז אַ בייזער
גלייך געקומען ס'וואָלט אים געלט...

און זי ליגט בײַ אים געפאַנגען
אַ פאַרמאַטערטע, פאַרשמאַכט,
ביז ס'וועט קומען אַ דערלייזער.
האָפט זי נעבאַך און זי וואַרט:

וועט איר, קינדער, זי באַפרייען?
זונען-שטראַלען ברענגען גליק.
„יאַ, מיר וועלען אַלעם געבען
פאַר איר העלען, זיסען בליק!"

אַ שפּיל

אַ שיינע שפּיל איך זע דאָרט אויבען:
ס'יאַגען וואָלקענדלאַך זיך אום.
קינדער, זעט נאָר — שאָף און רינדער
און אַ קו מיט הערנער קרום!

און אָט לויפט אַ הונט אַ בייזער,
שטשירעט מיט די ווייסע ציין.
זעט נאָר ווי אַ ציג שפּאַצירט דאָרט,
שאָקעלט ס'בערדל — יאָ און ניין!...

און דאָרט באַם ראַנד פון הימעל
שטייט אַ פּאַלאַץ — אַזאַ פּראַכט!
און אַרום — זיך שפּילען קינדער,
שטיפען, זינגען און מען לאַכט.

שיין עס איז די שפּיל פון הימעל,
רייך אין פאַרבען, אין קאָליר.
אויך אַ העלפאַנט זעט מען דאָרטען, —
שטייט און גיט זיך ניט קיין ריר...

מיר זיינען קינדער

מיר זיינען קינדער
שוואַך און קליין.
אונזער וועלט
איז אָבער שיין!

אונזער וועלט
איז קלאָר און ריין,
יעדען ווילט זיך
צו אונז גיין...

מיר זיינען קינדער, —
פראַנק און פריי.
אונזער וועלט
איז שטענדיג ניי!

שטענדיג ניי
מיט פרייד און גליק.
יעדען ציט
צו אונז צוריק...

לאָמיר טאַנצען!

לאָמיר טאַנצען, לאָמיר שפּרינגען, —
היינט איז זומער אויף דער וועלט.
אַך, ווי גוט עס וואָלט געוועזען,
ווען עס איז נישטאָ קיין געלט!

ווער דאַרף האָבען געלט? נאַראָנים!
אַלעס איז דאָך דאָ גענוג.
„בעריל, גיב מיר געלט צו קויפען!"
זאָגט מיין מאַמע טאָג נאָך טאָג...

און דער טאַטע קוקט אַ בייזער.
אוי, ווי מיאוס עס איז דאָס וואָרט:
געלט צו קויפען, צו פאַרקויפען,
אומעטום, אויף יעדען אָרט.

לאָמיר טאַנצען, לאָמיר שפּרינגען, —
היינט איז זומער אויף דער וועלט.
קינדער, לאָמיר אַלע שרייען
אַז מיר דאַרפען ניט קיין געלט!

קינדערלאַך

אינגעלאַך, מיידעלאַך
יאָגען זיך אום.
שמייכעלט דער זיידע,
באַטראַכט יעדען שטום.

אינגעלאַך, מיידעלאַך
שטיפען — אַ גוואַלד.
אין שטוב אַריין עסען
מ'עט רופען זיי באַלד.

אינגעלאַך, מיידעלאַך,
פריי זייער וועלט.
„זיידעניו, גיב אונז
אַביסעלע געלט!"

בלימעלאַך

אַ טעפּעלע מיט בלימעלאַך
מיין מאַמע האָט געקויפט
פאַר איר קליינעם אינגעלע,
וואָס שטיפט און יאָגט און לויפט.

שמעקען זיי די בלימעלאַך,
זיינען פול מיט חן.
שטייען אויף מיין טישעלע
ווייסינקע און ריין...

און אַ לופט פאַרשפּרייטען זיי
שמעקעדיג און ווייך.
שרייען אַלע קינדערלאַך:
„אוי, ס'אַ זיסער ריח!"...

אין שול אַריין!

קינדער, גייט אין שול אַריין,
לערנען אַלץ און וויסען,
וואָס דאָס לעבען איז אַזוינס,
ווי אַ מענש באַגריסען!

לערנען, לערנען. אַך, ווי גוט!
דאָס איז טוי פון לעבען.
ס'האָבען מענשען זייער מאָרך
אונז אַוועקגעגעבען.

זייער לעבען, צייט, געזונט,
האַרציגע געפילען...
קינדער, גייט אין שול אַריין,
שוין גענוג זיך שפּילען!

רעגענדל

רעגענדל, רעגענדל, שטאַרקער גיס,
רעגענדל, רעגענדל, אָט אַזוי!
וואָלקענדלאַך זיינען בייז און גרוי
און באַלד וועט ווערען דער הימעל בלוי.

רעגענדל, רעגענדל, פּליוסק און פּליוסק,
רעגענדל, רעגענדל, פּאַל און פּאַל!
ס'בליצט און ס'דונערט—הערט אַ קנאַל
און עס גנב'עט זיך אַ שטראַל...

רעגענדל, רעגענדל, כליופּ און כליופּ,
רעגענדל, רעגענדל, ביזט אונז ליב!
קינדערלאַך שפּרינגען אום אין גרוב
און שרייען: ברוּיטעלע מערער גיב!

דאָס פישעלע

קויף מיר, מאַמע, ס'פישעלע.
אוי, ס'איז אַזוי שיין!
כ'וועל עס לאָזען וואַקסען נאָך,
זע נאָר ווי ס'איז קליין!

כ'וועל עס האַלטען אין אַ סלאַי,
ס'וואַסער פריש און קאַלט...
זאָג מיר, מאַמע, ס'פישעלע,
ווייסטו ווי ס'איז אַלט?

זאָג מיר וואָס וועט טאָן דערמיט
יענער הויכער מאַן, —
שניידען עס אויף שטיקעלאַך
און בראָטען אין אַ פאַן?

קויף מיר, מאַמע, ס'פישעלע, —
ס'איז נאָך אַזוי קליין.
אוי, ער נעמט דעם מעסער שוין, —
כ'וועל אַהיים ניט גיין!...

זומער

זומער זיינען קינדער פריי:
שולען ווערען צוגעמאַכט.
צוויי זיך שפּילען „טרייבער-פערד“,
איינער האָט אַ האַק געבראַכט.

און ער מאַכט אַ שטיבעלע.
ברעטער האָט ער שוין גענוג.
טשוועקעס אויך געקראַגען וואו,
מייסטרעוועט אַ גאַנצען טאָג...

— איינער ווערט אַ לערער גאַר, —
גיט די קינדער צו פאַרשטיין
ווי צו שרייבען אַלעף, בייס,
ווי זיך האַלטען גוט און שיין...

זומער זיינען קינדער פריי,
פירען אַזאַ שיינע וועלט.
און די זון מיט שטראַלען גלעט,
קושט די קינדערלאַך און קוועלט.

דער בוים

שטייט אַ בוים לעבן אונזער הויז,
איז ער ריזיג, איז ער גרויס.
האָט ער בלעטער אַזוי פיל,
איז אַ גוטער, אַזוי שטיל.

קומט אַ ווינטעלע ווען אָן,
טוט דער בוים זיך אַ דערמאָן:
ס'האָט אַ פויגעלע אַ נעסט —
קליינע פויגעלאַך אויף קעסט...

הוידעט ער זיך הין און הער,
שעפּטשעט: לעבען איז דאָ שווער!
וויגט די פויגעלאַך און וויגט
ביז אַ שלאָף האָט זיי באַזיגט.

און אין חלום זעען זיי:
וויפיל קערענדלאַך, אוי, ווי!
פאַלען צו מיט אַזאַ האַסט:
שוין אַ טאָג כמעט געפאַסט...

טאַנצט, קינדערלאַך!

טאַנצט, קינדערלאַך,
פריילאַך זייט!
ס'יאָגט זיך וואו
אוועק די צייט.

פריילאַך, קליינינקע,
שטיפט און לאַכט!
מאָרגען איז איצט,
ווייט צו נאַכט.

לוסטיג, שטיפערלאַך,
יונג איז בלוט!
אַלעם איז פאַר אייך
איצטער גוט...

טאַנצט, קינדערלאַך,
פריילאַך זייט!
נעמט דאָס בעסטע
פון דער צייט...

ס'קלינגט דאָס גלעקעלע

דער פרימאָרגען איז געקומען.
יאָסעלע מיין זון,
שטיי שוין אויף, מיין טייערער,
גיכער טו זיך אָן!

ס'קלינגט דאָס גלעקעלע דין-דין,
דאַכט זיך ס'איז שוין שפעט?
כאַפּט זיך יאָסעלע שוין אויף,
שפרינגט אַראָפּ פון בעט.

טוט זיך אָן און וואַשט זיך אָפּ,
עסט וואָס מאַמע גיט.
נעמט די ביכלאַך — „גוטען טאָג!"
אין דער שולע פליט...

לויף ניט אַזוי, טייער קינד,
האָסט נאָך צען מינוט.
פאָלג דעם לערער, רואיג זיי,
לערען פלייסיג, גוט!

צו די קינדער

שוין אוועק דער זומער, —
פרייע טעג פאַרפלויגען.
נידעריגער הויבט שוין
אָן די זון זיך בויגען.

עפּענען זיך שולען, —
קינדער ס׳לעבען ווייזען.
בעסערען, פאַררוכטען
אַלע שווערע גרייזען...

בעסערען דאָס לעבען,
טיף פאַרשטיין אַ צווייטען
און צערייסען אַלע
אַלע שווערע קייטען...

און באַפרייען, ברייננגען
פרייד און ליכט און גלויבען.
אַנזאָגען אַ בשורה
ווי די ווייסע טויבען...

וואָלקענדלאַך

זאָגט, וואוהין טראָגט איר זיך, וואָלקענדלאַך פרייע,
האָט איר אַן אָפּשטעל און רוהט איר פון רו?
אָדער ס׳איז גאָר אין די הימלען די הויכע
קיין אָפּשטעל פאַר אייך און קיין רו גאָר נישטאָ?

זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר וואָלקענדלאַך פרייע,
פילט איר זיך גוט אין די הימלען אַליין?
אָדער דאָס לעבען דאָרט הויך אין די ווייטען
איז אויך ווי בא אונז אַזוי נישטיג און קליין?

זאָגט מיר, דערציילט מיר, ס׳ווילט זיך מיר וויסען,
צי ליידט מען דאָרט הונגער, איז ווארים, איז קאַלט?

— — — — — — — — — — — — — — —

די וואָלקענדלאַך קוקען מיט ערנסט אַרונטער,
מיר דאַכט אַז זיי וויינען: אַ רעגענדל פאַלט!

פרילינג

פויגעלאַך פליען, פויגעלאַך שוועבען,
די שטראַלען פון זון ווערען צאַרט.
אוי, האָב איך, פרילינג, געוואָלט דו זאָלסט קומען,
דעם ווינטער געביינקט און געגאַרט!

פריי ווערען בלומען, אַרונטער די קליידער!
די פעלדער, די וועלדער, דער טייך.
מיר קינדערלאַך קענען איצט הוליען, פאַרברייגגען,
ס׳איז קיינער צו אונז גאָר ניט גלייך!

קיינער. מיר זיינען ווי פויגעלאַך פרייע:
אין שול וועט מען אויפהערען גיין.
נאָר שטיפען און הוליען, נאָר לאַכען און טאַנצען,
פרילינג, די וועלט ז׳אַזוי שיין!

פרילינג. די וועלט ז׳אַזוי ליכטיג און וואַרעם:
קינדערלאַך, פויגעלאַך — פריי!
זעט נאָר די הימלען די בלויע און קלאָרע,
ניטאָ מער קיין וואָלקענס פון בליי!

זון, זון

זון, זון, גיב אונז ליכט,
גיב אונז פרייד, גיב אונז שיין,
וועלען מיר זיך שפּילען פריי
און מיר וועלען פריילאַך זיין!

זון, זון, זיי מיט אונז, —
קינדער דאַרפען שטראַלען, ליכט!
ווערען ביינדעלאַך געשטאַרקט,
גרייט צו טאָן די קינדער־פליכט.

קינדער־פליכט: צו גיין אין שול,
לערנען און פאַרשטיין די וועלט,
און דערוויסען זיך פון דעם,
וואָס איז נאָך פאַר אונז פאַרשטעלט.

זון, זון, גיב אונז ליכט,
שיין און שטראַלען מער און מער.
וועט דאָס לעבען פאַר אונז זיין
שפּעטערצו ניט אַזוי שווער!...

שפּילט אַ וואָלקענדל

שפּילט אַ וואָלקענדל זיך אויבען
אין באַהאַלטעניש — באַטראַכט!
ווי אַ מאַמע אַ געטרייע
פרייט די זון זיך און זי לאַכט.

און דאָס וואָלקענדל — אַ שטיפער
ווי אַ קינד וואָס אַלץ פאַרשטייט,
דרייט זיך, יאָגט זיך, פּראָוועט קונצען,
ציט זיך אין דער לייננ און ברייט.

אַט געוואָרען ז׳עם אַ פערדל,
פלוצים גאָר — אַ וואָגען ברייט...
זעט — אַן אַלטער בעטלער בלאָנדזשעט,
איצט — אין שול אַ אינגעל גייט...

שפּילט אַ וואָלקענדל זיך אויבען
און די זון דאָם בילד באַטראַכט.
זעט זי — אינגלאַך דאָרטען שמועסען:
האָבען עפּעס אָפּגעמאַכט...

גים, רעגענדל!

גים, רעגענדל, גים —
ס׳איז טרוקען דער זאַנג.
מ׳הערט ניט אין פעלד
פון קאָסע אַ קלאַנג!

גים, רעגענדל, גים, —
דאָס גראָז איז פאַרברענט.
דער סערפּ וועט באַלד גלאַנצען
צווישען די הענט!...

גים, רעגענדל, גים
און זעטיג די ערד,
וועט פעט זיין די פּאַשע
פאַר קי און פאַר פערד!

גים, רעגענדל, גים, —
געשמאַק זאָל זיין ברויט.
ווּעלען די קינדער
ניט וויסען פון נויט!...

וואָלקען־סילועטען

קינדער, זעט נאָר, ווי דער הימעל
האָט צעשפּילט זיך דאָרט מיט פאַרבען.
אָנגעקומען איז דער אָוונט
און עס מוז דער טאָג שוין שטאַרבען.

שוועבען וואָלקענס אום פאַרשייטע,
יאָגען זיך אין אַלע זייטען:
פערד און לייבען, בערען, האָזען.
אויגענבליקלאַך גלייך זיך בייטען.

הייזער, מויערען, פּאַלאַצען,
פאָלקען גאַנצע, רעגימענטען,
קליינע קינדער דאָרט שפּאַצירען,
שולעס, לערער און סטודענטען.

מיט אַמאָל — מ'זעט שוין גאָרניט.
וואָלקענס בלייענע זיך טראָגען.
נאָר אַ דורכפאָרער אַן אַלטער
שלעפט זיך דאָרטען אויף אַ וואָגען...

דאָס גלעקעלע

קלינגט דאָס גלעקעלע דין־דין:
ווערען קינדער פריי פון שול.
קלינגען שטימעלאַך — ווי שיין!
אויגעלאַך — מיט פריידען פול...

קלינגט דאָס גלעקעלע דין־דין.
קלאַפען הערצעלאַך פאַר פרייד.
ס'האָבען לאַנקעס זיך פאַרפּוצט,
קוקט נאָר אַן דאָס גרינע קלייד!

קלינגט דאָס גלעקעלע דין-דין,
איז דאָס קלינגען אַזוי זיס.
„פרילינג, פרילינג איז שוין דאָ!"
ברייגגט אַ פויגעלע אַ גרוס.

קלינגט דאָס גלעקעלע דין-דין.
ווערט דער לערער אַזוי מילד.
קינדער איילען זיך אַהיים.
שעפּט ער נחת פון׳ם בילד...

גיסט אַ רעגענדל

גיסט אַ רעגענדל אין דרויסען,
בוימער שטייען אַזוי שטיל.
שוין אַוועק דער ליבער זומער,
ס׳בלאָזט אַ ווינטעלע שוין קיל.

בלעטלאַך פאַלען פון די בוימער,
יאָגען זיך מיט אַ גערויש
און אַן אַלטער מאַן פאַרקערט זיי,
לייגט זיי הויפענס-ווייז אין קויש.

קוקען בוימער צו און שווייגען,
טרויעריג איז זייער בליק:
זייער גאַסט — דער ליבער פויגעל
פליט אין ווייטען לאַנד צוריק...

לאָזט זיי איבער שטילע, שטילע.
זאָגט „אַ זיי-געזונט" — אַ וועק.
און דער הימעל זינקט אין טרויער
איבערפולט מיט צער און שרעק...

דאָס קליידעלע

די מאַמע נייט אַ קליידעלע
פאַר דער קליינער מיידעלע,
זינגט דערביי אַ לידעלע,
קוויקט עס יעדען גלידעלע.

אין שול וועט באַלד אַ יום טוב זיין,
דאָס מיידעלע וועט אויסזען פיין,
וועט זינגען דאָרט אַ לידעלע:
„שפיל, קלעזמער, אויף דיין פידעלע!"

און פרייען וועט די מאַמע זיך,
דער טאַטע וועט זיין פול מיט גליק,
און פריילאַך וועט דאָס מיידעלע
פון יום טוב גיין אַהיים צוריק...

די מאַמע נייט דאָס קליידעלע,
נייט עס פאַר דער מיידעלע.
זינגט דערביי אַ לידעלע:
„ערגעץ וויינט אַ פידעלע"...

אַ רעגענדל פאַלט

אַ רעגענדל פאַלט,
אַ רעגענדל פאַלט.
די בלעטעלאַך — געלע,
אין דרויסען איז קאַלט.

אַ רעגענדל פאַלט,
אַ רעגענדל פאַלט.
דער הערבסט איז געקומען
אין אומעט-געשטאַלט.

אַ רעגענדל גיסט,
אַ רעגענדל גיסט.
די קינדערלאַך ווערן
אין שולע באַגריסט.

אַ רעגענדל וויינט,
אַ רעגענדל וויינט.
אין ביכעל אַ מעשה׳לע
יאַנקעלע לייענט:

אַ רעגענדל פֿאַלט,
אַ רעגענדל פֿאַלט.
ניטאָ אויף קיין קוילען,
אין שטיבעלע ז׳קאַלט...

אין דרויסן גיסט אַ רעגענדל

אין דרויסן גיסט אַ רעגענדל,
אַ רעגענדל.
שפּילט וואו ווער אַ ניגונ׳דל,
אַ ניגונ׳דל.

— כליפּעט, וויינט אַ אינגעלע,
אַ אינגעלע.
ס׳טוט אים ווי דאָס צינגעלע,
דאָס צינגעלע.

זינגט די מאַ אַ לידעלע,
אַ לידעלע:
„קריגען וועסט אַ פֿידעלע,
אַ פֿידעלע!"

אין דרויסען גיסט אַ רעגענדל,
אַ רעגענדל.
„שפּיל מיר, זון, אַ ניגונ׳דל,
אַ ניגונ׳דל!״

שפּילען זיך קינדערלאַך

שפּילען זיך קינדערלאַך
לוסטיג און פריי.
ס׳איז פאַר די קליינוואַרג
דאָך אַלעם דאָ ניי!

טאַנצען זיי, שפּרינגען זיי,
הוליען — אַ וועלט!
זעט נאָר דעם שטיפּערל
דאָרט, ווי ער קוועלט!

קוקט נאָר, דאָס מיידעלע
זינגט און זי טאַנצט,
דאָס קעפּעל געוואַשען,
באַפּוצט און באַקראַנצט.

און דאָרטען זיך יאָגען
נאָך קינדער אַרום
אין פריילאַכען לאַכען,
אין לוסטיגען זשום!

צו די פויגעלאַך

„פליט ניט, פויגעלאַך, אַוועק,
איך וועל אַן אָרט אייך געבען —
אַ שטייגעלע פון גאָלד געדרייט
און קערענדלאַך צום לעבען!

כ׳וועל שפּילען זיך אין פרייער צייט
פון שול ווען איך וועל קומען,
און פלעכטען קרענצעלאַך פאַר אייך
וועל איך פון שיינע בלומען.

און זינגען לידעלאַך אַ סך
מיר וועלען דאָ אינאיינעם —
דערפרייען קינדער — מיינע פריינט
און אַלע, אַלע שכנים...״

„ניין, גוטער הערשעלע, אַ, ניין!
מיר קענען דאָ ניט בלייבען:
דער בייזער ווינטער קומט באַלד אָן,
מיר מוזען זיך פאַרקלייבען!

מיר מוזען פליען ווייט אַוועק,
וואו ס׳בליען בוימער, בלומען.
נאָר ניט געזאָרגט, אין פרילינג־צייט
מיר וועלען צו דיר קומען!״

רעגען און זון

אַ וואָלקענדל טראָגט זיך
מיט אימפּעט און האַסט.
די זון קעגענאיבער
איז פריילאַך און שפּאַסט.

זאָגט ווערטלאַך דורך שטראַלען,
די וועלט — אַזוי שיין.
דאָך פילט זיך דאָס וואָלקענדל
עלענד, אַליין...

פאַררוקט אין אַ ווינקעל,
פאַרכמורעט, אין כעס...
און קען ניט פאַרליידען
די שטראַלען, דעם שפּאַס...

און ס'הויבט אָן אַ רעגענדל
טריפען גאַנץ שטיל.
רעגען און זון פירען
ברוגז. איך פיל!

פאַלען די בלעטער

פאַלען די בלעטער אַרונטער, —
דער זומער ז'אַוועק.
ס'יאָגט זיך אַ ווינטעל מיט אימפעט
און וואַרפט אָן אַ שרעק.

שאָקלען די בוימער זיך, מורמלען,
דערציילען דער וועלט:
שווער ס'איז צו לעבען אָן שטראַלען,
צו בליען אין קעלט!...

און שטיל קוקט דער הימעל אַרונטער
פאַרטראַכט און פאַרדיינקט.
די פויגעלאַך זיינען פאַרפלויגען,
נאָך לידער ער בייִנקט.

די פויגעלאַך ווייט זיינען ערגיץ, —
ד לופט איז פאַרשטומט.
אַ ווינטעל נאָר יאָגט זיך אַרומעט,
און בייזערט זיך, ברומט...

קינדער־שטימען

צאַרטע קינדער־שטימען
טראָגען זיך צו מיר,
בעטען: זיי אַ גוטער,
עפען אויף דיין טיר!

עפען אויף דאָס הארץ דיינס,
לאָז עס פריי פאַר זיי!
גרינגער וועלען ווערען
דיינע ליידען, ווי...

גרינגער. ווער פאַרטרונקען
אין דער קינדער־פרייד.
עס, וואָס גרויסע ווייסען, —
זייער זאָרג און לייד!?

זייער וועלען רייסען,
ווערען מעכטיג, רייך.
קוק, ווי קינדער שפּילען, —
אַלע זיינען גלייך!...

בלויע אויגעלאַך

וויפיל בלויע אויגעלאַך
ס'קוקען דאָרט אין הימעל.
וויגט אַ מאַמע ס'וויגעלע:
„שלאָף שוין איין אברהם'ל!"

וויפיל בלויע פייערלאַך
ס'טוקען זיך דאָרט אויבען.
שלאָף, מיין שיינער זונעלע,
ס'קלאַפּט ווער אין די שויבען...

וויפיל בלויע ליכטעלאך
ס׳ווערען דאָרט פאַרלאָשען,
כ׳האָב געקויפט אַ לעקאַכל,
קאָסט עס מיר אַ גראָשען.

וויפיל בלויע אויגעלאך,
און פון נאָך קאָלירען,
בעטען זיך: אַ שטיקעל ברויט!
און פאַרגיסען טרערען...

די קליינינקע סאָלדאַטען

קינדער, קומט אהין צום בערגעל, —
דאָרטען שפּילען אין סאָלדאַטען.
שטריינג באַשטראָפט וועט ווערען יענער,
וואָס וועט אונזער פּאָלק פאַרראַטען!

שטעלט די פיס מיט טאַקט און פעסטקייט,
ווי עס פּאַסט פאַר בראַווע יונגען.
און אַ ליד פון גליק און פרייהייט
לאָמיר אַלע פריילאך זינגען!

פריילאך, פריילאך, מוטיג, לוסטיג,
זאָל דאָס ליד די הערצלאך וועקען!
פאַר די קליינינקע סאָלדאַטען
וועט אַ וועלט זיך איבערשרעקען...

קינדער, זינגט מיט אַלע כוחות,
שטעלט די פיס צום טאַקט פון קלאַנגען.
ס׳וואַרט די פרייהייט אויף דער יונגוואַרג, —
קומט אַנטקעגען מט געזאַנגען!

שפּילט זיך, קינדערלאַך!

שפּילט זיך, קינדערלאַך, פרייט זיך קינדערלאַך
יוגענט איז אַ קוואַל.
ווייכעביינדעלאַך, צאַרטע גלידערלאַך,
דאַרפן זונענשטראַל!

יונגע הערצעלאַך, ריינע אויגעלאַך,
באָדט זיך נאָר אין פרייד.
קליינע יאָסעלאַך, זיסע שלמה׳לאַך,
לויפט אַוועק פון לייד!

זינגט נאָר לידעלאַך לוסטיג־פריילאַכע,
היינט איז אייער צייט!
פרילינג איז בא אייך אין די הערצלאַך,
עלטער איז נאָך ווייט.

ס׳איז נאָך ווייט אַהין צו די שווערע טעג.
לאָזט־זשע ניט פאַרביי
יעדע שעה׳לע, יעדן טאָגעלע, —
לעבט אַ לעבן פריי!

לאָמיר שפּילען!

לאָמיר שפּילען אַלע, אַלע
אין אַ כאַפּעריי.
קינדער, שנעל פאַרכאַפּט די ווינקלען,
שטעלט זיך אוים צו דריי!

איינער וועט דער פירער ווערן, —
געבען אַ געשריי:
„פאַסטוך, שיק די שאָף אין טשערדע,
איך באַפויל אַזוי!“

װעלען מיר זיך לאָזען לױפען
גיך אין פעלד אַרײן.
װעמען ס׳װעט דער פירער כאַפּען,
װעט געפאַנגען זײן...

לאָמיר שפּילען אַלע, אַלע
אין אַ כאַפּערײ.
מוטיג, גיכער צו די פעלדער, —
װידער בלײבען פרײ!...

מײן זונעלע

אין דרױסען איז װינטער,
ס׳איז װאַרים אין שטוב.
מײן אינגעלע פרעגט מיך:
„פּאַ, האָסטו מיך ליב?

צי װעסטו מיר קױפען
אַ שליטעלע קלײן.
צום באַרג דאָרטען שליטלען
װעסטו מיט מיר גײן?

און זאַכעלאַך, שפּילצײג
װעסט ברײנגען אַ סך?
פּאַפּאַ, דו ביזט דאָך
אַ גוטער און רײך!“

„יאָ, זונעניו מײנער,
דײן פּאַפּאַ איז גוט,
נאָר רעדסטו פון רײכטום,
דערשרעקט זיך מײן בלוט!...“

פרייט זיך!

פרייט זיך, קינדערלאך און טאנצט, —
איצטער דארפט איר גארניט וויסען.
לעבען איז פאר אייך א קוואל,
דארפט איר שעפען און געניסען!

שעפט מיט עמערס יוגענט פרייד,
גרייט צו כוחות פאר דעם מארגען.
ס'איז אצינד נאך אזא וועלט, —
קיינער וויל פאר אייך ניט זארגען.

און דער מארגען קען זיין גרוי, —
קינדער בלאנדזשען אויף די וועגען...
שטיינער, העלצער, נאקעט, הויל;
קיינער וועט אייך גארניט פרעגען.

פרייט זיך, קינדערלאך, און טאנצט, —
יונגע יארען זיינען טייער!
ערנסט איז דער לעבענס־וועג
און לעבען איז ניט ווערט א דרייער!

שפילט דער הימעל זיך

שפילט דער הימעל זיך מיט פארבען
דארטען בא דעם ראנד דעם ווייטען:
רויטע, בלויע, גרינע, שווארצע.
פרואווט אויף אנדערע זיי בייטען.

בייט זיי איבער שנעל און האסטיג,
מישט זיי מיט אמאל אינאיינעם.
ווארפט מיט לאנגע, שווערע שטריכען,
ציט א פאסעקעל א קליינעם.

ווידער גרוי איז שוין דער הימעל,
ס׳בלויט אַ טייכעל נאָר פון ווייטען
און אַ שיפעל ווארפט זיך, הוידעט,
מאַכט אַן איינדרוק אַ פאַרשייטען...

אָבער ווידער שפילט דער הימעל,
ווארפט די פאַרבען ווי אין צויבער:
טאַקע באַלד ער ווערט אַ בלויער,
דורכזיכטיגער, ריין און זויבער...

אויף די בערג

ס׳האָבען זיך די בערג פאַרשייטע
אויסגעשטעלט ווי קליינע קינדער
און זיי ווילען זיך ניט רירען, —
איז דאָס ניט אַ שפיצעל, וואונדער?

און זיי קוקען אין דער ווייטקייט
וועלכע ציט זיך וואו אַן גרענעץ.
איבער זיי עס הייגנט אַ הימעל
זאַטיג, ווייך און שיינקט אַ גענייץ...

און אַ בוימעל דאָ און דאָרטען,
גלייך זיי ווילען וואָס אַנטדעקען...
ווייסע וואָלקענדלאַך זיך טראָגען
עט, דאָרט ווייט אַן הויכע שטרעקען.

פרילינג

איז געקומען ליבער פרילינג
און געבראַכט מיט זיך אַ צווילינג.
הימעל לויטער, הימעל בלוי
און אַ וועלט וואָס איז ניט גרוי.

קומט־זשע, קינדערלאך, אין גאָרטען,
וועלען מיר זיך שפּילען דאָרטען —
שפּילען פרייע אַלערליי.
לאָזט זיך לויפען, קינדער, העי!

זעט נאָר וויפיל בלומענשטראַלען
פון דער הויך אַראָפּגעפאַלען.
אַך, ווי שיין עס איז די וועלט,
ווען די זון איז ניט פאַרשטעלט!

זעט נאָר וויפיל גאָלדענשטיקער
אָן מחבלים — אונטערדריקער.
זון און שטראַלען, פרייד און גליק, —
לויפט אַהין און לויפט צוריק!

צווייטע טייל

לידער

שטילקייט

שטילקייט, שטילקייט, מאַכסט מיך נערוועז,
קלאַפּסט מיט האַמערס אויף מיין מאַרך.
ווען ס'איז שטיל דערהער איך טומעל,
קלאַפּען, רוישען, טאַ־ראַ־ראַך!...

ווען ס'איז שטיל דערפיל איך אַלעס:
ס'קומט די וועלט צו מיר אַלס גאַסט
און דערציילט מיר גאַנץ געמיטלאַך
פונ'ם לעבען, פליכט און לאַסט...

שטיל דערציילט זי מיר פון אַלעס,
שעפּטשעט, שעפּטשעט שטיל און זאַכט:
ווי אַ מערדער איז באַפאַלען עמיצען
וואו שפּעט ביינאַכט...

ווי אַן אומגליק ס'האָט געטראָפען.
מענשען ווייסען ניט פון גליק.
ווי אַ ברודער ס'האָט אַ ברודער
אויפגעהאַנגען אויף אַ שטריק...

ווי אַ פאָלק זיך וויל באַפרייען,
מאַכען פריי געדאַנק און וועלט.
ווי אַ פאָלק דערשטיקט די קרעכצען
מיט די קייטען, מיט'ן געלט...

שטילקייט, שטילקייט, מאַכסט מיך נערוועז,
לאָזסט די וועלט אין פולען גאַנג.
ווען ס'איז שטיל דערהער איך טומעל,
יאָגעניש פון וועלטען־קלאַנג.

נאַריש

נאַריש צו זוכען,
אַרומזוכען וועגען.
ניטאָ ווער זאָל ווייזען, —
באַ וועמען צו פרעגען...

דער הימעל — אַ הויכער,
די ערד איז פאַר קיינעם.
פאַרשלאָסען די הייזער,
די הערצער פון שכנים...

אַ שמייכעל אַ פּוסטער
אָן האַרץ און אָן לעבען.
אַ שיינעם גוט־מאָרגען
וועט יעדערער געבען...

אַ שיינעם גוט־נ׳אָוונט,
וואָס טוט זיך — מ׳עט פרעגען.
דעם אמת דערוויסען,
ס׳וועט קיינער דערוועגען.

נאַריש צו זוכען,
אַרומזוכען וועגען.
ניטאָ ווער זאָל ווייזען,
באַ וועמען צו פרעגען!

אַ ווינטעלע האָט מיר דערציילט

אַ ווינטעלע האָט מיר דערציילט:
געלעבט האָט אַ מענש ערגעץ וואו,
דעם עלענד דערפילט פון דער וועלט,
אויף אייביג פאַרלוירען די רו.

אויף אייביג פאַרלוירען די פרייד,
געזאָרגט זיך פאַר קינד און פאַר אַלט.
אַרום אַזאַ נאַרישע וועלט:
קיין שטראַלען, אָן זון, ס'אַזוי קאַלט!

אַרום אַזאַ קנעכטשאַפט, ווי קליין.
די מענשעלאַך קריכען אַרום.
און קושען די רוט פונ'ם האַר
און שמייכלען אים עקעלהאַפט, שטום.

און טוען וואָס נאַר ער באַפוילט,
און קנעכטיש זיי זאָגען: ס'איז גוט!
כאָטש איינעם אויף טויט ר'האָט דערשטיקט,
אַ צווייטען געשמיסען ביז בלוט...

דעם דריטען פאַרשיקט ערגעץ ווייט
פאַר שטעלען אַ פראַגע: „פאַרוואָס?"
דעם פערטען דערוואָרגען אַזוי
פאַר פילען צו אים אַ פאַרדראָס...

און ער האָט עס אַלעס דערזען,
דערפילט ווי אַ שפיז אין זיין ברוסט.
אַ פייער געצונדען האָט זיך —
נקמה צו נעמען אַ גלוסט.

נקמה. איר קנעכט, קומט אַהער
און קושט ניט די רוט פונ'ם האַר,
און שמייכעלט ניט הינטיש געטריי:
ער פייניגט אייך טאַקע דערפאַר!

און קנעכט האָבען עפּעס דערפילט.
דערפילט — — ס'איז די שפראַך אַזוי בלאַס.
אַ ווינטעלע האָט מיר דערציילט,
ווען איך האָב געשפּילט זיך אין גאַס.

אין וויגעלע

אין וויגעלע נאָך
האָט דער ניגון געטויט:
שלאָף, זונעניו, שלאָף, —
נישטאָ אויף קיין ברויט!

נישטאָ אויף קיין שיך,
דער טאַטע איז קראַנק.
שלאָף, טייערער, שלאָף, —
די וועלט ז'אַ געדאַנק!

אַ טיפער געדאַנק,
מ'דאַרף אים פאַרשטיין...
וועסט וויסען פון אַלץ,
ווען ס'טאָנהויבען גיין!?

דער רבי דאָרט וואַרט,
דער אַלף און בית.
דאָס שטיקעלע ברויט
וועסט קריגען מיט שוויים!

נו, וויין ניט, מיין קינד,
דער ווינטער באַלד קומט.
דו הערסט ווי אַ ווינט
אין דרויסען דאָרט ברומט!

קיין האַלץ איז נישטאָ.
פרנסה? דאָס געלט?
אַן אָרימער פילט זיך
„אַליין" אויף דער וועלט...

אין וויגעלע נאָך
האָט דער ניגון געטויט.
און ביז היינטיגען טאָג:
אוי, דאָס שטיקעלע ברויט!...

דער פויגעל

הויך אין הימעל פליט אַ פויגעל,
זשומעט, דרייט זיך אַזוי שיין.
קוקען אַלע אָן פאַרגאַפטע,
וואונדערען זיך גרויס און קליין.

פליט דער פויגעל אַזאַ שטאָלצער —
שאַפונג פון די הענט און מאַרך.
ס׳האָט דער מענש די פויגלען גרינגע
שוין געשאַפען דאָ אַ סך!

פליט ער, שוועבט ער אין דער לופטען,
אַך, ווי מעכטיג ס׳איז די האַנט,
וואָס האָט קראַפט פון ערד און הימעל
אַזוי קונציג איינגעשפאַנט...

אַזוי פינקטליך, אַזוי ריכטיג:
פויגלען, שיפען, וואַסער־קראַפט.
ניט גענוג איז פאַר דעם מענשען
און ער מעסט און וועגט און שאַפט...

וואַקסען הייזער אין מינוטען,
רעלסען ציען זיך אין ווייט.
האַסטיג, לויפיג, אַזאַ טעמפּאַ.
„גיכער, גיכער!" יעדער שרייט.

„גיכער, ס'וועט די צייט אַנטלויפֿן
און אַ דור וועט באַלד פאַרגיין!"
לויפֿן, יאָגן מענשען דורות,
האָבן מורא בלייבן שטיין.

האָבן מורא זיך פאַרקוקן
אויפ'ן הימעל הויך און ווייט,
וואו עס פֿליט אַרום אַ פויגעל,
וואָס געשאַפֿן ס'האָט די צייט...

הויך אין הימעל פֿליט אַ פויגעל.
אַך, ווי מעכטיג ס'איז די האַנט!
אָבער ווער האָט די נשמה
פֿונ'ם מענש אין „יאָך" געשפּאַנט?

די זון איז פאַרגאַנגען

די זון איז פאַרגאַנגען.
דער מערב דאָרט ברענט.
אויסקושען וואָלט איך
דעם קינסטלער די הענט!

אַ רייכקייט פֿון פאַרבען:
פֿון רויט, בלוי און גרין,
פֿון פּורפּור און קויל־שווארץ
און קאָליר פון בין...

ווי כוואַליעס זיך יאָגן
אַנטקעגען, דאָרט ווייט,
די וואָלקענדלאַך גרינגע
מיט אָפּטיגען בייט:

אַט זיינען זיי, שוואַרצע,
און ווערען באַלד בלוי.
אַט לויפען זיי ווייסע
און ווערען שוין גרוי...

פאַרוואַנדעלט אין שעפסען
פון פאַסטוך געיאָגט.
און אַט איז אַ רייטער,
וואָס יאָגט זיך און טראָגט.

אַ לייב, אַזוי מעכטיג,
אַ טיגער באַם זייט.
און גלייך זיי פאַרשווינדען:
זיי האָבען קיין צייט!

עס בייט זיך דער הימעל
ווי לייווענט אויפ'ן וואַנט.
אַט דאָס הייסט אַ קינסטלער,
דאָס הייסט טאַלאַנט!...

אוקראַינע

(אין די פינסטערע טעג)

קליין איז דאָס שטעטעל.
זייער ווייניג הייזער.
אויסגעמאָרדעט האָט מען
אַלע, אַלע שפּייזער.

קינדער — זייער ווייניג.
מער נישטאָ קיין שטראַלען...
ס'איז דער גייסט פון מענשען
נידעריג געפאַלען.

גאסען שטילע, שטילע, —
עפּעס וואָס דערציילען:
ס'וועט דער ווייטאָג קיינמאָל
זיך שוין ניט פאַרהיילען!

הימלען גרויע, גרויע
הייגנען נאָר צו פאַלען.
מענשען ווי בהמות
ליגען אין די שטאַלען...

גראָבען זיך אין גריבער —
לעבעדיג צו ליגען...
מיט'ן מלאך המות
וועט מען זיך ניט קריגען.

יעדער קומט אַנטקעגען.
וואָס איז דאָ פאַרלירען?...
ס'איז דאָס האַרץ פאַרשטיינערט.
קען מען שטיין דען רירען?

און די טעג און וואָכען
קריכען פוילע, מיאוס'ע.
ס'איז דאָס גאַנצע לעבען
ווי אַ לאַנגע גסיסה...

און די הינט נאָר וואָיען
אין די בייזע נאַכטען.
אַי, עס קומט דער טייוועל, —
פּרואווט זיך יעדען דאַכטען...

— — — — — — — — — —

אָרים, אָרים שטעטעל, —
געגענטען דאָרט אַלע,
וואו מען טויט דעם חתן
און מען שענדט די כלה?!

רות

ברייטע פעלדער, זונען שטראַלן.
הימעל ז'הויך און טיף און בלוי.
בלאָנדזשעט רות אַרום אַ פרעמדע,
אויפ'ן הארץ איז פוסט און גרוי.

און לעבען איר עס גייט נעמי
מיט אַ ביטער, שווער געמיט.
ברייטע פעלדער, זונען־שטראַלען
און די זון, זי שרף'עט, גליט.

„לאַז מיך איבער, טאָכטער מיינע,
ביזט נאָך יונג און זייער שיין.
איך, אַן אַלטע וועל דערציען
מיינע יאָרען שוין אַליין!"

„ניין, איך קען דיך ניט פאַרלאָזען,
איך וועל שטענדיג מיט דיר זיין.
ס'איז דיין גלויבען אויך מיין גלויבען
און דיין פאָלק איז אויכעט מיין!

וואוהין דו ס'ט גיין, וועל איך אויך מיטגיין,
ליידען גלייך מיט דיר אָט דאָ.
טייערע, דיך איבערלאָזען,
מיינט פאַרלירען אויך מיין רו!..."

בלאָנדזשען, בלאָנדזשען צוויי נשמות,
מזל טרייבט זיי דאָ אַרום.
עפּעם האָט זיך גאָט צעבייזערט
און ער קוקט אויף זיי גאָר קרום...

און זיי זיינען אָנגעקומען י
צו אַ פעלד פאַרנאַכט־צו, מיד.
זיך אַוועקגעלייגט דאָרט שלאָפען,
ניט געפילט קיין גאַנצען גליד.

און אויף מאָרגען — אַך, אַ וואונדער!
ס'האָט באַגליקט די שיינע רות:
ס'האָט אין איר פאַרליבט זיך בועז
אָן אַ ברעג און אַ מאָס...

דעמערונג

ס'האָט אַ בלענד געטאָן
פאַר'ן אויג.
און שאָטענס האָבען
אָנגעהויבען
לויפען הין און צוריק,
הין און צוריק...

די זון האָט זיך
פאַרשעמט
און פאַרשטעלט ס'געזיכט
ווי אַ כלה,
ווען דער חתן וואַרפט
אויף איר אַ בליק...

אַ שטילער מורמעל־געשריי
האָט זיך
צעטראָגען איבער דער לופט
און געדריקט

דעליקאַט באַם האַרץ...
פּונקט ווי אַ גלעקעלע
זיך פאַרגייט...

און זילבערנע שטערענדלאַך
האָבען
אָנגעהויבען זיך צעשיטען
איבער'ן הימעל
ווי זערנעלאַך וואָס אַ ווינט
פאַרווייט...

אַ שטילקייט האָט געגומען
ליאַרעמען
און איינלייגען וועלטען
מיט אַמאָל,
גלייך די וועלט וואָלט אָנגעהויבען
חלש'ן...

אַלע

אַלע זיינען נאַריש,
אַלע זיינען קלוג.
לעבען איז צעטיילט דאָך
אי פון נאַכט און — טאָג...

שעפּט ווער גליק פון שאָטענס,
ווער — פון גאָלדנער זון.
טראַכט עמיצער ערנסט:
וואָס וועט זיין דערפון?...

זאָל זיין אַזוי!

זאָל זיין אַזוי,
אויב אַנדערש קען ניט זיין.
כ׳וועל טיף באַ זיך אין הארץ
דערשטיקען שוין מיין פיין.

כ׳וועל שמייכלען שווייגענדיג
און קריצען מיט די ציין.
און ביז׳ן לעצטען טאָג
כ׳וועל בלייבען שוין אליין!

און טראָגען מיט געדולד
דעם שווערען פּאַק אויף זיך.
און קום איך ערגעץ וואו —
מען טרייבט אַרויס מיך גיך.

מ׳לאָזט ניט אָטעמען,
אַרויסזאָגען אַ וואָרט...
און פראַנק און פריי
מען טויטעט אויף אַן אָרט...

זאָל זיין אַזוי,
אויב אַנדערש קען ניט זיין.
ס׳וועט קומען יענער טאָג
מיט העלען זונענשיין

און וואַרימען דאָס האַרץ,
צערודערען דאָס בלוט.
ס׳וועט יעדערער פאַרשטיין:
אַזוי זאָל זיין? ז׳ניט גוט!

ניט גוט צו זיין אליין
מיט מענשען בא דער זייט.
אַ רעטעניש וועט זיין
די אַלטע, גרויע צייט...

און וועט ווער גיין פאַרביי,
דערזען אַ קבר שטיין,
וועט וויסען כאָטש אַ מענש,
ס'אַמענש געווען אַליין?...

פרילינג

אמת, שוין ניט דאָס
וואָס איז געווען אַמאָל.
ניטאָ שוין יענע פרייד
און גליקען אָן אַ צאָל...

ניטאָ שוין יענע פראַכט,
וואָס האָט פאַרטרונקען אַלץ.
און איז געווען אַ וויי,
צעגאַנגען ס'איז ווי זאַלץ...

און ס'האָט די זון געשיינט.
געגאָסען פרייד און ליכט.
נשמה האָט אין שטיל
אויף גרויסעם זיך געריכט...

און אַלץ אַרום — ווי ברייט,
ווי ווייט און פול מיט וואַרט!
יוגענט עפעס וויל,
נאָך עפעס האָפט און גאַרט....

און יעדער שטראַל פון זון
האָט אויפגעדעקט די ווייט
און צוגעזאָגט אַז ס'וועט
נאָך קומען יענע צייט

פון גליק פאַר גאָר דער וועלט,
פאַר יעדען איינעם דאָ.
און לעבען ס'וועט דער מענש
אין זויבערקייט, אין רו...

נאָר ס'איז נאָך ניט געשען.
נאָך ווייט אַהין, נאָך ווייט!
און אָפט אַ צווייפעל קומט:
ניט זיין וועט יענע צייט!

ניט גלויבען וועט אַ מענש
אַ צווייטען אין זיין נויט.
און אייביג וועט זיין קריג
צוליב דעם שטיקעל ברויט...

און שטענדיג וועט זיין האַס:
דער גרעסער! דער איז קליין!
פאַרשאָלטען איז דער מענש —
זיין אייביג דאָ אַליין...

דאָך טוט די זון אַ שיין,
צעוואַרעמט זיך דאָס בלוט
און צווייפעל גלייך פאַרשווינדט:
עס ווערט מיר אַזוי גוט!

אַ גלויבען טוט אַ בליץ
און וועקט און רופט צו וואָס.
די שאָטענס ווער פאַרטרייבט,
עס בלייבט ניט קיין פאַרדראָס.

און מיט דער זון וואָס שיינט
אין פרילינג אַזוי יונג,
באַהעפט זיך אויך מיין בלוט
מיט פייער, גליק און שוואונג...

שוואַרצע אויגעלאַך

געוועזן ס׳איז זומער. אַ פאַרנאַכט.
דער הימעל האָט די וועלט באַטראַכט
מיט אויגען פינקלענדע —
די שטערען.

רולאָז האָב איך זיך געפילט:
דער מענש האָט זיך אין מיר צעשפילט
און מיר באַפוילען:
גיין און לערען!

בין איך אַוועק גאָס איין גאָס אויס,
דערזען די וועלט איז אַזוי גרויס
מיט אויגען פינקלענדע
בּאַ מענשען.

כ׳האָב שוואַרצע אויגעלאַך דערזען,
אַ דימענט טרער אין זיי געווען.
געבעטען זיך איך זאָל
זיי בענשען.

ס׳ארויס אַ קללה פון מיין מויל,
אַרומגעכאַפּט האָט מיך אַ גרויל:
דו האָסט קיין רעכט ניט
זיי צו שעלטען!

כ׳האָב יענע אויגעלאָך דערפילט,
דער מענש האָט זיך אין מיר צעשפּילט
און מיר געזאָגט:
דאָס זיינען וועלטען!...

געדאַנקען

ס׳ווילט זיך ניט טראַכטען,
דאָך טראַכט זיך אַ סך.
ס׳ווילט זיך גאָר וויינען,
דאָך גיב איך אַ לאַך...

געדאַנקען פאַרשייטע,
זיי טראַכטען אַליין...
און לאָזען מיך עלענד
אַזוי ווי אַ שטיין...

זיי קריכען אין הימעל,
אויף ווענט — ערגעץ־וואו.
און איך וויל גאָר שלאָפען,
ס׳ציט מיך צו רו!...

דערמאָנט אַ געדאַנק זיך
אָן עפּעס אַ זאַך,
און ס׳רייסט זיך אַרויס
פון׳ם הארצען אַ לאַך...

דערמאָנט אַ געדאַנק זיך, —
איך וויל ניט פאַרשטיין!
און ס׳רייסט זיך פון הארצען
אַרויס אַ געוויין...

זיי טראַכטען און טראַכטען.
אַ חוצפה! אַ גוואַלד!
און אָפּט אַ געדאַנק טוט אַ זאָג מיר:
„אָט באַלד!“

און לויפט זיך אַוועק
ערגעץ־וואו, ערגעץ ווייט.
געדאַנקען זיי האָבען
געדולד און אויך צייט...

און איך בלייב אַליין
און איך וואַרט און איך וואַרט.
ניט איינמאָל האָט מיך
אַ געדאַנק שוין גענאַרט...

יאָסעלע

(פון די פינסטערע טעג)

אין אַ רואיג־שטילער הערבסט נאַכט,
ווען דאָס שטעטעל איז געשלאָפען,
איז געוואָרען אַ מהומה, —
מ׳האָט דערהערט געשרייען, רופען.

מ׳האָט דערהערט: די שויבען ברעכען,
שיסערייען און געוויינען,
פרעכען, הילכיגען געלעכטער
פון צעווילדעטע פאַרשוינען.

אַ געלעכטער ווי פון טייוועל,
וואָס האָט זיך פאַרמישט מיט קלאָגען
פון געשענדעטע, פאַרמוטשעטע
ביז ס׳האָט אָנגעהויבען טאָגען.

און די נאַכט האָט זיך געצויגען
ווי פון שדים־גייסט געפלאָכטען.
ס'האָט דער היידאַמאַק געהוליעט,
האָט געשענדעט און געשאָכטען.

האָט געהוליעט און פאַראומריינט
וואָס איז הייליג, ריין און טייער:
ספרים, ביכער, מענשען — קינדער
האָט געוואָרפען ער אין פייער.

און ווען ס'האָט דער מאָרגענשטערן
אויפ'ן הימעל זיך באַוויזען,
האָבען זיך די היידאַמאַקעס
וואו געלאָזט מיט בלאַנקע שפּיזען.

ערגעץ־וואו, אין שטעט און דערפער,
ווידער שענדען, ברענען, בראָטען.
און די קללות, שרעק, געוויינען
מאכען גליווערען די בלוטען!

איינער דאָך איז נאָך פאַרבליבען.
ס'האָט אַ גויע אים באַהאַלטען.
יאָסעלע. זיין בליק מיר, דאַכט זיך,
האָט געקענט דעם הימעל שפּאַלטען!

יאָסעלע. ערשט זיבען יאָר אַלט,
האָט געפונע טאַטע־מאַמע
וואו אַ חזיר האָט געפרעסען,
מיט זיין חזיר־מויל מטמא...

און די אַלטע גויע יאָמערט,
צלם'ט זיך אין אַלע זייטען.
יאָסעלע, ער שטייט פאַרשטיינערט,
קוקט אין אימה'דיגע ווייטען...

יאָסעלע. ערשטע זיבען יאָר אַלט
באַ זיין טאַטע-מאַמעס קבר,
וואו חזרים, הינט געמיטלאַך
רייסען אבר אַפּ נאָך אבר...

און אַרום זיך שפּרייט אַ חורבן:
ס'איז דאָס שטעטעל ניט געבליבען,
נאָר די גויע און דאָס אינגעל
וואָס איז אַלט ערשט יאָרען זיבען.

און די זון האָט זיך צעגאָסען
מיט אַ ווארים-ליבען שמייכעל
ווי אַ שומר האָט דעם חורבן
אָפּגעהיט דאָס קליינע טייכעל...

ווי אַ שומר. יאָסעל'ס אויגלאַך!?
ניט קיין טייכעל. ים'ען טרערען!
הויבט אָן מבול'ן שטיין און פייער,
אַזאַ וועלט איר מעגט צושטערען!...

ברויזענד איז דער ים

ברויזענד איז דער ים, —
שפּילט זיך מיט די שיפען.
ווארפט זיי הין און הער.
הילף באַ וועמען רופען?

פּאָרען מוז מען דאָך,
ווייל אַוואו איז בעסער...
און צום סוף איז דאָרט
די סכנה גרעסער...

ערגעץ דאָרטען...

און לייען איך איבער ווען א גרוס
פון יענע ווייטע ערטער,
שוועבען שטענדיג אום פאַר מיר
פרייע, שטאָלצע ווערטער...

שוועבען שטענדיג, לאַסטשען מיך
ווי מיט הענט געטרייע:
ערגעץ דאָרטען, ערגעץ ווייט
זיינען מענשען פרייע!

ערגעץ דאָרטען... איך בין דאַ
אָן א זון און שטראַלען.
אין א רינשטאָק וואַלגער זיך,
נידעריג געפאַלען...

נידעריג... א וואָרעם קליין
אין א איינגען קרייזעל.
אין א נאָרע. טיף אין דר'ערד,
ווי א ליאַדע מייזעל...

און נשמה מאָנט ביי מיר,
ווייזט מיר הויכע הימלען.
גיט מיר ניט קיין רו ביי טאָג,
לאָזט ביינאַכט ניט דרימלען.

ערגעץ דאַרטען... איך בין דאַ
אָן א זון און שטראַלען.
אין א רינשטאָק וואַלגער זיך,
נידעריג געפאַלען...

צו גרינג.

דו נעמסט צו גרינג
דיין ברודער'ס וויי
און ס'רירט דיך גאָרניט
זיין געשריי.

זיין נויט און פּיין
דיר זיינען פרעמד.
דו ווייסט דאָך אז
ער האָט קיין העמד!

קיין שטיקעל ברויט.
אַ קראַנקער, מיד.
און ס'איז ניטאָ
קיין גאַנצער גליד.

ער שלעפּט זיך אום
פון שטאָט צו שטאָט.
און ווערט געשמיסען
מיט דער רוט,

וואָס ביילט זיין לייב
שוין יאָרען לאַנג.
צי הערסטו ניט
דעם ווילדען קלאַנג?

צי פילסטו ניט
דעם שאַרפען קנאַל?
ווי ס'לעשט זיך אויס
דער לעצטער שטראַל!

צי איז דיין הארץ
אַ שטיין, ניט מער!
און ס׳רירט דיר ניט
אַ ברודער׳ס טרער?.

אַ הייסע טרער,
וואָס גליט און ברענט.
און דו גאָר שטייסט
פאַרלייגט די הענט!?

ביינאַכט

איך בין ארוים אין גאַס ביינאַכט.
אַרום איז שטיל.
עמיצער האָט זיך וואו צעלאַכט, —
איך פיל, איך פיל!...

עמיצער האָט זיך וואו צעוויינט
מיט טרערען היים:
דאָס לעבען האָט אים ניט געשוינט, —
איך וויים, איך וויים!...

דאָס לעבען. ס׳האָט א נאָמען נאָר
און מער קיין זאך.
אַ טויטער קלאַנג... א פאַלשער כאָר...
אַ פויקען — טראַך...

איך בין ארוים אין גאַס ביינאַכט.
אַרום איז שטיל.
לבנה האָט ווי איך געטראַכט:
ס׳אַפאַסקעוויל!...

זיי אַ גוטע!

פאַרשטעל ניט דיינע שוואַרצע אויגען
און דיין לויטער-ווייס געזיכט.
ס'איז די נאַכט אַ פינסטער-שוואַרצע,
זיי-זשע דו מיין שיין, מיין ליכט!

כ'האָב אַ גאַנצען טאָג געהאַנדעלט,
ניט געפילט ווער, וואָס איך בין...
זיך אַ פרעמדער, דיר אַ פרעמדער,
יעדען פרעמד איך בין געווען...

איצטער פאַר איך צו מיין ווינקעל, —
די נשמה אויסגעלייזט.
הימעל, נאַכט, געפילען פרייע,
ס'איז מיין הארץ פאַר אייך אַנטבלויזט!

קוק-זשע, קוק אויף מיר, איך בעט דיך,
וויש מיין וויי אוים מיט דיין בליק!
כ'האָב געפרעגט שוין טויזענט מענשען:
„זאָגט מיר וואָס אַזוינס איז גליק?"

קיינער האָט מיר ניט געענטפערט.
פרעג איך מער ניט אַזאַ זאַך.
איך אַליין פאַרשטיי אז גליקען
זיינען דאָ אַ סך, אַ סך...

נאָר צו וואָס זיך גריבלען, דראַפען,
פרעגען פראַגען יענעם, דעם?
לאָמיר שווייגען, שווייגען, שווייגען,
ליגענדיג אין איינגען קלעם!

הויב־זשע אויף די אויגען דיינע,
צייג מיר דיינע ווייסע ציין.
עך, דו מזל, לעבען, שיקזאל,
זאג, וואָרום בין איך אליין?

און אפשר ביזטו אויך גאָר עלענד.
דו? און ביזט נאָך אזוי יונג!
וואַרף אַ שמייכעל, אַ געלעכטער,
וואָס איז ריין ווי גלעקעל־קלונג!

ביזט אַ שטאָלצע? אויך אַ גוטע?
איך בין ביידע זאַכען, קינד!
שיק־זשע מיר אַ קוש פון ווייטען,
האָלטסט עס דאָך ניט פאַר אַ זינד?

וויים! איך קוש די ליפּען דיינע,
גלעט די בריסטען מיט געפיל.
קוויק זיך ווען אַ ווינטעל שטילינקס
פירט אָן מיט דיין קלייד אַ שפּיל...

הויבט די עקען העכער, העכער,
ביז איך מערק דיין אונטער־קלייד.
און די קניען, שוואַרצע זאָקען
וועקען גלוסט, פאַרשאַפען לייד...

זיי אַ גוטע! לאָז מיר טרוימען,
טרינקען ווייץ פון לעבענס־גלאָז!
ס׳איז דאָס לעבען, אונזער לעבען
דאָך ניט מער ווי ווינטעל־בלאָז...

שעמסט זיך ווי א צנועה, קינד מיינס,
כאָטש אין האַרץ אַ ליכטעל ברענט...
וואויל איז דיר ווען ס׳האָט דאָס פייער
נאָך ניט אָנגעכאַפּט די ווענט...

קוק-זשע גלייך מיר אין די אויגען,
זאָג פון ווייטענס דיין פאַרלאַנג
ס'לאָזט זיך הערען, ס'לאָזט זיך פילען
אויך פאַר דיר דער לעבענס-קלאַנג...

זיי אַ גוטע, לאָז מיר שעפען
גאַנצע עמערוויים דאָס גליק!
באַלד און ס'קומט אַנ'אַנדער שטימונג:
יאוש, צווייפעל קומט צוריק...

קלאַנגען

קלאַנגען גוטע, קלאַנגע שלעכטע,
ריינע, קלאָרע — אין דער לופט.
יעדער איינער קען זיי הערען
יעדען איינעם וואו מען רופט...

קלאַנגען ווייטע, קלאַנגען נאָענט,
קנוילען זיך אין קלאַנג-געדריי.
קלאַנגען, קלאַנגען שטענדיג הער איך —
וואו איך שטיי און וואו איך גיי.

קלאַנגען בעטענד, קלאַנגען דראָענד
הילען איין די ערד און לופט.
וואו איך גיי נאָר, וואו איך שטיי נאָר
הער איך קלאַנגען און מען רופט...

קלאַנגען וויינקען, קלאַנגען זינקען,
פעלדער-קלאַנגען, וואלדען-קלאַנג.
אונזער וועלט איז פול מיט קלאַנגען!
מוזיק-קלאַנגען קלאַנג-געזאַנג...

קינדער

וואַרפט די זון מיט סנאָפּעס שטראַלען, —
שאַפט אַ גלויבען, וועקט פאַרלאַנג.
הערט ווי שטימעלאַך דאָרט קלינגען,
ס׳גיסט זיך זילבערדיג דער קלאַנג.

קינדער שפּילען זיך אין „כאַפּען״,
שרייען, ליאַרעמען — אַ פרייד!
קינדער, וועלטען זילבער־ריינע,
איר פאַרטרייבט יסורים, לייד.

לאַכט אַ הילכיגען געלעכטער,
יאָגט אַהין און יאָגט אַהער.
קלאָרע אויגעלאַך דערציילען:
לעבען איז ניט אַזוי שווער!

אפשר? ווען מ׳זעט די קליינוואַרג
טאַנצענדיג, אָן ביסעל זאָרג,
ווערען נאַריש די יסורים,
וואָס מען לעבט אויף ליי און באָרג...

יעדע שטימעלע ז׳אַגלעקעל
און דער קלאַנג דאָס האַרץ דערפרייט.
אַך, איר שטיפערלאַך פאַרשייטע,
אייער זיין מיט יום־טוב ווייט!

שפּילט און שפּרינגט און טאַנצט, קונדסים,
כ׳וואָלט געשפּילט מיט אייך באַגלייך, —
האָבען יאָרען זיך צעגאָסען
צווישען מיר און צווישען אייך...

יאָרען שווערע, יאָרען טריבע,
הונגעריגע טעג און נעכט.
אינגערהייד כ׳בין אַלט געוואָרען, —
מ׳האָט גערויבט מיין קינדער־רעכט.

אינגערהייד. אָט איז דאָס שטעטעל.
דאָרט געבויגען שטייט דאָס הויז.
שטענדיג האָט די גריל געפּייפט דאָרט,
זיך געגריזשעט ס׳האָט אַ מויז...

און די מאַמע ז׳נאַר פאַרהאַוועט,
ס׳איז דער טאַטע וואו אַוועק
זוכען ברויט פאַר זיינע קינדער
אין דער וועלט פון צער און שרעק...

כ׳זע דעם חדר, און דער רבי —
א צעבייזערטער, אין כעס.
גוואלד! אַ שמייכעל אין א יובל?
און די רביצין — ווי בלאַס!

זיצט מען שטענדיג און מ׳לערענט:
חומש, רש״י, טאָג און נאַכט.
און דער דרויסען — אַזאַ שיינער,
אַזאַ ברייטקייט, אַזאַ פּראַכט!...

סמאַקעט, נאָגט און שטיל דאָס הערצל:
לויפען ווילט זיך ערגיץ ווייט...
דאָרטען וועלדער, טייך און פעלדער.
קינדער, גיכער! כ׳הער מען שרייט...

קוקט דער רבי שטרייננ מיט אויגען,
שטעכען זיי ווי נאָדלען טיף...
ס׳לאַקט דער הימעל און די שטראַלען.
האָט דער רבי קיין באַגריף!

ביינקט זיך היינט נאָך, קינדער ליבע,
יאָ, די יוגענט איז פאַרברענט.
שפּילט זיך, פרייט זיך, קרוינען מיינע,
נעמט זיך אַלע פאַר די הענט!

נעמט מיך אויך אריין אין רעדעל.
אַך, ווי יום־טוב׳דיג איך ווער!
אויסגעמישט ווערט צער מיט פריידען,
ס׳רייסט אין שמייכעל זיך אַ טרער...

דרייט זיך, דרייט זיך פריילאך, לוסטיג,
וואָס? — — איך פּאַס זיך ניט אריין?
אָבער האָט רחמנות, קינדער, —
כ׳וויל איין שעה אַ קינד כאָטש זיין!...

זייט ניט אויסגערעכענט

זייט ניט אויסגערעכענט, —
קורץ איז אונזער לעבען!
אַ גוט וואָרט, א שמייכעל
מעגט איר יענעם געבען.

אַ גוט וואָרט, אַ טובה, —
פילעם קען פּאַרשאַפען,
ברייננען גרויסעם, גוטעם,
איר אַליין זאָלט גאַפען!

גרוסען

גרוסען, ווייטע גרוסען
וואַרימען דאָס האַרץ:
ס'איז די וועלט אַ בייזע,
דאָך ניט אַזוי שוואַרץ!

דאָך ניט אַזוי פינסטער, —
עפּעס טליעט טיף:
ס'האָט דער מענש אַ גלויבען
און אַ ניי באַגריף.

ס'האָט דער מענש דערפילט זיך
און דערזען אַ שיין:
אַנדערש דאַרף מען לעבען,
אַנדערש דאַרף מען זיין!

אַנדערש, טאַקע אַנדערש!
זיין אַ מענש איז שיין.
שעמען זיך פאַר נעכטען,
ווען געווען מ'איז קליין...

און פאַרשטיין א צווייטען,
אים ניט בלייבען פרעמד:
ס'ברויט מיט ליבע טיילען
און דאָס לעצטע העמד...

און אַ וואָרט מיט פייער,
וואָס דערקוויקט, דערוועקט.
און אַ שמייכעל צערטליך,
וואָס מיט פרילינג שמעקט.

גרוסען, ווייטע גרוסען, —
בלומען פון געדאַנק,
טראָגען זיך פון ווייטען
מיט אַ רייך געשאַנק:

ערגעץ אין אַ לאַנד דאָרט:
זיבען טעג מיט ים
האָט דער מענש דערקענט זיך
מיט זיין מענשען־שטאַם...

האָט דערפילט זיין גרויסקייט
און זיין קליינעם שטאַנד.
ברענט אין אים אַ פייער,
ברענט פאַר ווי און שאַנד!

ברעכט ער אַלטע צוימען,
מאַכט אַ וועג דעם גייסט:
גוטעס לאָזט ער איבער,
שעדליכעס — צערייסט...

כוואַליעט זיך דאָס לעבען,
ברויזט אין טיפען פענט.
ס'אַרבייטען האַרמאָניש
מוסקולען און הענט,

און געדאַנקען קלאָרע,
און געפילען — ריין
גראָבען זיך אין לעבען,
גרייכען ביז'ן ביין...

גדייכען טיף אין אָפּגרונט,
טויכען פּערל אויס —
זויבערע געדאַנקען,
וואָס מאַכט מענשען גרויס.

וואָס דערהויבט, באַפליגעלט
און מאַכט שיין און רייך
אַלע מענשען-קינדער,
אַלע, אַלע גלייך...

אַלע — גלייך צו ליבען
און פאַרשטיין דאָס זיין.
און זיך הויבען העכער
צו אַנ'אַנדער שיין!

צו אַנ'אַנדער אינהאַלט, —
ניט נאָר זאַלץ און ברויט...
ס'האָט פאַרקנעכט דעם מענשען
יענע גראָע נויט!...

ס'וועט אים אָבער הויבען
העכער, העכער — טיף
די אידייען קלאָרע
און דאָס נייע-באַגריף.

די אידייען ברייטע
און דער ווייטער בליק
וועלען אים ניט לאָזען
גיין שוין מער צוריק...

גרוסען, ווייטע גרוסען —
וועלטען-גאַנג פון איצט,
וועמען זיי דערפרייען,
ווער מיט ציין גאָר קריצט!?

— — — — — — — — — — — —

איך ווער פול מיט פריידען,
לעש מיין דורשט מיט זיי.
און ווי ווייסע טויבען
שטילען זיי מיין וויי...

דאָס שיפעל

גליטשט זיך שלאַנק דאָס שיפעל
אויפ'ן שטילען וואַסער
און דער הימעל שמייכעלט
אַזאַ מידער, בלאַסער.

וואַרפען זיך די וועסלעס
ווי צוויי הענט פאַרשייטע.
ווערען שוואַכער, שטאַרקער —
כוחות גאָר באַנייטע...

ראַנגלען זיך אין וואַסער,
פאַטשען עס און פינען.
וואַרפען זיך און קענען
זיך קיין אָרט געפינען...

און דאָס שיפעל גליטשט זיך,
וויל קיין זאַך ניט וויסען:
קושט זיך מיט'ן וואַסער,
יעדען טוט באַגריסען...

שיפעל, נו, באַדיינק זיך:
וועסלע קען זיך ברעכען.
ווי-זשע וועסטו קעמפען
מיט'ן וואַסער פרעכען?...

דער ריטער

אויף אַ באַרג אַ הויכען,
ערגיץ זייער ווייט,
אין אַ שלאָס א ריטער
האָט געלעבט אַ צייט.

איז געווען זיין רייכטום
גרויס און אָן א שיעור:
גאָלד און דימענט-שטיינער,
היטער בײַ זיין טיר.

היטער און באַדינער,
קנעכט פאַר יאָרען לאַנג —
אויסגעפאָלגט די וואונשען
און זיין יעדען דראַנג.

און קאַפּריזען ווילדע,
ווי אַ ריטער קען!
האָבען קנעכט געליטען
שווייגענדיג, וואָדען?

איז אַ צייט פאַרלאָפען
און קיין זאַך געבראַכט.
ס׳האָבען קנעכט געשוויגען
און דער ריטער טראַכט.

טראַכט: וואָס קען עס הייסען, —
איך — אַ מענש ווי זיי
קריג פון אַלעם גוטען,
זיי — נאָר לייד און וויי?

איך בין איינער, איינער,
זיי — אַ גרויסע צאָל.
וועל איך ניט באַצאָלען
טייער דאָ אַמאָל ?...

ניין, נישט גלאַט איז עפּעס
און ס'איז גאָרניט שיין :
יעדער קניט און שמייכעלט,
האַלט זיך נידריג, קליין !

ס'פּאַסט ניט פאַר אַ ריטער
מיט אַ פרייען גייסט.
זיינע רייכע קליידער
גלייך פון זיך ער רייסט.

און ער רופט די דינער :
אַלע קומט אַהער,
לעבט אַ פרייען לעבען,
שקלאַפט ניט אַזוי שווער !

ס'איז דער שלאָס ניט מיינער, —
ער באַלאַנגט צו אייך !
ווער האָט עס געשאַפען
אַרימע און רייך ?

קומט אַ לעב טאָן אַלע,
אַלעס גייט פאַרביי.
מוזען מענשען לעבען,
זיין ווי פויגעל פריי !

פריי ! גאָר קנעכט און דינער
און אַ ריטער שטאָלץ !
איז דאָס בלוט דען וואַסער,
אייער מאַרך פון האָלץ ?...

קומט אַהער, חברים,
שרעקט זיך ניט — איר מיינט
כ׳בין געריירט פון זינען?
און ער האָט געוויינט...

ר׳האָט געוויינט דער ריטער
און געשיינט פון גליק.
האָט געטיילט מתנות,
יעדען גאָלד אַ שטיק.

און געבעטען יעדען
ניט געדיינקען מער
יענע צייט פון ליידען
וואָס געווען איז שווער.

יענע טעג פון שקלאַפען
פאַר אַ הונגער-לוין,
פאַר אַ ריטער שטאָלצען,
פאַר אַזא פאַרשוין!

און ער האָט פאַרשפּראָכען
העלפען אין דער זאַך:
פרייהייט פאַר די מענשען,
עסען און אַ דאַך.

ר׳האָט זיין וואָרט געהאַלטען
און ער קעמפט געטריי,
אַז די קנעכט און דינער
זאָלען לעבען פריי.

און ער ברעכט די צוימען,
ברעכט און קאַמף דעם פיינט.
שטאָלץ זיך פילט דער דינער,
פריי דער קנעכט איז היינט!

פריי אין גייסט, און בלוטען,
קערפערלאך — נאָך ניט!
וואו איז נאָך אַ ריטער
ער זאָל טאָן אַ שניט

מיט'ן שאַרפען מעסער
יענעם גראָבען שטריק
און באַפרייען אַלע,
יעדען ברייננגען גליק?

ריטער, שטאָלצע, ריטער,
איילט אַביסעל צו,
איצטער האָט געשלאָגען
די באַשטימטע שעה!

איצטער. יענער ריטער
אַלעם האָט פאַרגרייט.
ס'טראָגט אַרום זיין גייסט זיך, —
ער אַליין איז טויט...

ערגיץ טיף

ערגעץ טיף אין הארצען
שפּילט זיך גאָט און טייפעל.
קומען ריינע טענער
און אַ קוויטש פון פייפעל...

ערגעץ טיף אין הארצען
שפּילט זיך מענש און שטן.
ווערט דער מענש באַזיגט נאָר, —
פירט עס ניט צום גוטען...

דער וואַנדערער

ער וואַנדערט אַרום איבער וועגען און שטעגען,
זײַן האָב איז אַ טאָרבע, אַ שטעקען.
צי וועט ער געפינען אַ מקום מנוחה,
צי וועט ער געפילען דערוועקען?

אַן עלענדער, מידער, דערשלאָגען פון דחקות,
געטריבען מיט העלצער און שטיינער.
באַטראַכט נאָר די אויגען, זיי בעטען זיך, רופען:
אונז העלפען וועט קומען דען קיינער?

אונז העלפען. אַ טאַטע איז ווייט דאָרטען ערגעץ,
אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ מאַמע!
אויב איר וועט עס איצטער פאַרשווייגען, דערלאָזען,
זײַנט איר דאָך די שכינה מטמא!

די שכינה פון מענשלאַך געפיל און רחמנות,
דאָס שענסטע וואָס מענשען פאַרמאָגען.
ווי וועלען די פרעמדע באַטראַכטען די מצענע,
די שונאים, וואָס וועלען זיי זאָגען?

אַ איד וויל אַ ברודער ניט קענען, ניט וויסען,
נו, דאַרף עס אונז פרעמדע ניט אַרען,
לאָמיר די טירען אויף שטענדיג פאַרמאַכען,
דעם טויער וואָס שטאַרקער פאַרשפאַרען!

און שטיין וועלען בלייבען די עלענד־אַנטוישטע
מיט בליקען: ווער האָט אונז פאַרראַטען?
ווי קען איך עס גלויבען: מײַן חיים? מײַן משה?
וואָס איז דאָרט געשען מיט מײַן טאַטען?...

ער וואַנדערט אַרום איבער וועגען און שטעגען,
זײַן האָב איז אַ טאָרבע, אַ שטעקען.
עס האָט שוין דערעסען צו בעטען זיך רחמים
און האַלטען אין וועקען, אין וועקען...

דער שיכור

עס רעגענט. ס'איז אומעטיג די גאַס.
און מענשען רוקען זיך ווי שאָטענס.
עס עפּענט זיך פון רעסטאָראַן אַ טיר
און מ'האָט דערפילט אַ ריח פון אַ געבראָטענס.

אַ נעבעל הויבט זיך פון דער ערד
און אַלץ אַרום איז אַזוי טונקעל.
עס שאָקעלט זיך פון ווייטענס אַ פיגור:
אַ שיכור טוליעט זיך צום ווינקעל.

ער טוליעט זיך און שמייכעלט צו.
און וואַרטשעט עפּעס אין דער שטיל.
אַ שיכור-וועלט זיך שפּאַרט פאַר אים
און וועקט אַ שיכור-מענש-געפיל...

און קינדערלאַך אַרום אַ סך:
„עי, שיכור, ווי קומסטו אַהער?"
„איך בין ניט שולדיג!" ענטפערט ער.
און אין אויג זיך ווייזט אַ טרער...

און מיט דער טרער אַ שמייכעל קומט:
דער פאָטער האָט דערפילט דאָס קינד...
און באַנג אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ:
זיין שיכור איז אַ גרויסע זינד!...

— — — — — — — — — — — — — —

זיין ניכטער — איז נאָך דאָפּעלט גרויס
די זינד פון פילען און פאַרשטיין...
אַ שיכור עלענד איז אין גאַס.
אַ ניכטערער איז אויך אַליין...

און שטיל עס איז אַרום די נאַכט.
דער שיכור שאָקעלט זיך און לאַכט.
פאַרבלאָנדזשעט האָט אַ הונט לעבן אים,
זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט...

דער שניי

געפאַלען איז אַ ווייסער שניי, אַ קלאָרער
און ס'איז די וועלט געוואָרען זויבער, ריין.
געמערקט האָט מען די טריט פון יעדען איינעם
און אויך וואוהין געפּרואווט ס'האָט יעדער גיין.

אַ ווייסע וועלט. און טריט ווי ריין און זויבער.
קיין שפּרינקעלע, קיין פּינטעלע ניטאָ.
אַ ריין געמיט, אַ קלאָרער, שטילער שורשען,
וואָס ברייננגט מיט זיך אַזוי פיל גליק און רו.

און יעדער קוקט דעם צווייטען אין די אויגען:
אַ ווייסע וועלט געוואָרען מיט אַמאָל!
דער באַרג דאָרט ווייט — אַ ריז אַ ליבער, גוטער.
און גיב אַ קוק אַ הינצו אינ'ם טאָל!

און גיב אַ קוק אויף אַלע און אויף אַלעם:
ניטאָ קיין פלעק. אַ ווייסער יילעך ליגט.
מ'זעט ניט מער קיין שמוץ, קיין מיסט וואו ליגען, —
דער ווייסער גייסט האָט אַלעמען באַזיגט.

נאָר מיט אַמאָל, דער הימעל ווערט היסטעריש
און טרערען גיסען זיך ווי וואַסער פון אַ קוואַל.
די ווייסע וועלט ווערט שוואַרץ, ווערט ברודיג, קויטיג
און עס פאַרשווינדט דער קלאָרער, ריינער שטראַל.

און אַלע טריט, וואָס מ'האָט געקענט זיי ציילען,
און אַלע וועגען ווערען אַ מיש־מאַש...
אויגען ווערען טעמפּ, יעכידנע, גיפטיג
און פון דער בלאָטע הויבט זיך אויף אַ רעש.

א געטומעל, א געלויף, מען יאָגט זיך,
אַ גיהנום איז געוואָרען מיט אַמאָל.
וואו איז יענער ווייסער בארג דער זקן?
ווי מיאוס עס קריכען אום די ווערים אינ׳ם טאָל!

און שוואַרץ און ברודיג איז די וועלט געוואָרען,
קויטיג. און עס נאָגט אַזוי באַם האַרץ:
וואָלט זי ערשט געווען ניט אַזאַ ווייסע,
ניט אויסגעזען וואָלט זי איצט אַזוי שוואַרץ...

מיין מאַמע׳ס ווערטער

כ׳וועל קיינמאָל פאַרגעסען די טייערע ווערטער
אין וועג פון מיין מאַמען געגעבען:
„קינדעניו, גלויב אין אַ קראַפט אין אַ הויכער,
וואָס וועלטיגט און פירט אינ׳ם לעבען.

באַליידיג ניט קיינעם און ווי טאָן — חלילה!
ס׳וועט יענער אַ טרער דאָך פאַרלירען,
וועט ווערען דערצאָרענט און זוכען נקמה.
צו גוטעם עס וועט שוין ניט פירען...

דער וועג איז אַ קורצער. אָט לעבט מען, געשטאָרבען.
און שוין ס׳איז פאַראיבער דער חלום...
געדיינק-זשע מיין ליבער, דיין וועלטעל, דאָס לעבען
פיר דורך נאָר אין פרידען, אין שלום!

פאַרלאַנג ניט צו גרויסעס, זיי רואיג, געלאַסען
און ווער ניט אַנטציקט פון גדולה.
און טרעפט זיך אַ סבה — באַגאַנגען אַ פעלער,
דערמאָן זיך מיין קינד אין מיין תפילה!

דערמאָן זיך, אַז ערגעץ די אַלטינקע מאַמע
ז'אַנ'עלענדע, ווייט פון די קינדער...
איז דאָס ניט אַ סימן, אַז לעבען איז ערנסט
און שיקזאַל איז שטענדיג אַ בלינדער...

ווער ווייסט אים? ווער קען אים? אַ שיף אָן אַ רודער
און כוואַליעס, זיי ברויזען און שלאָגען.
אַרום אַזוי פינסטער, קיין שטערענדעל ערגעץ.
נאָך לאַנג ביז ס'וועט אָנהויבען טאָגען.

און ס'לויפען די יאָרען, זיי טראָגען זיך ערגעץ.
דאָס לעבען האָט יאָרען אַ מיינגע...
פון אדם הראשון ביז עט וועלכע דורות
עס ציט זיך די זעלביגע סטיינגע!

נו, זיי־זשע אַ קלוגער, ניטאָ וואָס צו וועלען.
מיך האָט מען, איך דיך האָב געשאַפען.
גאַנץ רואיג, פּאַמעלאַך, עס לוינט זיך פאַרטראַכטען,
און צייטענווייז אויך דערפון גאַפען...

אַ הימעל, אַ ערד, אַ לבנה און שטערען,
חיות, בהמות און מענשען.
צייטענווייז ווילט זיך זיי אַלע פאַרשעלטען
און ס'קומט אָן אַ שעה אויך — זיי בענשען...

נעם־זשע דאָס רואיג און קוק ניט אויף קיינעם,
גוסטיר ניט נאָך ראַשיגע קליידער.
עס קרעכצט וואו אַ מידער, אַ ן עלענדער, קראַנקער,
און גוסס'ט אַליין אין אַ חדר...

גיב צו פאַרשטיין זיי, ערקלער זיי די מענשען:
נאַראָנים, וואָס רייסט איר איין וועלטען?
וואָס שטעכט איר, וואָס ברעכט איר, וואָס ברענט איר
אין פייער,
וואָס לאָזט איר דעם טייוועל געוועלטען?"

„יאָ, מאַמע, די רייד זיינען קלאָרע און ריינע.
איך פאָלג דיר און לעב מיר געלאַסען.
וואָלסטו נאָר אַ קוק טאָן ווי יעדער באַזונדער
נאָר חוזק׳ט און טוט פון מיר שפּאַסען...

ווער יושר, ווער גלויבען, ווער אמת, ווער ליבע!
אַ רינשטאָק — און אַלע זיך ריען...
מ׳זעט ניט קיין בוימעל, אַ גרעזעלע, מאַמע!
קיין בלימעלע קען דאָ ניט בליען!

ווי קען איך דיר פאָלגען דיין תפילה ערפילען,
איך מוז דאָך וואָס עסען און טרינקען!
ערשט נעכטען באַ איינעם דעם ביסען גע׳גנב׳עט,
אָ, מאַמע, איך הויב שוין אָן זינקען!

און וועל איך דיין תפילה ניט וועלען פאַרשווערכען,
דעם ביסען פון מויל דאָ ניט רייסען...
וועל איך זיין געצוואונגען, מיין טייערע מאַמע,
מיט אַנדערע ריטער דיך שמייסען!

מיט אַנדערע ריטער: אַ גוטער, אַ וואוילער.
מיין ביסען זאָל יענער זיך נעמען!
מיר קוקען אין פּנים מיט שפּאָט און געלעכטער
און ווי נאָר ער קען מיך פאַרשעמען!...“

כ׳בין ווילד און פריי!

כ׳בין ווילד און פריי ווי אַ ציגיינער
און ווי אַ שטורעם יאָגט מיין בלוט.
וואָס אייך געפעלט, רוף איך אָן נאַריש,
עס האָט קיין ווערט ניט, ס׳איז ניט גוט!

אַ צוים אין וועג צעבערעך איך שטורמיש,
די פֿרייהייט, דאָס וואָס איך האָב ליב!
איך בין צו קיינעם גאָרניט שולדיג
און מאָן ניט דאָס, וואָס יענעם כ׳גיב!

אַ ווינט אין פֿעלד — די פֿרייע רוימען
דאָס איז מיין האַרץ, מיין גאַנצער איך,
און זומפֿען, וועלדער, פֿעלדער, לאָנקעס,
אויף הויכע בערג איך קלעטער, קריך.

איך האָב אייך ליב און לאַך פֿון אַלע,
ווייל גיין מיט אייך איז שווער און קאַלט.
איך האַס דעם קרעכץ פֿון טיפֿען יאוש
און קען ניט זען ווי איינער פֿאַלט...

איך זויג דעם שטאָלץ פֿון געטער ערגעץ,
וואָס לערנען זיין אַ מענש — אַ גאָט...
און כ׳וואָלט צעדריקט די ווערים קליינע,
וואָס ציען זייער זיין פֿון שפּאָט...

אַ וואָרים זיין, נאָר זאַט, באַקליידעט,
דאָס איז דער גאַנג פֿון וועלט אַצינד.
כ׳האָב דאָס געהאַסט נאָך יענע יאָרען,
ווען כ׳בין געווען נאָך גאָר אַ קינד!

מיין בלוט איז פֿריי — אַ פֿעלד, אַ לאָנקע.
ציגיינער קענען דאָס פֿאַרשטיין.
און ווילד ביז שטראָמיגקייט דאָס פֿליסען
און ניט באַזיגבאַריש — אָ, ניין!

איך וואָלט אַוועק צום טייוועל׳ס אינזעל,
צו ווילדע, וויסטע שוואַרצע יאָר,
אַבי ניט זען די קרומע צורות,
ניט הערען: דאָס מען מעג, און גאָר!

און יענע זאַך איז ניט פּאָר מענשען,
אַהין ניט גיי, מ׳איז איינגעשטעלט!
פּאָלג אַ קלוגען נאַר, אַ דיינקער,
לעב ניט נאָר ווי דיר געפעלט...

אַך, ווי ביטער ס׳איז דאָס לעבען, —
ווי אַ הונט וואָס ס׳דריקט די קייט.
ווִיפיל אומעט, שרעק און צווייפעל
פון די אויגען זיינע ווייהט?...

ניין, איך האָב די קייט צעריסען,
יאָג זיך אום אַליין, נאָר פריי!
עלענד, הונגער, קיין פאַרזאָרגער,
אָבער ס׳איז געשמאַק און ניי...

פריי! אַ הונגער אין דיביינער,
צווייפעל אין די אויגען גליט.
אָבער קיינעמס, קיינעמס גוטסקייט
מיינע בלוטען מער ניט בריט!...

כ׳האָב געזען, — שוין לאַנגע יאָרען,
אַ הונט אַנטלויפען פון דער קייט.
ער לויפט אין פעלד אַ פרייער, גליקלאַך
און מיט׳ן עק ער וואַרפט און דרייט:

כ׳בין פריי און ווילד ווי אַ ציגיינער!
געהאַווקעט האָט דער הונט, מיר דאַכט?
און אין זיין האַווקען, גלויבט — ס׳איז אמת!
ער האָט געוויינט און האָט געלאַכט...

אַזוי בין איך — אַ הונט אַ פרייער
און אַ ציגיינער אין מיין גייסט.
אַ מענשעלע ווי אַלע מענשען,
וואָס שטיקער ממש פון זיך רייסט:

לעב אַ רואיק לעבען, ברודער,
זאָרג פאַר ווייב און פאַר'ן קינד!
טראָג דעם יאָך פון יאָרען לאַנגע
און קום אָפּ פאַר דײַנע זינד!

וואָס?! האָב איך דען ווען געזינדיקט?
וואָרעם, שווייג! דער זעלבער קלאַנג!
ניטאָ קיין ביסעל בלוט אין קערפער,
ניטאָ קיין פאָדערונג און דראַנג.

כ'בין ווילד און פריי ווי אַ ציגײַנער
און מעכטיג ווי דער שטורעם-קוואַל.
איך קען באַגעגענען פאַרלאַנגען,
אַ חבר זיין מיט זונענשטראַל.

מיין ביסעל פרייד, דאָס איז מיין ווילדקייט,
מיין גאַנצער טרייסט וואָס איך האָב מוט.
און אויב איך לעב, איז צו פאַרדאַנקען
מיין פליסענדיג ציגײַנער-בלוט...

איך בין אַ שטראָם, וואָס יאָגט מיט אימפעט
און שווינקט אַוועק דעם שמוץ אין וועג.
איך בלייב ניט שטיין אַ פרעג טאָן קיינעם
צי שטורעמען אַזוי מ'מעג?!

שוין לאַנג, שוין לאַנג, אין קליינעם שטעטעל,
ציגײַנער האָבען דאָרט פאַרבראַכט.
און איינע אַזאַ ווילדע שעלמאַ
האָט אַזוי זיך צו מיר געלאַכט.

האָב איך דערפילט אַ בראַנד, אַ פייער
אין בלוט, וואָס האָט זיך היים צעקאָכט.
און קען פון דעמאָלט ניט געפינען
קיין אָפּשטעל און קיין רואיג אָרט.

כ׳בין אויך אַ ווילדער און אַ פרייער,
אַ ברודער צו דער טאָכטער ווייט.
„ביזט אַ ציגיינער, אַ ציגיינער!"
הער איך שטענדיג ווי זי שרייט...

אַ ציגיינער. פריי און לוסטיג.
אָן אַ ווינקעל. גוט אַזוי!
כ׳לעב אַ לעבען פריי. ווען אַלע
שרייען: ס׳איז דאָס לעבן גרוי!...

ביינקשאַפט

קומט אָן אַ ביינקשאַפט,
ווערט זיסער דאָס לעבען.
ציט עס וואו ערגעץ
צו נעמען און געבען...

זעט זיך דאָס שטעטעל
מיט היימישע מענשען:
איינעם באַגריסען,
דעם צווייטען צו בענשען.

און דאָרט באַם כאַליאַוועץ,
וואו בוימעלאַך וואַקסען,
וואו גויאים און גויעס
צעלייגען די פלאַקסען.

וואו פעטראָ דער אַלטער
כאַפט פיש ביי דעם טייכעל.
פאַרשווינדט נאָר דאָס ביינדעל, —
באַווייזט זיך אַ שמייכעל.

און אָט איז אַ שיפעל,
בעליאַווסקי דאָרט דרימעלט.
דאָס וואַסער באַם ברעג
איז פאַרגרינט און פאַרשימעלט...

עי, גוטינקער אַלטער,
נעם צו די פאָר גראָשען.
די זון הויבט אָן צאַנקען,
וועט ווערען פאַרלאָשען...

וועל איך ׳מיך מיט סאָניע׳ן
אין שיפעל זיך לאָזען
און אויסבעטען ווייך עס
מיט גרינינקע גראָזען.

און לאָזען עס שווימען,
וואו ס׳יאָגען די שטראָמען...
אַלטינקער, דרימעל!
וועסט גאָרניט פאַרזאָמען...

און גיב אַ טראַכט איך

און גיב אַ טראַכט איך פון דער גאַנצער אַ וועלט,
שפרינגט ניט ווילענדיג אַרוים מיין איך.
פאָדערט וואָס פון מיר און צייגט מיר עפּעס אָן
און גאַנץ אָפט מיט מיר גאָר רייצט ער זיך.

ס׳לויפען שנעל פאַרביי די בילדער פון אַמאָל
און אויך די היינטיגע דערציילען פיל,
אַז לעבען איז אַ ווינט וואָס מאַכט באַוועגען אַלץ
און ס׳ביסעל יאָרען איז אַ קינדער־שפּיל...

שפילען מיר ווי זיי מיט בלאָטע און מיט ברויט
ליבען זיך און האַסען זיך צוגלייך.
בויען וועלטען אויס פון שפּענער און פון האָלץ.
ווערען בייז... נו, לאָזט זיך אויס אַ טייך...

לויפען זיך די טעג, וואָכען גייען וואו
אין דער אייביגקייט פון ניט זיין — אַ וועלט...
לייגען זיך דאָרט אויס איינס אויף ס'אַנדערע.
פאַר וואָסער צוועק? עס איז פון אונז פאַרשטעלט!

גריבלען מיר זיך טיף, ווילען וויסען אַלץ.
טוען נאָך אַ גאָט. זיינען אָבער קליין...
מאַכען מיאוסע שטיק, דיינקען ווער ווייסט וואָס!
האָב איך עס געטאָן, איז געווים דאָס שיין...

און פאַרשריבען דאָס ערגעץ אין אַ בוך, —
זאָל עס וויסען אויך שפּעטערדיגער דור,
כאָטש כמעט אַזוי וועט אויך זינגען ער,
מיט'ן זעלבען קלאַנג, אינ'ם זעלבען כאָר...

און אַזוי זיך ציט שוין פון יאָרען לאַנג
מיט'ן זעלבען קלינג לעבענס אַלטע קייט.
מענש צו מענש איז פרעמד שטייענדיג באַם זייט
און אַ דורות־ווינט מיט אַ קאַלטקייט ווייט...

געדאַנקען

געדאַנקען, געדאַנקען,
איר נאַרט מיך שוין לאַנג!
איך טרוימער הער איין זיך
צום טאָן און צום קלאַנג:

דאָרט חלום'ט אַ שטערען,
אַ שטומע מיך רופט...
די הימלען פאַרשפּרעכען,
פון בלומען דעם דופט...

דאָרט צווייפלען נשמות,
אַ האַרץ וואו אַנטגייט...
צו געסעלאך שמאָלע,
צום פעלד וואָס איז ברייט...

צו ווייטען דאָרט הויכע,
צו טאָלען אין טיף...
געדאַנקען באַפוילען
צו האָבען באַגריף...

געדאַנקען פאַרפירען,
פאַרבלענדען דעם בליק:
זיי ברייגנען אַהינצו
און רופען צוריק...

געדאַנקען, געדאַנקען,
איך בין אייער קנעכט!
דאָך אָן אייך צו לעבען —
ווי ביטער, ווי שלעכט!...

צוריק אין דר'ערד...

צוריק אין דר'ערד. אַ האַלבען מייל די טיף.
דער קוילען-גרעבער גראָבט און קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט.
און פינסטער ס'איז אַרום דאָ אונטען, אויבען אויך.
אַ האַמער וואָגיק-שווער עס וואַרפט זיך דער האַנט.

אַ האַמער אַזוי שווער. אַ דלאָטע אַזוי שאַרף,
וואָס שניידט זיך טיף אַריין אין וואַנט פון האַרטען שטיין.
און שטענדיג עס קריכט אַ מענש מיט האַרץ דאָרט אום
און מיט געפילען אויך — און פילט זיך אַזוי קליין...

און נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ, און טיף די דלאָטע קריכט,
דעם בויך פון מוטער־ערד ער לעכערט און צערייסט.
ער ווייסט ניט וואָס ער איז און וואָס ס׳איז אים באַשערט,
דעם האַרטען קויל ער גראָבט, צו קריגען אים זיך פלייסט...

און פינסטער ס׳איז אַרום. אַ לעמפּעל בּאַ דער נאָז —
צו ציילען יעדען קלאַפּ און וויסען אַקוראַט.
און האָט ער כאָטש אַן אָרט, דעם קאָפּ צו לייגען וואו
און שוואַרצען ברויט זיך אָנעסען צו זאַט?...

און זעט ער ווען די זון, די שטראַלען גאָלדיק־שיין,
דעם הימעל בלוי און טיף, אַ וואָלקענדל וואָס שוועבט...
צי ווייסט דער מענשען־קראָט אז עפּעס לעבט אין אים,
פאַר וואָס, פאַר ווען, פאַר וועמען דאָ ער לעבט?

און גיט אַמאָל אַ רעד אין אים דער מענשען־איך,
און ס׳נאָדעלט זיך דאָס בלוט און שטעכט אַזש ביז׳ן ביין,
פאַרשעמט ער זיך פאַר וואַנט און פינסטערניש אַרום
און קלאַפּט אוים מיט די ציין: „איך בין אַ וואָרים קליין“!

און הויבט ער ווען אַרויף די אויגען אין דער הויך
אין שטומען וויי־געבעט מיט האַמער אין דער האַנט.
צי האָט ער ווען אַ דראַנג מיט דלאָטע שטעכען טיף
דעם בייזען שיקזאַל בלינד און לעכערען די וואַנט?

און לעכערען דאָס האַרץ פון טייוועל געל־און־שוואַרץ,
און רייסען זיך אַרויף צו פרייהייט און צו ליכט,
ווען שטילערהייד ער גראָבט זיך ווי אַ קראָט אין דר׳ערד
און ווי א מויז ער נישטערט אום און קריכט?...

און טוט א שרפ׳ע אים דאָס אויסזען פון אַ קינד,
ווען מאָגער, בלאַס און קראַנק עס בעט א פּעני שטיל;
און וואַרגט ער זיך פון וויי, דערזעענדיג די ווייב
אַן אויסגעדינטע, מיד — אָן לעבען, אָן געפיל?...

אונ קאָרטשעט ער זיך איין אין צענטען פאַר'ן וואָרט:
„דער הונגער" הערשט ביי אונז, געוועלטיגט שוין דאָ לאַנג!
צי שיפעט ער אַרוים דעם ווייטאָג און פאַרדרוס
מיט גיפט וואָס בראַנדיג איז פון בייזען מויל פון שלאַנג?.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ער גראָבט זיך ווידער, גראָבט אין טיפעניש פון ערד,
אָן ביסעל ליכט אַרום, אָן ביסעל גליק און פרייד...
און טראָגט אַרום מיט זיך אַ קנויל פון האַס און גיפט,
אַ פּאַק פאַרבונדענעם, אַ פּאַק מיט שווערע לייד...

אַ פּאַק — — וואָס וואַקסט אין אויג, אַ הויכער באַרג אַרום
און דריקט אים צו דער ערד, די משא ז'אַזוי שווער!
און קיינער קומט ניט צו פאַרלייכטערען דעם דרוק.
און קיינער קומט ניט צו. מ'גיט זיך ניט אַ ריר!

און שאַרפער ווערט די מי. און טויטליכער דער גיפט.
און ריזיגער דער באַרג פון מענשען-האַס און גאַל...
דער קוילען-גרעבער גייט, דער העקער, שניידער, קוקט!
דער מויערער, ער קומט! דער דינער פונ'ם שטאַל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און פינסטער ס'איז אַרום דאָ אונטען, אויבען אויך.
אַ האַמער וואָגיק-שווער עס וואַרפט זיך אין דער האַנט.
און ס'וואַרפט זיך אויך דאָס האַרץ פאַר ווייטאָג און פאַרדראָס,
דער קוילען-גרעבער גראָבט און קלאַפט זיך קאָפּ אָן וואַנט...

ער איז צוריק אין דר'ערד. אַ האַלבען מייל די טיף.
ער וועט פון דאָרט אַרוים און לויפען מיילען ווייט.
ער האָט דערהערט דעם רוף, דאָס שאַלען פון טרומייט,
ער האָט דערפילט דעם דרוק — באַנייאונג פון דער צייט...

און זעט נאָר ווי ער קומט, און זעט נאָר ווי ער גייט, —
דער האַמער אין דער האַנט, די דלאָטע אין דער הויך.
און אַנדערע מיט אים — די טרעגער פון דעם היינט.
דעם נעכטען האָבען זיי אָוועקגעלאָזט מיט רויך...

נאַכט־אידיליע.

ווען איך מיר אַרויסגיין אַביסעל אין גאַס
אַ שמועס טאָן מיט שטילקייט פון נאַכט.
באַם טיר האָט די לופט מיך באַגריסט און איך הער:
די לופט האָט זיך פּלוצים צעלאַכט.

זי לאַכט מיט אַ שטילקייט פון נאַכטיג־געמיט
און דרינגט אין נשמה אַריין...
און הויבט אָן דערציילען אַ מעשה'לע קלאָר
ווי פריינט באַ אַ גלעזעלע ווייַן.

ניט שיכור. חלילה! נאָר גלאַט זיך אַזוי:
דער ווייַן עפּענט גיכער דאָס מויל...
דערציילט זי, דערציילט זי די פריינדין, די נאַכט,
אַז לעבען איז טייער און וואויל!

דערציילט זי, אַז ערגעץ וואו זאָגט זי ניט אויס:
אַ מיידעל זיך דרייט אויפ'ן בעט.
און רופט איר געליבטען און בעט זיך באַ אים:
קום, טייערער, גיב מיר אַ גלעט!

קום, טייערער, קוש מיך און דריק מיך צו זיך.
מייַן בעט — אַזוי ווייס, אַזוי קלאָר...
מייַן לייב אַזוי ווארים, זיך טוליען צו דעם
און זע נאָר, ווי שיין — מייַנע האָר!

און פיל נאָר דאָס הארץ מייַנס, אַט לויפט עס אַוועק.
אוי, ווייַ! ווי געוואָרען ס'איז ווילד...
עס ברענען די אויגען ווי ליכט אין מייַן קאָפּ.
קום גיכער באַטראַכטען דאָס בילד!

קום גיכער, געליבטער, ווייל לעבען איז קורץ
און ניט יעדע נאַכט איז אַזוי.
אצינד זע איך פארבען פון לעבען און גלוסט
און מאָרגען וועט לעבען זיין גרוי!...

און נאָך וואָס דערציילט מיר די פריינדין, די נאַכט,
נאָר בעט זיך: „זאָג קיינעם ניט אוים“!
„אין דער לבנה האָב איך זיך פאַרליבט,
אָט איז זי פון וואָלקען אַרוים!“...

פאַרנאַכט

אָנגעכמורעט איז דער דרויסען,
ווי אַ זיידע קוקט ער אוים,
ווען ער בייזערט זיך פאַר עפּעס
און זיין ברעם ווערט אַזוי גרוים...

אָנגעכמורעט, אָנגע׳ברוגז׳ט;
פאָלגען ניט אַ זיידע גאָר?
שיינקען גאָרניט אויפמערקזאמקייט
זיינע ווייסע, גרויע האָר!...

קוקט דער הימעל אזוי ציטריג
און אַ ווינטעל יאָגט זיך אום.
גיב אַ קוק אַהין צום וואָלקען,
ווי ער קוקט אַ בייזער קרום!

און א בלעטעלע זיך שאָקעלט
אויף אַ בוים דאָרט הין און הער.
דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען,
איז געווארען אזוי שווער.

דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען,
ווי א חזן מיט זיין כאָר:
יעדער זינגט אַנ׳אַנדער ניגון
און דאָס זינגען ז׳אַזוי קלאָר...

אַלע טענער, אַלע קלאַנגען —
צו איין ריכטונג, צו איין גאַנג.
און פאַרנאַכט — דער חזן פירט זיי,
דיריגירט אַ שטיל געזאַנג...

צום סדר

מיין טאַטע איז ערגעץ פאַרטריבען געוואָרען,
מיין מאַמע — וואו איז זי אוועק?
ברידער און שוועסטער זיך וואַלגערען עלענד.
אוי, וואָס ס׳איז געווארען? — אַ שרעק!

און אָט וועט דער יום־טוב, דער ליבענדער קומען —
דער סדר, דער ערשטער וועט זיין.
מיר דאַכט זיך איך זע ווי מיין טייערע מאַמע
זיך פאָרעט ביים ראָזשינקעס וויין...

און אָט זיצט מיין טאַטע פאַרטיפט אין הגדה, —
פאַרטראַכטען מ׳קען זיך דאָרט פיל:
ס׳האָט פרעה געמוטשעט אחינו ישראל,
געוועז ס׳איז אַן אמת׳ע שפיל...

מיין ברודערל יאָסעל פרעגט קונציג די קשיות:
ניט פינף נאָר מערער און מער...
וואס איז? עפעס ווייניג פאַראַן איז צו פרעגען:
עס גליט נאָך די אידישע טרער!

עס שמייכעלט מיין טאַטע: אַ קונדס אַ קליינער,
און ווייסט שוין אַזוי פיל, אוי פיל!
דאָס וועלטעל מיט אירע יסורים און ליידען —
די גאַנצע צוויי זייטיגע שפּיל...

ער ענטפערט: עבדים היינו. צו פּרעה'ן.
ביי ריצקאָ'ן, מיכאַלקאָ'ן — קאַנדראַט.
קישיניעוו, ביילים און אַנדערע גזרות,
מ'ווייסט זייער האַנדלונג און טאַט!

מ'ווייסט אַז זיי קענען נאָר שענדען און רויבען,
דערשטיקען, פּאַרניכטען ביז גאָר.
יללות פון פרויען, פון פּיצעלאך קינדער
דעם מערדער ניט רירט אויף אַ האָר...

אַ בלבול אויף אידען איז גרינג דאָך צו מאכען:
זיי נוצען אין מצות גאָר בלוט?!
שחיטות, פּאָגראָמען, ס'אַ שפּיל ביי די שונאים.
ווער האָט זיי געזאָגט אַז ס'איז גוט?

ישוע הנוצרי? אַ איד דאָך געוועזען...
און וואָלטען זיי אים נאָר פאַרשטיין?
פריינדליך אַ מענש וואָלט אַ מענשען באַהאַנדעלט,
אַנשטענדיג, ווירדיג און ריין!

און ערנסט מיין טאַטע באַטראַכט זיינע קינדער
און ס'גנב'עט פון אויג זיך אַ טרער.
ער ווייסט אַז דאָס לעבען אַ וועג איז מיט שטיינער,
אַ אידען אים דורכגיין — איז שווער!

און ס'צאַפּעלט מיין מאַמע, באַטראַכט אירע טעכטער;
זאָל גאָט זיי באַשיצען, דער האַר!
„עבדים היינו!" זי באָדט זיך אין טרערען:
„ניט מאַך אונז צו שאַנד און צום נאַר!"...

אוועק זיינען יאָרען אין תהום פונ׳ם לעבען,
מיר זיינען צעוואָרפען, צעשפּרייט.
צום סדר מיין מאַמע, זי רופט אירע קינדער...
צום טיש אָבער קיינער ניט גייט!

דער טאַטע ז׳געשטאָרבען, די מאַמע צעבראָכען,
דאָס לעבען — אַ שאָרבען, ניט מער!
און מאָרגען איז פּסח. צום סדר. די קשיות.
עס וואַרגט און עס שטיקט מיך אַ טרער:

עס וואַרגען מיך צווייפלען און פראַגע און קשיות:
וואָרום איז אַזוי? ניט אַזוי?
פאַר פעלקער, פאַר איינע דאָס לעבען איז גלאַטיג,
פאַר אַנדערע — לעבען איז גרוי?...

איך האָס דיך, וועלט!

איך האָס דיך, וועלט, און האָב דיך האַרציג ליב,
ביזט עקעלהאַפט, ביזט מיאוס און וואונדער־שיין.
אָט פיל איך זיך לים דיר ווי אויף אַ מאַמע׳ס שוים
און אָט בין איך גאָר עלענד ווי אַ שטיין...

איך האָס דיך, וועלט, און בין אַנטציקט פון דיר.
ביזט ווערעמדיג, מיט גיפט און ווי די זון גאָר שיין.
אָט פיל אי זיך לים דיר ווי אין אַ גזלנ׳ס האַנט
און אָט בין איך אַ גזלן אויך פאַר געלט...

איך האָס דיך, וועלט, ווייל כ׳ליב דיך אָן אַ שיעור.
אָט ביזטו מיר געטריי און רייצענד ווי אַ זי...
איך קוויק זיך אין דער שטיל פון יעדען קער און דריי
און אָט בין איך פאַר׳שרף׳עט שוין פון גלי...

איך האָס דיך, וועלט, איך האָב דיך ליב און האָס,
ביזט וואַנזיניג, ביזט קלוג און ווי א תם...
אָט ביזטו ווי אַ בין וואָס יעדען האָניג טיילט
און ווי אַ שלאַנג, וואָס לאָזט אריין איך סם...

איך האָס דיך, וועלט, איך האָס און האָב דיך ליב.
ביזט גרויזאָם, ביזט ברוטאַל און דאָך מיט חן...
אָט וויל איך לעבען נאָר, געניסען פרייד און גליק
און אָט וויל איך אויף שנעל פארגיין...

דעם פּעדלער׳ס טרוים...

„ניט לאַנג וועל איך שלעפּען די פּושקאַרט די שווערע,
באַנענעם פּאַרקויפען אָן צאָל.
מ׳עט זיך דאָך אויפהערען שלאָגען אין יוראָפּ —
ס׳קומט דאָך אַנ׳ענדע אמאָל!

וועל איך פון מיין מאַמען אַ בריוועלע קריגען:
פאַרלאָז שוין דאָס גאָלדענע לאַנד!
ווען וועל איך שוין זוכה זיין זען דיך, מיין קינד, דאָ?
שרייבט זי צו מיר נאָכאַנאַנד.

יאָ, מאַמעניו, כ׳קום שוין, איך לאָז מיך שוין שווימען, —
אַ שיף שטייט פאַרגרייט שוין באַם ברעג.
ס׳האַלט שוין באַ שלום, מען שמועסט אין די פּייפּערס,
עס ווענדט זיך אין טעליכע טעג!

איך בֿיינק און איך גאַר צו דיר גיכער שוין קומען
קיין יוראָפּ — אין שטעטעלע טריסק.
מ׳זאָגט ס׳איז אפילו ניט גלייך איצט צו פאָרען, —
כ׳וויים, עפּעס מינעם — ס׳אַריסק!

נאָר ווער וועט זיך רעכנען, כ׳וועל פאָרען וואָס שנעלער.
ווייל שלעפען די פושקאַרט כ׳בין מיד.
צען יאָר אַז איך שלעפּ זי און שלעפּ זי און שלעפּ זי,
כ׳האָב שוין קיין גאַנצענעם גליד!

אין רעגענס, אין בלאָטעס, אין היצען, אין קעלטען
געפין איך זיך שטענדיג אין גאַס.
צעברענט פון די היצען, פאַרפרוירען פון קעלטען,
רעגענט — די פיס ווערען נאַס.

באַ פרעמדע אויף קעסט, אין אַ ווינקעל אַ בעטעל,
דאָס איז דאָ מיין גאָלדענע לאַנד...
פארשווינדט נאָר דער מאָנאַט, די מיסעס זי קרומט זיך
און קוקט מיר אַריין אין דער האַנט...

כ׳וועל פליען, כ׳וועל לויפען קיין יוראָפּ אין שטעטעל
און זיין דאָרט מיט מענשען צוגלייך.
די עטלאַבע „טאָלער" וואָס איך האָב געשפּאָרט דאָ,
אין יוראָפּ — איך ווער דאָרטען רייך!

כ׳האָב קליידער די שענסטע און שיך פון די בעסטע,
ס׳עט קלעקען אויף יאָרען מיר לאַנג!
און טו איך אַ שידוך אין שטעטעלע דאָרטען —
ווער דאַרף עס דען דרשה געשאַנק?...

א זייגער, אַ קייטעל און סיגנעטען גראָבע,
אַן אוצר זיי קאָסטען — נו, נו!
און וועט מען דערזען דאָס אין שטעטעלע דאָרטען,
וועל איך שוין ניט וויסען פון רו!

און וועל איך זיך לאָזען אַרויסגיין שפּאַצירען
פאַרפּוצט ווי דער פּריץ פון הויף...
וועט יעדערער וועלען מיך אָנקוקען פריער:
ס׳עט ווערען אַ רעש, אַ געלויף!

און איך וועל מיר שמייכלען: — אַמעריקאַניעץ!
כ'האָב טייער באַצאָלט דאָרט אין לאַנד:
צען יאָר ווי אַ פערד האָב געשלעפּט איך אַ וואָגען
און דאָ? כ'בין געוואָרען אַ פּראַנט!

און מיידלאך באַנאַכט וועלען שלאָפען ניט קענען,
נאָר דיינקען און טראַכטען פון מיר...
זאָג מיר נאָר, מאַמע, אָט די און די מיידעל
געפעלט דיר צו זיין דיין אַ שנור?"

„אָט די און די מיידעל, וואָס רעדסטו מיין טייערס?
זי קומט דאָך פון סאַמע אויבען־אָן...
רייזעלע קרוינדעל'ס? דער יחוס פון שטעטעל!
אַ כבוד אַזאַ שידוך צו טאָן!

רייזעלע קרוינדעל'ס, אַ מיידעלע אַ צאַצקע,
נאָר אָרים איז זי ווי די נאַכט...
שלאָף־זשע ניט, בייניש, פאַרקויף די באַנענעס, —
אויף דיר דאָרטען רייזעלע וואַרט!"

„און אויספּוצען כ'וועל זי אין עסיג און האָניג
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ נגיד'ס אַ פרוי...
און שבת פאַרנאַכט וועלען מיר דאָס שפּאַצירען
„פּאָ אַמעריקאַנסקי" — אַזוי!

געארעמט איך וועל זי דאָך פירען מיין מיסעס
אין שטעטעלע דאָרטען, צום וואַלד...
און נאַכקוקען וועלען די חבר'טעס אירע
מיט פינקלענדע אויגען — אַ גוואַלד!

כ'וועל קויפען אַ הייזקע פאַר געלט מזומנים.
מיט דאָלאַרס? איך ווער אַ מאַגנאַט!
דער פּריסטאַוו, אוראַטניק, דער לערער פון שקאָלע
מיט מיר וועלען ווערען פאַן בראַט...

כ׳וועל הייסען פאַרריכטען דעם אַלטען בית מדרש —
פון טשערעפּעס לייגען אַ דאַך.
די באָד, דעם בית עלמין — אַ פּאַרקען אַ נייעם,
ס׳עט זיין דאָרטען אַרבייט אַ סך !...

און שבת אין שול כ׳וועל אַ ווינק טאָן צום שמש :
אַן אורח מיר שיקען און — צוויי.
אַ שיינע נדבה כ׳וועל געבען צו יעדען
און לעבען זיך ברייטלאַך — אַזוי !

און וועט אַ מחלוקה זיך מאַכען אין שטעטעל, —
מ׳איז מענשען און אידען דערצו...
וועט בייניש שוין לאַדיען מיט יושר און שכל,
אַריינברייננגען שלום און רו...

מיין טיר וועט זיין אָפען פאַר יעדען, פאַר אַלע, —
אַן עצה זיך האַלטען... אַ וואָרט !
מ׳זיצט אַרום טיש גאַנץ געמיטלאַך, געלאַסען
און דער סאַמאָוואַרטשיקעל קאָכט...

עס קלינגען די גלעזער און רייזעלע שמייכעלט.
אַ ווירטין, אַ לעבען אויף איר !״
„זאָגט מיר נאָר, מיסטער, וואָס קאָסט די באַנענע
און וויפיל באַטרעפען די פיר ?״

„האַ, די באַנענע ? די פיר ווילט איר האָבען ?
אַ דאַיעם !״ — ער ענטפערט איר פויל.
אַוועק איז דער יום־טוב, די טרוימען פון שטעטעל,
עס כאַפּט אים אַרום אַזש אַ גרויל...

אַוועק זיינען יאָרען, מען שקלאַפט און מ׳אַרבייט.
דער פעדלער געוואָרען איז קראַנק.
דאָקטוירים, זיי רופען עס אָן „רעוומאַטיזם״,
און וואָס ?... עפּעס טראָגט זיך אַ קלאַנג :

דער פֿעדלער האָט אויסגעהויכט שטיל זיין נשמה.
עלענד, אליין, אין שפּיטאָל.
אויפ׳ן בית עולם — אַ שטיין... אַ פּאָר ווערטער.
מצבות ארום אָן אַ צאָל...

נאַריש קינד

נאַריש קינד, וואָס קאָרטשעסטו זיך אויף דיין בעט אליין
אין שפּעטער שעה פֿון נאַכט
און טרוימסט פֿון גליק, פֿון פֿרייד און גלוסט,
פֿון זיסער יוגענט פּראַכט?

דו נורעסט זיך אין וואַרימקייט פֿון קישען איין
און מאַכסט די אויגען צו.
כאָטש פֿילסט ווי שפּרינגען פֿונ׳ם בעט אַרויס, —
עס נעמט דיך ניט קיין רו!

דו נעמסט אַרום מיט דיינע שטאַרקע מיידעל־הענט
דיין אייגען לייב.
באַרירסט די ברוסט און מורמעלסט האַסטיג, שטיל:
מיין זיסע ווייב!...

און פֿילסט די וואַרימקייט, דעם ציטער פֿון די פֿיס,
עס יאָגט, עס לויפֿט דאָס בלוט...
דיר ווייזט זיך אויס אַ צווייטער דריקט דיך שטאַרק,
פֿילסט מיד און גוט!

נאָר שרעקסט זיך איבער גלייך פֿאַר שטילקייט און געדאַנק:
ס׳אַ זינד! — — — נאָר ניין!
איך וויים שוין מער פֿאַר דיר, דו נאַריש קינד, —
ס׳איז לעבענס־חן!

טרוים, טרוים און שרעק זיך ניט, ס׳איז גוט אזוי
און פאנטאזיר,
איך וועב א גלוסטען-נעץ אין נאכטען-שעה
פאר דיר און מיר!

און אויב דיין הארץ וויל נאך, דיין בלוט פארלאנגט, —
גיי זוך און נעם!
און קלאמער אים אריין אין נעץ פון בלוט,
אין לעבענס-קלעם!

און טרינק פון טיפען קוואל, לעש אוים דיין הייסען דורשט,
וואס בריט און ברענט...
און זיי נאך שטאלץ דערמיט וואס דו האסט לעבענס-פרייד
גענומען מיט די הענט!...

דער סטאליער

וואס קלאפסטו דארט, טאטע, בייטאג און ביינאכט
אין איינגען, אין טונקעלען חדר,
פאר וועמען די שטולען, דעם רונדיגען טיש,
דעם שראנק אזא שיינעם פאר קליידער?

א זעץ מיט׳ן האמער, געעגבערט, געדרייט.
וואס יאמערט די זעג אן אן אויפהער.
וועט געבען די פרייז כאטש דער פרעמדער וואס קומט,
און וועט זיך ניט דינגען דער קויפער?

וואס הוסטו, א, טאטע, בייטאג און ביינאכט,
א געלער ווי פארמעט ז׳דיין אויסזען?
די אויגען פארלאשען, מיט יאוש דיין בליק,
די באקען, זיי בליען ווי רויזען?

זיי גליען און פאַלען אַלץ טיפער אַריין, —
די ביינער נאָר איבערצוציילען...
און וועט זיך די וואונד וואָס דו האָסט זיך געמאַכט
בא דיר אויף דער האַנט ווען פארהיילען?

און ווייסטו — דער רבי מאָנט שטענדיג און מאָנט,
דער רבי דאַרף עסען און לעבען!
טאַטעניו, גיב מיר אַ קערבעל און כ׳וועל
שכר לימוד דעם רבי׳ן היינט געבען!

אַ זעץ האָט דער האמער געגעבען, אַ קלאַפּ,
די זעג האָט צעוויינט זיך מיט טרערען...
און אויגען צוויי ברענען און קוקען מיט כעס
ווי ז׳וואָלטען זיך בעטען: ניט שטערען!?

און ס׳קרעכצען די ברעטער, דער עגבער פארשווינדט
און לעכערט דאָס האָלץ אָן אָן אויפהער.
וועט געבען די פרייז כאָטש דער פרעמדער וואָס קומט
און וועט זיך ניט דינגען דער קויפער?...

וואַרום?

וואַרום האָב איך געלייענט גאָר יענע לידער
און דערפילט דעם טיפען טעם פון זיי?
וואַרום האָט מיך אַ בייַנקשאַפט אָנגע׳שכור׳ט
און ס׳האָט אַרומגעכאַפּט אַ נאָגענדיגער וויי?

וואַרום האָב איך די ווערטער איינגעזויגען
און דערפילט זיי מיט׳ן הארץ און בלוט?
וואַרום האָט זיך אַ וואַרעמקייט צעגאָסען
און ס׳איז געווארען דעמאָלט אַזוי גוט?

ווארום האָב איך פארבײנקט זיך צו די פעלדער
און דערפילט דאָס שײנקײט פון דער בלום?
ווארום האָב איך דעם וואלד גענומען ליבען
און זיך פארטראכטען וואו איך גײ און קום?

ווארום האָב איך אין ביכער זיך געגראָבען
און אָנגעשעפּט מיט אוצרות זיך אָן שיעור?
ווארום האָט יענער דיכטער מיך צעבראָכען
און ס'האָט זײן ליד גערויבט בא מיר א טרער?

איך דאַנק דיר!

איך דאַנק דיר, הויכע קראַפט, פאר דײן געשאַנק,
וואס האָסט געגעבען מיר.
איך היט דעם אוצר, גרויס זיך ניט מיט אים
און אָפען כ'האַלט מײן טיר!

ס'איז פרײ מײן הארץ, באַלאַנגט צו אַלע דאַ,
איך האָב געדולד און צײט.
„קומט צו מיר, אינאײנעם לערנען וואָס"!
א שטימע שרײט.

איך ווײס פון גליק אַביסעל — ס'איז גענוג
איר קענט אויך גליקליך זײן:
אַ מאַלצײט, רו און נאַרונג פאר'ן גײסט,
ס'איז גאַרניט מײן!

ס'איז שווער דאָס זײן און גרינג — אַ שפּילעכל,
טאָ פרואווט פארשטײן,
אַז לעבען מײנט ניט לאַסט און וועלען אָן א שיר
פאַר זיך אַלײן...

אין אָרקעסטער.

ס׳האָבען די פויגעל אין אָרקעסטער געזונגען,
די בוימער האָבען אונטערגעהאַלטען
און ס׳האָבען די בערג פון דערווייטענס, די שטילע
טיף אינווייניג עפּעס באַהאַלטען.

אַ הימעל אַ בלויער האָט ליבלאַך געשמייכעלט
און בלומען — אין וויפיל קאָלירען!
אַ שטילקייט פון פעלד האָט מיט שטילקייט פון הימעל
אַ שמועס גאָר גענומען פאַרפירען...

און איך בין אין העמאַק אליין מיר געלעגען,
געטרונקען מיט דורשט אַלע קלאַנגען...
און ס׳האָבען די ריטמען גענומען זיך דרייען
און וואַרפען אזוי ווי די שלאַנגען...

טפש !...

און קריגסטו דעם עגל הזהב אריין,
פאַרגעסטו דיין שטאַם און דיין נאָמען.
פאַרהילצערט, פאַרשטיינערט, אָן לעבען אָן בלוט,
קיין זאַך פון דיר קען מען באַקומען!

ווי ציניש, ווי קריכיג, ווי ווערעמדיג-קליין,
דו מאַכסט אַ פּראָגראַם פון דיין לעבען:
ווילסט נעמען, נאָר נעמען פון אַלעם פון אַלץ,
אַ צווייטען דו ועסט גאָרניט געבען...

בהמה! צי ווייסטו דען ניט ווער דו ביזט,
דיין שטאַם איז פון ערד און פון ווערים...
דער עגל הזהב מאַכט נאַריש און פוסט.
נאָר פרעג אים דעם טפש בחרם!?

עלענד...

עפעם האָב דערפילט איך אזאַ עלענד,
גלייך ס'וואָלט קיינער ניט געווען דאָ
אויף דער וועלט.
ס'האָט דאָס הארץ מיינס, דאַכט זיך, אָפּגעריסען
און די זון אַ וואָלקען
האָט פאַרשטעלט.

אזאַ טעמפּקייט ריזעט די נשמה,
פויל זעט אוים דאָס לעבען
אָן טעם.
ערשט, מיר דאַכט, געווען איז אַזוי ליכטיג.
ווער־זשע האָט מיר
איינגעגעבען סם?...

פרעגסט מיך

פרעגסט מיך צי וויים איך און קען איך דאָס לעבען.
זאָג איך: ניטאָ וואָס צו וויסען!
נאַרישקייט, חכמה, גרויסקייט און קליינקייט
פרוואווען אינאיינעם זיך שליסען...

פרעגסט מיך צי וויים איך, פאַרשטיי איך די הימלען,
די זון, די לבנה און שטערען.
זאָג איך: ס'לוינט זיך ניט גריבלען און פאָרשען.
פריי קענסט זיך סיי ווי ניט רירען!...

פרעגסט מיך, באַוואַרפסט מיך מיט טויזענטער פראַגען.
זאָג איך: ניטאָ וואָס צו פרעגען.
אויף דעם וואָס איז ריכטיג זאָגט איינער ס'פּאַסט ניט,
אויף אמת מען שרייט: ס'איז אַ ליגען!...

כ׳וועל ניט!

כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרמעסטען אין שיינקייט,
ווייל דו ביזט געפאַלען!
כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרמעסטען אין ריינקייט, —
דיין אָרט איז אין שטאַלען!

כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרגלייכען אין גרויסקייט,
ווייל דו ביזט אַ בלינדער!
כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרגלייכען אין גוטסקייט,
ווייל דו ביזט אַ זינדער!
כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרמעסטען אין כוחות,
ווייל דו ביזט אַ חיה!
כ׳וועל זיך מיט דיר ניט פאַרמעסטען אין פילען,
באַלאַנגסט ניט צו פרייע!...

נאַכטעלע

נאַכטעלע, נאַכטעלע, סודות׳דיג נאַכטעלע,
זאָג, וואָס באַהאַלסטו אין הערצעלע טיף,
און וואָרום שרעקען די שאָטענס, די שפּרינגענדע,
זאָג מיר, כ׳וויל האָבען פון דיר א באגריף?

זאָג מיר, וואָס שושקען זיך וואלד דאָרט און הימעל,
פארטייטשט מיר דאָס זינגען פון פויגעלע שטיל,
און טויזענטער קולות וואָס ליאַרעמען שטומע, —
איך וויים ניט וואס איז דאָס, דאָך עפּעס איך פיל!

איך פיל ווי עס צופּעט און ס׳נאָגט בא דעם הארצען,
די נאכטיגע שטילקייט פארמאָגט אזא קראפט:
און ס׳טראָגען פון הימעל זיך קלאנגען, מיר דוכט זיך;
וואָס נייעס זיי געבען מ׳וואָלט שוין געדארפט!

זאָג־זשע מיר נאָכטעלע, שווייג ניט, דערציייל מיר,
אנטפּלעקט זיך ווען גאָט אין דער שטילקייט צו דיר
און דבקה׳עט פאר דיר אוים זיין יאוש און עלענד,
ציי האָט ער חרטה? דערצייל־זשע דאָס מיר!

די קליינע טענצער.

אַ הייסער טאָג. דער דרויסען איז דער פּאַרק,
פאַרברייינגט מען לעם די קעסטלאך שמוץ און גנוי
און בוימער. יאָ, זיי זיינען דאָ ניט פּיל,
דערמאָנען ס׳איז די וועלט ניט אזוי גרוי...

„עי, מיסטער, גיב אַ סענט, מיר טאַנצען שיין!"
בעטען זיך באַ מיר צוויי ניגערלאך מיט חן.
באַטראַכטען מיך מיט שרעק און שמייכלען אַזוי זיס,
און טאַנצענדיג זיי פּרוּווען ווייטער גיין...

„אָ, טייערע, איר טאַנצט דאָך אַזוי שיין,
איך וועל באַצאָלען אייך פאר אייער קונסט אַ סך!"
די אויגעלאך דערציילען אזוי פּיל:
ניטאָ קיין שיך, צו עסען און אַ דאַך...

זיי טאַנצען אָבער פריי — ס׳איז ריינע קונסט.
„מיר האָבען שוין פאַרדינט גענוג פאר היינט!"
צו שטיצען קונסט אויף יעדער ערד, אין יעדען לאַנד
געפינען זיך שוין אָנהייגער און פריינט...

און ערגיץ אין אַ הויז אַ מאַמע וואַרט:
די קינדערלאך, וואו זיינען זיי אוועק?
פאַרקויפען קונסט. די אויגעלאך ווי קלוג!
און וואַרפען אָן אן אימה און אַ שרעק...

אַ גליק

אַ גליק וואָס עס קומען אָן כוואַליעס-פאַרלאַנגען
און טוען אַ הוידע דאָס שיפעל באַם ברעג.
און געבען אַ שפּיל זיך מיט קייטעל און שלעסעל,
וואָס דרעמעלט און זשאַווערט די נעכט און די טעג...

אַ גליק וואָס עס קומט ווען אַ פויגעל צעפליען
און שטעלט זיך אַוועק אויפ'ן שיפעל פאַרטראַכט.
אַ גרוס האָט געוויס דאָך דער פויגעל דער פרייער
פון וועלטען פון ווייטע, פון ערגעץ געבראַכט.

אַ גליק וואָס עס קומט ווען אַ פאָרעל זיך ליבען
און לאָזען אין שיפעל זיך שווימען גאַנץ ווייט.
פאַרגעסט אויף אַ רגע דאָס שיפעל די ליידען,
דאָס לאַנגזאַמע קריכען פון לעבען און צייט...

אין נאָמען פון גאָט

אין נאָמען פון גאָט זיינט איר חיות געוואָרען
און שענדעט וואָס הייליג ס'איז דאָ!
און נאָכדעם ווי איר האָט דאָס בלוט שוין געטרונקען,
קענט איר ניט האָבען קיין רו...

קוילעט איר ווידער און שענדעט און גזל'ט,
אין „אָרגיעס" באַדט איר זיך פריי.
מאַכט ניט קיין מינע פון אומשולד און פרומקייט,
פאַר אייך איז עס, חיות, ניט ניי!

אין נאָמען פון גאָט, פון ריינקייט און שיינקייט
זיינט איר ווי ווערים גאָר קליין...
פע, היפּאָקריטען, איר קריכיגע שרצים,
איך אויך ווילט איר זאָל מיט אייך גיין!?

רוסלאַנד

איך בײַנג נאָך דיר מײַן הײם אָ, װײַטע, װײַטע,
װאו כ׳האָב פאַרזוכט דעם טעם פון טרוקען ברויט.
פון הונגער, עלענד, לײַדען אַן אַ גרעניץ
און אַן אַ ברעג פון אָרימאַן — די נויט!

איך בײַנק אַהין צו דײַנע װײַטע ברעגען,
צו סטעפּעס ענדלאָזע, געפילען טיף און ברײַט.
אָט זע איך דעם מוזשיק דעם אָרימען, דערשלאָגען,
דעם אַרבײַטער — פאַר׳חושך׳ט װי ער גײט!

איך בײַנק אַהין צו יענע שקלאַפען־טרוימער,
װאָס האָבען אויפגעהערט זײַן אונטערטעניג, שװאַך
און אויפגעהויבען הויך די האַנט פון טראָגען שטײנער,
פון שאַפען נאָר פאַר אַנדערע א דאַך!?...

ב ײ נ ק ש אַ פ ט

אַפט כאַפּט אַרום אזא בײַנקשאַפט צום שטעטעל:
דאָרטען האָב איך דאָך מײַן יוגענט פאַרבראַכט.
לוסטיג געשפּילט זיך מיט קינדער־חברים,
געטאַנצט און געשפּרונגען, געשטיפט און געלאַכט.

געלאַפען צום טײַכעל זיך באָדען און שװימען,
געשיפט אויף א שיפעל, געהוליעט, געבליט
און איצטער, װאו זײַנט איר, אָ יאָרען, פאַרשװינדען?
די צײַט װי א פויגעל צעלאָזט זיך און פליט.

די צײַט. אזא בײַנקשאַפט כאַפט אַן די נשמה:
אװעק איז די קינדהײַט, די יוגענט — שוין באַלד!
און כ׳בלאָנדזשע אַרום צװישען בוימער פון לעבען,
א װעגעל איך זוך מיר אין פינסטערען װאַלד.

א ווענעל, א סטעזשקע — איך האָב עס געפונען
און גיי מיר פּאַמעלאַך — אַ טריט נאָך אַ טריט.
און ס'לויפן די טעג, די חדשים און יאָרען,
די צייט ווי א פויגעל אין אייביגקייט פליט.

צייטענוויים

צייטענוויים וויל איך זיין איינפאַך און פּראָסט,
ניט מעסטען די שפּראַך.
אויף אייערע געטער, געדאַנקען, קולטור
נאָר געבען אַ לאַך.

באַטראַכט אים דעם פירער, דעם גייסטער-גיגאַנט,
ווי גרויס און ווי קליין!
ער קומט אונז דערציילען פון לעבען און גאַנג,
אַז דאָס איז ניט שיין!

ווער דאַרף די מאָראַלען, פּאָדליעצען איר זיינט,
פאַרפוילט ביז'ן ביין...
איר עצה'ט דער מענשהייט זיין מוטיג און בראַוו,
דאָס יאָ און דאָס ניין!

איר לערענט דעם עולם און לערענט שוין לאַנג.
צי ווייסט איר אָן אות?
איר פירט אים צום ערגעץ און פלוצים דערזען —
עס היינגט גאָר אַ שלאָס...

איר קרייציגט!

איר האָט פון אַ אידען אַ גאָט זיך געמאַכט
און ווייסט ניט ווי אַזוי אים צו דינען.
און זעט איר אַ אידען אַרומגיין אין מאַרק,
באַפאַלט איר אים בייז ווי די בינען..

און דיינקט איר זיינט גרויסע, מיט שכל געניג,
איר ווילט אונז ניט קענען אַלס אידען!
זעט נאָר ווי שרעקלאַך איר האַנדעלט אליין,
באַמערקט אייער גאָט אזא מידען!...

ער קען ניט פאַרטראַגען די שעפעלאך — אייך,
וואָס זיינען ווי טיגערס געוואָרען.
געטלאַכעס האָט איר נאָך קיינמאָל געהאַט,
און מענשלאַכעס אויכעט פאַרלאָרען!...

און ס׳גייט אָן די אַרבייט בייטאָג און ביינאַכט,
איר קרייציגט אי מענשען, אי געטער...
און מאַכט נאָך אַ פּנים פון פרומקייט און שרייט:
„די אידען, זיי זיינען פאַררעטער!“

וועגען

וועגען געפלאַסטערטע, וועגען געמאַסטענע,
ריידעלאך גלאַטינקע. ווער האָט זיי פיינט?
אין דרייען געבויגען, געזאָגט אַ חניפה׳לע:
אויפגעטאָן גרויסעס אי נעכטען, אי היינט!

פאַרקויפט דאָס נשמה׳לע, הערצעלע, מאַרכעלע,
געקראַגען אַ גראָשעלע. ס׳איז אַ פאַרמעג!
און זיך פאַרכלינעט פון גליק ס׳האָט דאָס מענשעלע.
אזוי ער פאַרברייננגט זיינע יאָרען און טעג.

גליק. ווי די ווערים דאָרט אלע אין גריבעלע
קאָטשען זיך, דרייען זיך גליטשיגע אום.
קופּעסווייז, קופּעסווייז, איינס אויף ס׳אַנדערע,
בויגען זיך, דרייען זיך עקלהאַפט שטום.

וועגען געפלאסטערטע, וועגען געמאָסטענע,
ריידעלאך גלאַטינקע, ווער האָט זיי פיינט?
אָבער געדולד קען ביי ווערים אויך פלאַצען,
און מאָרגען שוין אויפטאָן פאַר נעכטען און היינט!

בלימעלאַך.

בלימעלאַך, בלימעלאַך, האַרציגע פריינטעלאַך,
אלעם באַשיינט איר אין לעבען אדאַ.
רויטינקע, בלויאינקע, ווייסינקע, געלבלאַכע,
ברייננט איר פאַר האַרץ און נשמה פיל רו.

שאַפט איר א ביינקשאַפט א ליבע און רואיגע,
אַנדערש עס ווערען געפילען לים אייך.
בלימעלאַך, בלימעלאַך, טרוימערלאַך קליינינקע,
יאָ, ס׳איז די וועלט אַזוי שיין, אַזוי רייך!

יאָ, ס׳איז די וועלט ניט אינגאַנצען פאַרדאָרבען;
אַ בלימעלע וואקסט דאָרט, אַ בלימעלע בליט.
אַזוי אויך אין האַרצען באַ פילע, באַ פילע
אַ שפּראָצונג פון גלויבען, פון אמת, עס גליט...

און פונקט ווי אַ גאָרטען מיט בלימעלאַך מערקט מען
אין מיטען דעם טומעל פון מענש און פון שטאָט,
אַזוי אויך דערטראָגען זיך בלימעלאַך-קלאַנגען
אין מיטען דעם יאָגען נאָך מאַכט און נאָך בלוט...

איך בעט דיך!

איך בעט דיך, מיין שטימונג, שרייב אַנדערע זאַכען,
הויב זיך אַרויף הויך, ערגעץ ווייט.
דערפרעג זיך דאָרט וואו באַ די וועלטען די פרעמדע
ווי ס׳לעבט זיך דאָרט מענשען באַ איצטיגער צייט

דערפרעג זיך, באַקען זיך מיט יענע — די פרעמדע,
צי זיינען זיי מענשען און אפשר גאָר פערד?...
איז בעסער זיך הויבען און פאַרשען די סודות,
צי ליגען פון אונטען און ריזען די ערד?

איך בעט דיך באַקען זיך, דערפרעג זיך בא יענע, —
ס'איז נמאס צו רעדען פון אונזערע דאָ...
צי ווייזט זיך אַ גלאַנץ פון אַ נייער אידייע,
צי לוינט זיך פאַרלירען דאָס לעבען און רו?

דערפרעג זיך, מיין שטימונג, וואָס נייעס, וואָס נייעס,
ס'איז אַלעס דאָ אַלט און אָן ביסעל געשמאַק...
און אויב ס'איז חלילה ניטאָ עפּעס ~~שנעלערם~~, —
ניט ווערט איז דער טומעל אַפילו אַ פּיאַטאַק!...

ווי קענסטו פאַרגעסען?

(פון די פינסטערע טעג.)

ווי קענסטו פאַרגעסען
דיין ברודער דאָרט וויים,
ווען ס'האָט אים געטראָפען
אַ ביטערע צייט?

אַ נאַקעטער, באָרוועס,
קיין צודעק, קיין דאַך,
ער איז דאָרט געוואָרען
צו שפּאָט און צום לאַך...

געיאָגט ווי אַ חיה,
געפּייניגט צום טויט:
אַ טרונק ניט צו קריגען,
אַ שטיקעלע ברויט!

די פעלדער און וועלדער —
מיט ביינער פאַרזייט...
אַ שטורעם מיט בייזקייט
דאָרט אַלעס פאַרוויים...

און אויגען וואָס בלאַנדזשען
מיט וואַנזין און שרעק:
וועט קיינמאָל צום אומגליק
ניט נעמען אַן עק?

און קינדערשע טרערען —
דער שטילער „פאַרוואָס?"
האָבען נאָך אַלץ ניט
פאַרפולט דאָרט די מאָס?

און אפשר ביזטו גאָר
דער שולדיגער דאָ:
ווי קענסטו גאָר לעבען
אין נחת, און רו?

ווי קענסטו פאַרגעסען
דיין אייגענעם גליד, —
צי ביזטו קיין מענש ניט,
צי ביזטו קיין איד?...

די רייטערין.

וואוהין טראָגסטו זיך, רייטערין שטאָלצע,
אַזוי שנעל אויף דיין פערד?
דיר דוכט זיך דו שוועבסט אין דער לופטען
און פילסט ניט די ערד..

און שמייכעלסט ווען זעסט אונז גאָר זיצען
גאַנץ רואיג און שטיל.
די אויגען — זיי פרעגען אַ פראַגע,
דאָס וויים איך און פיל!

זיי פרעגען: נאאיוו דיינע בליקען,
אָ, רייטערין, קינד.
דיר דאכט זיך מיר קומען געווים אָפ
פאר עמיצענס זינד!

געווים, ווייל מיר זיצען פארשמאכטע
גאַנץ נאָענט צו דר׳ערד
און יאָגען זיך ניט מיט אן אימפעט
גאַלאָפּ אויפ׳ן פערד...

און ס׳מערקט זיך: וואָס ארט מיך, —
א שמייכעל. זיי דארפען ניט פיל.
פאר אונז האָט עמיצער געשאפען
די טרוימענדע שפיל!

וואוהין טראָגסטו זיך, רייטערין שטאָלצע,
גאלאָפּ אויפ׳ן פערד?
ס׳איז אמת — דו שוועבסט אין דער לופטען,
נאָר אונטען — איז ערד! ?...

אַ סוד...

אַ סוד איז דאָס לעבען
און שווער צו פארשטיין.
און ווען א פרעג טאָן
וואוהין זאָל איך גיין?

די יוגענט און עלטער
זיי גייען בײנאַנד,
די ערד איז צעטײלט גאָר
אויף שטעט און אויף לאַנד.

אַ רוס און אַ פּאָליאַק,
אַ דײטש, אַ פראַנצויז,
איינער האָט גיטער,
אַ צווייטער — קיין הויז.

איינער אין איינגלאַנד,
אַ צווייטער — יאַפּאַן —
פארמאָגט אַלעס גוטע
און איינער — קיין שפּאַן...

אַ סוד איז דאָס לעבען,
ווער קען עס פארשטיין?
איינעם איז פריילאך,
דער צווייטער — אַליין.

איינער איז גליקלאך
און לעבט אַזוי פריי
באַם צווייטען דאָס לעבען
איז שווערער ווי בליי...

און ס'טראָגען זיך שטונדען,
די טעג — נאַכאַנאַנד.
אַ סוד איז דאָס לעבען,
פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט...

נאַכט

שטיל. די נאַכט איז פאַרטראַכט
און ווינקט אויף איר שפּראַך.
שטיל. שטריינג אָן זיך און הער:
אַ געוויין און אַ לאַך!

שטיל. דער הימעל איצט שמועסט,
די ערד איז פאַרזאָרגט.
שטיל. א שטערענדיל זינקט, —
אַ שמייכעל וואו באָרגט...

שטיל. אַ הונט ערגעץ בילט, —
די פינסטערניש וויינט...
שטיל. אַ פייעריל וואו.
פון נאַכט־ביכעל ליינט.

שטיל. אַ לאָדען וואו קלאפּט.
די נאַכט איז פאַרגאַפט.
שטיל. אַ האַרץ וואו אנטגייט:
האָב איך עס געדאַרפט?...

שטיל. אַ טרובע וואו שאַלט
גאַנץ טיף אינ׳ם וואַלד.
שטיל. אַ מענש וועט אַ מענש
דאָרט פייניגען באַלד!

שטיל. א קינדעלע וויינט:
פארקעלטעט און קראַנק.
שטיל. עס סקריפּעט אַ טיר:
דאָקטאַר, אַ דאַנק!

שטיל. די שטילקייט דערציילט
און ליאַרעמט און שרייט.
שטיל. די מעשה פון נאַכט
די נשמה צעשניידט.

שטיל. די נאַכט איז ערשעפּט
און שטילקייט צעגייט...
שטיל. עס קומט שוין דער טאָג:
מיט זוניגקייט ווייט...

אַליין...

אַליין... ס'צופּעט וואָס באַם האַרץ.
וואָרום דאָ זיין אַליין?
אַזוי פיל מענשען, גוואַלד
און יעדער איז אַליין
מיט זיינע וויען, גרויל
און מידקייט פון'ם בליק
און אנגסטליך שווערען קרעכץ:
וואָרום — אַליין, אַליין?

קום צו צו מיר און פרעג,
און לאַך מיך אויס, ס'איז גוט!
און ריים אַריין זיך טיף
מיט נאָגעל, וואָרט און טרייסט...
דערצייל פון וועלכען ווייט,
פון נעכטען, היינט — דערצייל!
מיר איז ניט גוט אַליין
און דיר איז ביטער, יאָ?
טאָ ריים אַריין זיך, קום

און ווארט ניט אויף אַ רוף,
און קלאַפּ ניט אין מיין טיר.
מיט העפלעכקייט — ווי מיאוס!
און מעסט ניט יעדער וואָרט,
נאָר רעד ווי קענסט און ווייסט...
זאָג וואָס דו פילסט אָן מאָס,
צי וויל איך יאָ, צי ניט, —
אַלץ בעסער ווי אליין!...

פאַרשפּיי דעם אַלטען גאַנג
פון יאָרען פּוסט און קרום...
איך וויל שוין עפּעס ניים, —
אַ וואָרט ס׳זאָל גלאַט אַרויס
פון גיהנם־מויל ביי דיר,
ווייל כ׳בין אַליין!

און דו? דו לומפּ —
אַ וואָרים קריכסט אַרום
און קאַטשעסט זיך אַליין
אַזוי ווי איך בין דאָ
אַ וואָרעם גליטשיג־קליין
און אויך — אַליין!...

דער אידישער קאָלאָניסט

ניט אין דרייען איינגעבויגען,
נאָר אַ שטאָלצער, פול מיט מוט
אַקערט ער די ערד די ווייכע,
אויסגעווייקטע אין זיין בלוט...

און פֿאַרזייט דעם ברויט געשמאַקען,
בוימער פֿלאַנצט ער אומעטום.
קוקט צום הימעל. רעגען דאַרף מען!
זיינע אויגען בעטען שטום:

אַ געבענטעניש זאָל קומען
פֿאַר'ן מענש און פֿאַר'ן פערד.
ליב דו ווערסט מיר, איינגעבאַקען,
טייערינקע מוטער-ערד!

ליב. דאָס קעלבעלע וועט וואַקסען,
און דאָס הינדעלע איז פריי.
פריידען גיסען זיך ווי ווייַנען
ווען עס קומט דער חודש מאַי!

פריידען גיסען זיך, פאַרשפּרעכען:
לעבען פֿול מיט קראַפֿט און מוט.
אַך, ווי האַרציג ס'איז די אַרבייט
מיט'ן שווייס און מיט'ן בלוט!

אַך, ווי ברייט די פעלדער ציען
זיך אַוועק. אין שטח ווייט
און געבענטשט זאָל זיין דאָס ווינטעל,
וואָס קומט אָן פונקט מיטאָג-צייט!

וואָס קומט אָן פון פרייע פעלדער
מיט אַ גרוס פון ווינטעל בלאָז
און צעטראָגט די בשמים-ריחות
פון ערשט אָפּגעשניטען גראָז...

און צעטראָגט געדאַנקען פרייע
איבער פעלדער ברייט און ווייט
וואָס פאַרכאַפּען יעדענס אָטעם
מיט'ן שראָמען-גאַנג פון צייט...

וואָס פאַרכאַפּען יונג און אַלטע
אינ׳ם צוויבער־נעץ — „זיין פריי!“
זייט געגריסט, איר ברייטע פעלדער,
מיט די לעבענס־קלאַנגען ניי!

ניי! ס׳איז אָפּגעווישט דאָס אַלטע:
איד און גוי — אַ מענש, דאָס אַלץ,
לאָמיר ברודערלאַך זיך טיילען
מיט׳ן ברויט און מיט דער זאַלץ!

אַך, דערלאַנג די האַנט וואָס גיכער,
שכנים זיינען מיר אַצינד...
און פאַרגעסען און פאַרווישען
יענע צייטען, יענע זינד!

— — — — — — — — — — — —

ניט אין דרייען איינגעבויגען,
נאָר אַ שטאָלצער קוקט ער ווייט.
„איר זיינט שכנים! איר זיינט ברידער!
איד און גוי!“ אַ שטימע שרייט...

ניטאָ קיין פּלאַץ...

כ׳האָב דערזען אַ בילד אין צייטונג,
וואָס צעריסען ס׳האָט מיין הארץ.
וועט שוין אייביג אויף דעם וועלטעל
זיין דאָ וויסט און פוסט און שווארץ?

וויסט. די הערצער זיינען שטיינער.
וואו? אַ שטיין עס וואָלט גערירט!
אָבער זיי — פאַרבלייבען רואיג
און ווי שטענדיג אַלץ מען פירט.

דאָ אין לאַנד עס וואוינט אַ טאַטע,
אין יענעם לאַנד די מאַמע ז׳טויט,
אַ מיידעלע אַ קליינס פאַרבליבען,
אַ יתומה. בעטעלט ברויט...

האָט דאָס קינד זיך קוים דערשלאָגען
צו דעם גאָלדען, פרייען לאַנד.
לאָזט מען אָבער ניט אַריינגיין —
מ׳האָט געשטעלט אַ הויכע וואַנט...

שטייט דער טאַטע אַ באַטריבטער,
בעט זיך רחמים: איינציג קינד!
אָבער שומרים היטען, היטען,
ס׳איז געזעץ! פאַר וועמעס זינד?

לויפען, יאָגען אום שטאַפעטען
צו דעם פרעזידענט, צום הויז,
קערען אום זיך שטיל, מיט גאָרניט,
קריגען נאָר אַ שמייכעל בלויז...

און מ׳מאַכט שוין לויז די קייטען,
שיף וועט טראָגען זיך אין ים...
וויפיל וויטאָג און יסורים
אויף די הערצער, וויפיל סם?...

וויפיל טרערען ס׳וועלען גיסען,
טעג און אנגסטען, נעכט אָן שלאָף.
ס׳וועט אַ טאַטע שטענדיג הערען
פונ׳ם קינד אַ ווייטען רוף...

און די כוואַליעס וועלען ברויזען,
און דער ים דערציילען וועט,
אז מ׳האָט א קינד פאַרטריבען
פון אַ פאָטער׳ס קוש און גלעט...

אַז מ׳האָט אַ קינד פאַרטריבען
פון אַ לאַנד וואו פרייהייט גילט.
טייוועל קאָרטשעט זיך אין אַנגסטען
זידעלט גאָט און וועלט ער שילט...

טייוועל. אים האָט עס גערירט שוין.
אָבער ניט דעם מענשען דאָ.
ס׳איז געזעץ. ווי מיאוס, ווי שרעקלאַך,
קיין רחמנות איז נישטאָ!

— — — — — — — — — — — — —

קינדער־טרערען, יתום־טרערען,
מישט זיך אוים מיט זאַלץ פון ים
און דערנאָך פאַרטרינקט דאָס וועלטעל
מיט אַ מבול גיפט און סם!

זיי ניט פרעמד!

זיי ניט פרעמד מיר, איך בין עלענד,
כ׳פיל מיך איינזאַם און אַליין.
ברייטע פעלדער, פרייע וועגען —
לאָמירביידע אויף זיי גיין!

דו ביזט שלאַנק ווי יענע בוימעל,
וואָס שטייט דאָרטען בּאַ דער זייט.
נעם מיך בּאַ דער האַנט און פיר מיך,
פיר אַוועק מיך ערגעץ ווייט!

לאָמיר בלאַנדזשען צווישען בלומען, —
דו ביזט ענליך צו אַ בלום...
טראַכט ניט, ליבע, שיינע מיידעל, —
ס׳פליט די צייט. נו, גיכער קום!

הער זיך איין — עס זינגט אַ פויגעל
אין דער הויך דאָרט אויף אַ בוים.
ווייסט — דער קלאַנג, די מעלאָדיע
איז ניט מער נאָר ווי אַ טרוים?...

נאָר ווי זים עס איז צו טרוימען,
פאַנטאַזירען גלאַט אַזוי...
גיב אַ קוק ארויף צום הימעל,
ווי ער קוקט אַרונטער בלוי.

אויך די הימלען קענען טרוימען, —
אַלעס דאַרף מען נאָר פאַרשטיין...
קום, געליבטע, קלוגע מיידעל, —
לאָמיר בלאַנדזשען, ווייטער גיין!

און ביינאַכט ווען יעדער איינער
וועט שוין ליגען אויף זיין בעט,
וועסטו טרוימען, פאַנטאַזירען
ווי איך האָב דיך ווייך געגלעט.

וועסטו דיינקען, וועסטו ביינקען,
וועבען שטיל אַ מיידעל-טרוים...
און דיין בלוט וועט זיך צעזינגען
ווי דער פויגעל אויפ׳ן בוים.

צייטענוויים

צייטענוויים ליב איך
זיך שפּילען מיט ווערטער.
זאָגט איינער: גוטער,
א צווייטער שרייט: שלעכטער!

ציימענוויים ליב איך
זיך שפּילען מיט שטראַלען.
זאָגט איינער גרויסער,
אַ צווייטער: — וועסט פאַלען!

ציימענוויים ליב איך
זיך שפּילען מיט פייער.
זאָגט איינער: וואַנזין,
אַ צווייטער: — באַפרייער!

ציימענוויים ליב איך
זיך שפּילען מיט ווערים.
זאָגט איינער: קעניג,
אַ צווייטער שרייט: חרם!

דער האָבאָ

אַ מענש, וואָס האָט אַלעם פאַרלוירען,
געפונען נאָך מערער אין וועג.
אַ מענש, וואָס קען גלייכגילטיג ציילען
דעם נעכטען, דעם היינט — אַלע טעג.

אַ מענש, וואָס דערהויבט זיך צום הימעל
און לאָזט זיך אַרונטער צום גרונט...
אַ מענש, וואָס איז שטאָלץ, מיט נשמה
און פלוצים — אַהיימלאָזער הונט...

אַ מענש, וואָס קען קלוגשאַפט באַזיגען,
זיין נאַריש, אָן ביסעל פאַרשטאַנד...
אַ מענש, וואָס זיין היים — יעדער ווינקעל,
דאָך בייגקען צום אייגענעם לאַנד...

אַ מענש, וואָס לאַכט אויס אַלע צוימען
און דאָך זיין אַ שקלאַף צו אַ קלאַנג...
אַ מענש. וואס ווייסט זעלטען פון ביינקשאַפט
און דאָך — כאַפט ארום ווען אַ באַנג...

ברייננסט מיר, לעבען!

ברייננסט מיר, לעבען, ווייען,
ווי אַ קינד צו האָבען.
און באַפוילסט מיר נאָכדעם
דאָס אַליין באַגראָבען!...

ווארפסט מיר זונענשטראַלען
ווי בוקעטען בלומען...
נאָכדעם — שטיינער גרויסע.
קען עס דען באַקומען?...

ברייננסט מיר, לעבען, לעבען
און דערקוויקסט די בלוטען...
פלוצים ווערסטו אַנדערש —
חבר'סטו זיך מיט שטן!...

פאַרנאַכט...

די זון האָט געענדיגט איר אַרבייט
און רוען געגאַנגען.
געקומען איז אָוועגט און מיט זיך
געבראַכט עפּעס קלאַנגען.

נאַכטיגע קלאַנגען און טענער,
וואָס פרעגען, דערציילען
פון דעם וואָס זיי ווייסען און פרעגען
וואָס ס'איז נאָך פאַרהוילען...

און אויערען הערען פון אלעם,
ניט אלע דאך ווייסען
פון נאכטיגע קלאנגען און טענער,
פון אווענט־טאן גרויסען!...

ווינטער

ווינטיג, שנייאיג ס׳איז דער דרויסען,
איינג עם איז אין שטוב.
קום ארוים אביסעל לעבען, —
פרייהייט האב איך ליב!

רייסט דאם ווינטעל ווי א שטיפער,
ס׳קיצעלט מיך דער שניי.
ברייט איז אבער וועלט — די וועגען,
וואו איך שטיי און גיי.

ווייסע וועגען, פול מיט טרוימען
גליטשען זיך אוועק.
ווינט און שניי פארטרייבען ערגעץ
מרה שחורה, שרעק...

— ווינט און שניי פארטרייבען ערגעץ —
ווינטער איז אצינד.
קום ארוים אביסעל לעבען, —
זיי ניט פויל מיין, קינד!

איך וויל דיך זען!

איך וויל דיך זען
שוין אויסגעוואקסען, גרויס
און אנשפארען מיין קאפ
בא דיר אין שויס...

איך וויל דיך זען
אַ ריז אין מענשען־גרויס.
זאָלסט זיין אַ גאָט
און דאָך אַ מענש נאָר בלויז...

איך וויל דיך זען
אַ קינד מיט גרויס פאַרשטאַנד...
אָט דעמאָלט וועל איך
דריקען דיר דיין האַנט!...

גרויסע און קליינע...

גרויסע מענשען
זיינען קליין.
קליינע — גראָדע
גוט און שיין...

גרויסע קוקען
גאָר אַראָפּ.
קליינע הויבען
הויך דעם קאָפּ...

זוכען, פאָרשען
אומעטום.
גרויסע קוקען
דערויף קרום...

גרויסע אָן
אביסעל מאָרך
האָבען מעגליכ־
קייט אַ סך...

געדאַנקען

געדאַנען מאַטערען צו וויסען:
וואָס אזוינס איז לעבען?
הימעל, ערד און מענש און טייוועל
קענען עפּעס געבען?...

יאָרען גייען, יאָרען קומען,
דורות גייען — בלייבען.
און די מעשים וועט עמיצער
אויף פּאַפּיר פאַרשרייבען.

וועט מען ליינען, וועט מען וויסען.
האָט עס דען אַ זינען?
אייביג פאָרשען, שטענדיג זוכען,
קיינמאָל ניט געפינען!...

קעגען אייך.

קעגען אייך
בין איך שוואַך,
ווייל איך האָב ניט
קיין דאַך...

קעגען אייך
בין איך קליין,
ווייל איך בין
דאָ אליין...

קעגען אייך
בין איך נאַר,
און איר חוזק'ט
דערפאַר,

ווייל איך שווייג
אין דער שטיל.
עס געפעלט אייך
די שפּיל !...

פּלוצים...

פּלוצים כאַפּט אַרום אַ ביינקשאַפט
נאָך די אינגגע יאָרען:
וואָס איז עפּעס מיט'ן לעבען
אין דער צייט געוואָרען?

קוקט מען אום זיך ווייט אַרונטער
אינ'ם שטראָם פון יאָרען.
ביינקען, דיינקען, זאָרגען, טראַכטען
מעג מען שוין פאַרשפּאָרען:

יאָרען לויפען, יאָרען גייען,
קען מען זיי פאַרהאַלטען,
ווען עס וואַרט אויף זיי אַן אָפּגרונט
מיט אַ בליק אַ קאַלטען?...

שנייעלאַך פאַלען

שנייעלאַך פאַלען
פון הימעל אַרונטער.
יאָ, ס'איז געקומען,
געקומען דער ווינטער.

פאַלען זיי ווייסע
און ווערען גלייך קויטיג.
אונטען איז ריינקייט
ווייזט אוים גאָר ניט נויטיג?...

ברײנג מיך!

ברײנג מיך אַהינצו,
וואו ס׳אַרבײטען הענט.
און ס׳טאַנצען נאָר שאָטענס
אַרום אויף די ווענט.

וועל איך זײ דערצײלען
פון עפּעס אַ זאַך,
אַז יעדער אין לעבען
דאַרף האָבען אַ דאַך!

אַז יעדערען קומט דאָ
אַ שטיקעלע ברויט
און ס׳איז גאָרנישט נויטיג
צו שווארצען אין נויט...

אַז הימעל און ערד
איז דאָ יעדענס געשאַנק.
טאָ זאָג ניט אַ צווײטען:
אָ, גוטער, אַ דאַנק!...

קום!

קום אַרויס,
באַטראַכט דעם הימעל.
לוינט זיך ליגען
דאָ אין דרימעל?

לוינט זיך
זײן אַ וואָרים לאַנג?
שטאַרב, נאָר הער
אַ רײנעם קלאַנג!...

ווינטעלאַך

ווינטעלאַך, ווינטעלאַך,
הוליעט ארום.
לאָזט ניט די בוימעלאַך
שווייגען, זיין שטום!

שאָקעלט, באַוועגט זיי
אַהין און אַהער.
זאָל דאָס געמיט דאָ
ניט זיין אַזוי שווער!

זאָל דאָ ניט הערשען
אַ שטילקייט — ווי טויט!
הערט, ווי די קינדערלאַך
בעטען זיך: „ברויט!"

ווינטעלאַך, ווינטעלאַך,
הוליעט דאָ פריי!
שלאָפען און שטיל זיין
איז דאָ שוין ניט ניי...

דריי

זיי שפּאַצירען אום אין דרייען,
זוכען עפּעס וואו.
יעדער אויף אנ'אַנדער שטייגער
ווייסט ניט פון קיין רו...

בלאָנדזשען זיי אַרום און זוכען
אינ'ם לעבענס-תהום.
יעדער איינער וויל דערגרייכען
צו דעם הימעל'ס זוים...

און דאָס לעבען שמייכעלט ציניש:
אינגע מענשען דריי,
איר וועט גאָרניט דאָרט געפינען,
זוכען ז׳ניט כדאי!

קומט זומער

קומט זומער, דערמאָנט זיך
דאָס שטעטעלע ווייט.
די רואיגע, טייערע
זאָרגלאָזע צייט.

די בוימער, די לאָנקעס,
דאָס טייכעלע קלאָר.
דער הימעל, דער בלויער,
די פרייע נאַטור.

די אינגלאך און מיידלאך,
פאַרלאַנגען און גלוסט.
די טרוימען וואָס האָבען
געשטורעמט די ברוסט...

די טרוימען וואס בלאָנדזשען
אין גלאָררייכער צייט...
וואָרום ביזטו, שטעטעל,
פון מיר אַזוי ווייט?...

פאַרנאַכטיגע שטימונג.

פאַרנאַכטיגע שטימונג,
וואָס ווילסטו פון מיר?
וואָס קלאַפסטו מיט אימפעט
אַזוי אין מיין טיר?

וואָס רייסטו די בלומען,
וואָס האָסטו צו זיי ?
דיך אַרט ניט, עס גייט דיר ניט
אָן גאָר מיין וויי !

דו מאַכסט אָן אַ חורבן
אין גאָרטען פון טרוים.
דו רייסט אוים די בלומען,
צעברעכסט יעדען בוים...

פאַרנאַכטיגע שטימונג,
לאָז אָפּ נאָך, איך בעט !
צעטרעטען, פאַרניכטען
וועט קיינמאָל זיין שפּעט...

ס'איז גרינג

ס'איז גרינג צו לעבען,
זייער גרינג.
מ'דאַרף נאָר כאַפּען דאָ
דעם קלינג...

און אים דערשטיקען
אויפ'ן אָרט.
ניט גלויבען יענעם
אויפ'ן וואָרט...

ניט לאָזען האַרץ צו זיין
דער האַר.
וועט יענער זאָגען :
ניט קיין נאַר !...

עך, לאָזט אָפּ!

עך, וועבט אוים געדאַנקען פרייע,
לאָזט צורו אויף א מינוט!
כ׳האָב געדיינקט — מיט אייך איז בעסער,
אָבער ניין, עס איז ניט גוט...

כ׳האָב שטאָלצירט מיט אייך, געגרויסט זיך,
אָבער ניין, נאָך ניט די צייט!
לאַנג וועט נעמען ביז ס׳וועט קומען, —
די גאולה איז נאָך ווייט...

עך, לאָזט אָפּ, איר פאַנטאַזיען,
טרוימען, נו — ס׳איז דאָך א שפּאַס...
לעשט דאָס פייער אוים פון הארצען,
ס׳איז מיט שוועבעל פול די פּאַס!..

שטראַלען...

שטראַלען דאַרפען זיי די מענשען
אין די הייזער, אין די גאַסען.
זיינען צוגעוואוינט פון שטענדיג
צו א לעבען זייער בלאַסען...

שטראַלען דאַרפען זיי באַפאַלען,
ווי צערייצטע הינט פון קייטען
און צערייסען אלע שאָטענס
פון דעם וויטען וועג און ברייטען.

שטראַלען מוזען טיף דערגרייכען,
וואו ס׳איז פינסטער און באַהאַלטען.
און דערוואַרעמען די בלוטען
פונ׳ם מענש אין געגענט קאַלטען!

וואָס זוכסטו ?

גע‌לעבט האָט אַ מענש,
זיך געריסען צום הימעל.
אַרום איז געוועזען
אַ ליאַרעם, אַ טומעל...

געזוכט האָט ער שטערען,
געפאלען אויף שטיינער...
פאַרביי גייען מענשען,
דאָך פרעגט אים ניט קיינער:

„וואָס זוכסטו דאָרט, טרוימער,
וואָס ווילסטו געפינען ?"
פאַרקוקט זיך אויף שטערען
און מיטען דערינען!

און ס'טראָגט זיך דאָס לעבען
מיט לויפענדע שטראָמען.
וואָס יאָגט איר זיך, נאַרען,
וואָס וועט איר פאַרזאָמען ?...

ווער ?...

שווערע, ביטערע געמיטער,
איך פאַרשטיי אייך אַזוי טיף.
ווער קען ליינען אייער אויסדרוק,
ווער פון אייך האָט אַ באַגריף ?

מידע אויגען, שוואַכע הערצער,
און אַנטווישטע ביז'ן ביין.
ווער פאַרשטייט אייך, קען שטודירען
אייער צאַרענדיגען חן ?...

קרומע שמייכלען, וועמען ארט עס ?
און סאַרקאַזם. קוקט זיך צו !
ווער כאָטש איינער אויף אַ רגע
בלייבען אָן אַביסעל רו ?...

שמיד אוים !

שמיד אוים דיין גליק אליין, —
זיי בראוו, געשיקט !
און ווארט ניט ביז דער שונא קומט
און אלץ דערשטיקט...

הויב אויף דיין בליק אין ווייטער הויך, —
ווערסטו דערזען,
אז וועלט איז וואך פון טיפען שלאָף.
עס איז געשען !

עס איז געשען. דערפילט האָט פאָלק
אַז עס איז מאכט.
די זון מיט שאָטענס פירען קאמף,
פארטרייבען נאכט.

אויף די וועגען.

אויף די וועגען, לעבענס-וועגען
בלאָנדזשע איך שוין יאָרען.
וועל איך כאָטש דעם דור פון שפּעטער
פלאגען זיך פארשפּאָרען ?

וועל איך לאָזען אים א סטעזשקע
צו א וועג א ברייטען ?
מיט א שמייכעל וועט ער קומען
צו א טיש א גרייטען...

אָדער ס׳וועלען טעג און יאָרען
גלאַט אזוי פארשווינדען:
פירען דורות איבער וועגען
ווי א בעטלער בלינדען?...

אויף די וועגען, שטיינער־ וועגען
בלאָנדזשע איך שוין יאָרען.
דור, דו מוזט דיין יונגען ברודער
עפּעס דאָך פארשפּאָרען!...

דאָס פרייע וואָרט.

זאָל טראָגען זיך דאָס פרייע וואָרט
פון אָרט צו אָרט, פון לאנד צו לאנד
און וועקען שטאָלץ און ברייננגען מוט:
צו זיין פארשקלאפט עס איז א שאנד!

זאָל טראָגען זיך דאָס פרייע וואָרט
צו דעם וואָס ארבייט טאָג און נאכט
און לאסטשען ווייך און שרייען הויך:
גענוג. עס איז שוין צייט. ערוואַרכט!

זאָל טראָגען זיך דאָס פרייע וואָרט
און פלאַנצען קערנער אומעטום.
און וועט די זון א שיין טאָן נאָר
וועט שטאָלץ זיך הויבען דאָרט א בלום...

ווי זאָל איך?

ווי זאָל איך דאָס לעבען דאָ נעמען, —
מיט וואָסער א גאַנג?
איך הויב גאָרניט אָן צו פאַרשטיין דאָ
דעם אמת׳ן קלאַנג!

און קלאַנגען פאַרשידענע הער איך
און טענער אַ סך.
דאָך קען איך קיין בנין ניט בויען,
גיט לייגען אַ דאַך...

ניט שטעלען קיין ווענט באַ די זייטען
און שאַפען אַ הויז.
די קלאַנגען צעטרייסלען דעם בנין
און מאַכען אַלץ לויז...

די קלאַנגען פאַרשידענע — קלאָרע
און ווייטע — ניט קלאָר.
דאָס לעבען באַ מיר איז אַ חלום,
אַ חלום אין וואָר...

רעד!

וויל ניט פיל דו נאַריש מענש, —
ווערסטו אַלעם האַבען...
קומען אָן פאַרלאַנגען פוסטע,
פרואוו זיי גלייך באַגראָבען!

לעב באַשיידען! יאָג ניט, ריים ניט!
וויל ניט איבערשטייגען.
און דערזעסטו ווער מען טאָן דאָס,
זאָלסט עס ניט פאַרשווייגען!

רעד מיט גוטען, זאָג מיט בייזען,
שטיי נאָר ניט פון ווייטען.
וועט זיך ענדערען דאָס לעבען
און מיט דעם — די צייטען!

יאָר־צייט ליכטעל.

א יאָר־צייט ליכטעל ברענט פארטרויערט
און דערמאָנט אָן גייסט און לעבען.
ווען מ׳לעבט נאָך קריגט מען גאָרניט.
שטאַרבט מען. פּראָוווט מען ליכטלאך געבען:

ברענט דאָס ליכטעל, צאַנקט און גוסס׳ט,
לעשט זיך, הויבט אָן ווידער ברענען:
פירט א קאַמף אויף טויט און לעבען.
דאָך וועט לעבען לאַנג ניט קענען!

לעבען לאַנג. ניטאָ קיין קרעפטען.
מענש און ליכטעל — ביידע צאַנקען.
און דערזע איך יאָר־צייט ליכטלאך, —
נעמען מוטשען מיך געדאַנקען...

רווישט אַביסעל, בלעטער!

רווישט אַביסעל, בלעטער, —
מיין געמיט פאַרשטילען.
אפשר וועל איך בעסער
דאָך אַביסעל פילען?

ווינטעל, קיל די בלוטען,
וועלכע גליען, ברענען.
הלואי וואָלט איך דאָס
לעבען גאָרניט קענען!

רווישט אַביסעל, בלעטער,
זים איז אייער לשון!...
כ׳וועל צום האַרץ אייך דריקען
און זים הײס צעקושען...

וואַקכאַנאַליע

פונקט ווי קופּעס ווערים
קנוילען זיי זיך, דרייען.
און אויך לאַנג ווי ווערים
וועלען זיי געדייען...

פונקט ווי בייזע שלאַנגען
אין קאָלירען ראַבע,
קריכען אום ווי ראַקעס,
דיינקען ווי א זשאַבע...

אך, ווי מיאום ווי קריכיג,
אומריינע קאַנאַליע!
אונזער לעבען — זעט נאָר
איז א וואַקכאַנאַליע! ...

פ ר י ל י נ ג

אַ בוים... א בלום...
נו, קוק ניט קרום.
פאַרגיב די זינד,
אָ, מענשען־קינד!

די צייט פארגייט,
דער טאָג ניט שטייט
און אַלץ וואָס טריב
זאָל ווערען ליב!

אַ בוים... א בלום...
נו, קוק ניט קרום!
ס'איז פרילינג היינט
און מאָרגען? קום! ...

מזל...

בלעטער גרינגען
אויפ'ן בוים,
וועבען שטיל
א בליהונגס-טרוים.

מורמלען שטיל
אויף בלעטער-שפּראַך:
לעבען זיס איז,
פריילאַך, אך!

נאָר איין בלעטעל
ווערט פאַרדאַרט,
פאַלט... דער ווינט
וואו עס פאַרשאַרט.

און עס גוסס'ט.
בייזע שעה...
ווי! ווען מזל
איז נישטאָ...

דאָס פערד

לאַנג געלאָפען איז דאָס פערד
און געבליבען שטיין:
כוחות זיינען מער נישטאָ
ווייטער לויפען, גיין.

האָט דער טרייבער אים דערלאַנגט
מיט דער בייטש אַ קנאַל.
האָט ער זיך געטאָן אַ ריס
און געטאָן אַ פאַל...

איז געווארען א געלויף:
אוי, א פערד איז קראנק!
האט א דריק געטאן מיין מארך
בליץ שנעל א געדאנק:

לעבען, מענש און פערד באגלייך
דרייען זיך אין ראד.
ווען עס איז שוין שפעט, מ׳פאלט.
הערט מען: וואס? א שאד!..

ווען די זון פארגייט.

ווען די זון פארגייט שוין, —
ס׳איז דער טאג צו ענד,
טוט פאר מיינע אויגען
נאך דער שטראל א בלענד.

און א צי ביים הארצען
און א רוף מיט קראפט:
עפעס בויען שאפען
האב איך נאך געדארפט.

עפעס ברייגנען יענעם
איז די מענשען־פליכט...
און פאר זיי דא לאזען
שטיקער שטראלען, ליכט.

ווען די זון פארגייט שוין
און די נאכט קומט אן.
ווילט זיך יעדען וויסען:
וואס האב איך געטאן?...

אַ ליד

ביזט קליין
און קענסט ניט גלויבען,
אַז דו
קענסט ווײ טאָן, רויבען.

ביזט גרויס
און קענסט ניט פילען.
אַז דו
קענסט שענער שפּילען.

ביזט גוט
און קענסט ניט וויסען
ווי יענעם
ליבען, גריסען...

ביזט שלעכט
און קענסט ניט הערען,
אַז דו
באַלאַנגסט צו בערען...

שטיל

שטיל איז דער אָווענט,
די שטילקייט מ׳פילט.
און שווייגען — אָרקעסטער
עס הערט זיך מ׳שפּילט.

טענער — אנטציקונג,
דאָס שפּילען — אַ פּראַכט.
איין טאָן האַלט דער אָווענט,
דעם צווייטען — די נאַכט...

און ס׳גיסען זיך קלאנגען
באהאלטענע, שטיל.
עס הערט זיך אין שטילקייט
א ווילדער געבריל...

א שטילער און ווילדער,
א ווילדער און שטיל
הארמאניש זיך טרעפען
אין שטילקייט פון שפיל...

באַ דער נאַטור

כ׳האָב געראַנגעלט זיך מיט לעבען,
ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען.
איצט בין איך אַ קראַנקער, מידער,
אויסגעמאַטערט אַלע גלידער.

כ׳בין פון שטאָט אין פעלד אַנטלאָפען,
איך וועל עסען, רוען, שלאָפען.
גאָרניט טראַכטען, זיך ניט גריבלען,
כ׳וועל פאַרגעסען אַלע איבלען!

נאָר מיט בלום און בוים זיך קושען
און דעם בלויען הימעל גרוסען.
ווי די פויגעל לוסטיגע זינגען,
זיך ניט שפּאַרען, זיך ניט דינגען.

זיך ניט שפּאַרען, זיך ניט דינגען,
מיט׳ן לעבען זיך ניט קריגען...
קיינעם, קיינעם גאָרניט זאָגען
און באַ קיינעם גאָרניט פרעגען!

אָריגינעל

זיין אַנ׳אַנדער מענש, אָריגינעל,
ס׳זאָל יעדער וויסען.
ווי־זשע זאָל איך יענע
טיר פאַרשליסען?

זאָגען אַלץ וואָס כ׳וויים,
וועסטו אַנטלויפען.
וואָס דו האָסט ליב,
וועסט ערגעץ אַנדערש קויפען...

און יענעם זאָגען: אוי,
איז ער אַ נאַר דער דיכטער,
שיכור׳ט גאַנצע נעכט,
איז קיינמאָל ניכטער...

זיין אַנ׳אַנדער מענש, אָריגינעל.
צום טייוועל אַלע,
ווען יענער דיינקער מאַכט גרימאַסען
ווי אַ כלה!...

שרעק זיך ניט!

נאַר וואָס דערזען די גרויסע וועלט
פון צרות און פון ליידען.
נאַר שרעק זיך ניט, מיין טייער קינד,
זי האָט גענוג אויך פריידען!

אַ וואָלקענדל, אַ שטראַלעכל,
אַ בלימעלע, אַ דאָרען.
נאַר ניט געזאָרגט, מיין טייער קינד,
אויב עפּעס גייט פאַרלאָרען?...

א שמחה'לע, אַ טרערעלע,
א ביינקעניש צו וויסען...
אָט דאָס איז אונזער וועלטעלע.
און שוין, — די אויגען שליסען!

נאָר וואָס דערזען די גרויסע וועלט
מיט אוצרות, פאַנטאַזיען.
ס'איז אָפען איצט די גאָרטען־טיר
און גיי וואו בלומען בליען!...

פארצווייפעל ניט!

פארצווייפעל ניט, ברודער,
ווען ס'לעבט זיך דיר שווער.
צעוואַרף ניט די כוחות,
פארגים ניט קיין טרער!

און ווער ניט אנטמוטיגט
פון עמיצענס טאַט.
ס'וועט קומען א צווייטער
און מאכען אלץ גלאַט...

ס'וועט קומען אַ דריטער, —
צעשטערען דיין רו.
וועט אָבער א פערטער
שוין זיין פּונקט ווי דו...

פארצווייפעל ניט, ברודער,
אין ערגסטען מאָמענט:
דערלייזונג קען קומען
ווען אלעס שוין ברענט...

זון

זון, איך האָב דיך ליב, —
דיין שטראַל פארהיילט.
זון, דיין שמייכעל זיס
פון גליק דערציילט...

זון, דיין פרייער בליק
מאַכט מונטער, פריי.
זון, דאָס אַלטע ווערט
דערהויבען, ניי!

זון, מיין בלוט, מיין הארץ
און יעדער גליד
לויבען דיך אויף זייער שפּראַך,
ניט ווערען מיד.

זון, דו מאַכסט מיך גרויס
און גוט און ווייך.
זון, דיין יעדער בליק
ברענגט בשמים-ריח!...

קום צו מיר

אויגען האָסטו: שוואַרצע —
פול מיט גלאַנץ און חן.
קום צו מיר אין חדר,
ווען איך בין אליין!

פּוץ זיך אויס וואס שענער —
ווי א בלום אין מאַי...
קום צוגיין, געליבטע,
נ'אָוועגט, ווען כ'בין פריי!

קום צוגיין, ניט שעם זיך,
קענסט דאָך מיך שוין לאנג ? !
כ׳וועל דיר שענקען האָניג,
גיפט אויך פון א שלאנג...

ניט פארגעס-זשע קומען,
ווייל איך בענק נאָך דיר.
כ׳האָב פארגרייט מתנות —
קושען אָן א שיעור...

באַווייז !

זאָגסט — ביזט א גוטער,
באַווייז עס מיט טאַט,
ניט מיט א וואָרט נאָר,
וואָס ווייך איז און גלאַט...

ניט מיט א קרעכץ נאָר,
אַ גלאַנץ מיט׳ן אויג.
ס׳ברייינגט ניט קיין נוצען
און נארען וואָס טויג ?

ווייז מיט אַן אָפּפער, —
מיט הארץ עס געטאָן.
געלינדערט א וויטאָג
און קיינמאָל דערמאָן !

און שמייכעל מיט ליבע,
מיט שיינקייט און טעם !
ווערט גרינגער דאָס לעבען,
מ׳פילט ניט דעם סם...

די נאַכט איז שטיל

די נאַכט איז שטיל, לבנה׳דיג,
איך בלאָנדזשע איבער גאַסען.
אַ ווינטעלע, אַ שטיפּערעל
דערציילט מיר וואָס געלאַסען:

אַ מיידעל וואו אין חדר׳ל
וועבט טרוימען, פאַנטאַזיען.
פון יעדען טרוים דערזעט זי וואו
די שענסטע בלומען בליען...

אַ בלימעלע — אַ נייער טרוים,
אַ טרוים. אוי, וויפיל בלומען!
געעפענט האָט זיך שטיל די טיר,
ס׳איז עמיצער געקומען!

געקומען. און ווי שיין ער איז!
און היים געקושט די ליפּען.
געמורמעלט שטיל: איך האָב דיך ליך!
געמאַכט נשמה-קניפּען...

דער וועג

דאָס פענסטער איז אָפען,
די נאַכט קוקט אַריין
און ס׳מורמעלט אַ שטימע:
אַזוי וועט עס זיין!

אַ דור וועט אַוועקגיין,
אַ צווייטער וועט זיין.
קוק מוטיג דער צוקונפט
אין פּנים אַריין!

און ווער ניט אַנטמוטיגט
פון אייגענעם וויי.
אַלץ ווייטער און ווייטער,
מיין ברודערל גיי!

דער וועג איז אַ שווערער,
מיט שטיינער באַדעקט.
איך ליב נאָר דעם קעמפער,
וואָס שטורעמט און וועקט...

קאַלט...

ס'האָט אַ שטראַל אריינגעריסען
זיך צו מיר אין הויז.
האָט באַ מיר אין דער נשמה
אויפגעבליט א רויז.

אזא שמעקעדיגע, שטאָלצע,
יונג און פול מיט חן.
אָבער ס'איז דאָס בלומען־טעפּעל
זייער, זייער קליין...

וואו־זשע זאָל איך זי אהינטאָן?
שטאָלצע, שטילע בלום!
ווינטען בלאָזען, ווינטען ווייען,
קאַלט איז אומעטום!

קאַלט. די בלעטעלאך שוין פרירען
און די רויז ווערט בלאס.
ווינטען הוליען אין נשמה
ווי אין מיטען גאס...

ווינטען

ווינטען בלאָזען, וועקען רופען:
זומער איז אצינד און פריי!
פרואוו-זשע אויבעט, מענש, דאָ מאַכען
אַלעם לעבעדיג און ניי!

נעם צושטער די איינגע הייזער,
יעדען איינעם טרייב ארוים
צו די פעלדער, צו די וועלדער:
ס׳איז די וועלט גענוג דאָ גרוים!

ס׳איז די וועלט געראם און אלע
קענען לעבען מיט א גאנג...
קיינער דארף ניט זיין א בייזער
ווי א חיה, ווי א שלאנג.

ס׳איז גענוג דאָ פלאַץ און פרייהייט.
ווייסט נאָר ווי אזוי צו זיין.
איינער שרייט: איך האָב פארהאָרוועט,
און דער צווייטער — אלץ איז מיין!

דו ביזט!

דו ביזט א בעטלער
און לאכסט פון א צווייטען.
יענער וועט גיכער
צערייסען די קייטען!

דד ביזט אַ וואָרעם
און פילסט ניט די בלאָטע.
ס׳איז דיין נשמה דאָך
קראַנק פון סוכאָטע...

געשאַנקט רופסטו פריינדשאַפט
און שטאָלץ — עפּעס דאָרטען!
דיין איך איז פון שדים
און רוחות געפלאָכטען!

דו בעטעלסט, דו שנאָרער,
און לאַכסט פון א צווייטען.
ער פּרואווט זיך באפרייען,
און דו קושסט די קייטען...

איך און דו

איך בין א מענש, איך בין!
און וואָס ביזטו?
צי רויבט באַ דיר די פראגע
ווען דיין רו?

איך לעב, דו לעבסט — איז גוט.
איז אינהאַלט דאָ?
און מעקען מיר ניט ווי די קי:
מו—מו, מו—מו!

איך האָב אַ הארץ, דו אויך.
צי ברייגגט עס נוץ?
און וואָס האָט דען די וועלט
פון אונזער פּוץ?

איך שרייב, דו שרייבסט געווים.
און וואו איז מארך?
פּאַטשקונעס זיינען דאָ, אָ, גלויב,
אַ סך, א סך! ...

געדאַנקען

געדאנקען — מייז פון די נאָרעס
קריכען אַרוים און זוכען עפּעס וואָס.
געדאנקען — שליינג פון די גרעבער
שיפּען מיט גיפט און וועקען פארדראָס...

געדאנקען — קעלבעלאך יונגע
שפּרינגען און טאַנצען אהער און אהין.
געדאנקען — שוין אלטע בהמות,
וואָס גיבען די מילך — א קו דאָך איך בין!

געדאנקען — האָזען זיך שרעקען,
ווארפען די אויערען, לויערט דאָרט ווער?
געדאנקען — בערען וואָס קריכען,
טאַנצען אויף שטריק אזוי האַמעטנע, שווער.

געדאנקען — שפּיציגע נאָדלען
שטעכען, פארגיפטען דאָס ביסעלע בלוט.
געדאַנקען — זאלבען וואָס היילען
די וואונדען די שווערע און ס'ווערט אזוי גוט!

איך וויים

פארהיינג ניט דעם פאָרהאַנג,
איך בין דיר ניט פרעמד.
איך וויים, אז דו האָסט ניט
קיין צודעק, קיין העמד!

איך וויים, אז דו בלוטעסט
די נעכט אין דער שטיל.
די טעג קריכען פוילע, —
דיך עקעלט די שפּיל!...

איך ווייס דיינע דראַנגען,
דיין בליק, דעם פאַרוואָס ?
און באָד זיך מיט דיר
אינ׳ם זעלבען פאַרדראָס...

פאַרהיינג ניט דעם פאָרהאַנג,
ניט שעם זיך פאַר מיר !
ניט אָפּלאַכען וועל איך,
כ׳פאַרגים גאָר א טרער...

וואָלט איך געקענט

וואָלט איך געקענט אייך באַווייזען
ווי נאַריש איר זיינט, —
וואָלט מען ניט דאַרפען קיין אַייזען
צו שטורמען די וואַנט...

וואָלט איך געקענט אויף אַייך ווירקען
מיט ווייכינקע רייד, —
וואָלט מען ניט דאַרפען דערשטיקען
יסורים און לייד...

וואָלט איך פאַרמאָגט אזא שפּריכוואָרט,
אַנטפּלעקען דאָס ליכט, —
וואָלט מען ניט דאַרפען דאַ צוזען
ווי יעדערער קריכט..

וואָלט איך געפונען א מיטעל, —
געלעבט אָדער טויט !
וואָלט מען ניט דאַרפען זיך בעטען :
ניט בעטעלט קיין ברויט ! ...

אַ וויג-ליד

שלאָף, מיין קינד, ס'איז קאַלט דער דרויסען,
וואָרעם איז אין שטוב:
ס'איז דיין טאַטע וויים פאַרטריבען,
אוי, האָט ער דיך ליב!

מ'האָט פאַרטריבען אים זיך שלאָגען
מיט אַ שונא וויים...
ניט געקראָגען שוין אַ בריוועל
אַזאַ לאַנגע צייט?

קומען אָן געדאַנקען בייזע,
שלאָף שוין אַיין, מיין קינד!
ווי, דער טאַטע איז אַ זעלנער,
הער, ווי ס'וויינט דער ווינט!

וויינט. באַקלאָגט עמיצענס מזל:
וויים וואו אויף אַ פעלד
איז אַ זעלנער אומגעפאַלען.
שלאָף, מיין קליינער העלד!

ערגיץ אויבען...

ערגיץ אויבען, ערגיץ אויבען
ליגען הימלען אַזוי שטיל.
אונטען — ערד אַ שטילע, פרייע.
שטענדיג פירען זיי אַ שפּיל...

ערגיץ אויבען, ערגיץ אויבען
הוליען ווינטען פראַנק און פריי.
הימעל, ערד און לופט און וואַסער.
אַלעס איז אי אַלט, אי ניי...

ערגיץ אויבען, ערגיץ אויבען
וויגט זיך אום א הויכער גייסט.
וועגען פרייע, וועגען נייע
יעדען איינעם ער באַווייזט.

ערגיץ אויבען, ערגיץ אויבען
וועבט זיך קלאָר אַן אידעאל:
טיפער אינהאלט פאר׳ן לעבען,
וואָס דערוואַרעמט ווי א שטראל...

הויכע הימלען

הויכע הימלען, ווייטע הימלען,
בלויע לאנדשאפטען אין רוים,
שטילע קוקט איר און פאַרטראַכטע,
איינגעהילטע אין א טרוים.

יאַגען וואָלקענדלאך און שוועבען
ווייסינקע ווי פרישער שוים
און באַזוימען דאָרט די ראַנדען
מיט א בלימעלע, א בוים...

בלויען זיך די ווייטע הויכען,
ריידען אין א שווייגען־שפּראַך.
ריידען, ריידען און דערציילען
מעשה׳לאך א סך, א סך...

הויכע הימלען, ווייטע הימלען,
נעסטעלאך פון זיסען טרוים!
ס׳פליט א פויגעל דאָרטען אויבען, —
אָפּגעריסען זיך פון בוים.

דער זעצער

א שטילער דאָרט זיצט ער אין ווינקעל
און קלאַפּט אויס א וואָרט נאָך אַ וואָרט.
ער שוועבט איבער ים׳ען און וועלטען,
זיצענדיג שטיל אויף אַן אָרט...

אָט איז ער אין ווייטער קאַיראָ,
אין רוסלאַנד, יאַפּאַן, אין אַ וואַלד,
אָט ליבט ער, אָט האַסט ער מיט פייער
און פונקען אזש שפּריצען — א גוואַלד!

אַ שטילער, באַשיידען, אין ווינקעל,
און דאָך — אַ פאַרשייטער ביז גאָר;
א דיינקער, פּאָעט, דיפּלאָמאַט אויך,
אַ פירער — ס׳זאָל פעלען אַ האָר...

און ס׳גיסען זיך ווערטער, געדאַנקען,
ער טיילט זיך מיט יעדען צוגלייך:
פאר אָרימע ליידט ער דער בחור
און באַלד ווערט ער מעכטיג און רייך...

אַליין...

אַליין. עס איז גלייכער,
כאָטש אומעט צערייסט
און ביינקשאַפט — נשמה
און לעבען צעבייסט...

אַליין. כ׳בין משוגע?
אַ קלאָרער איז פּוסט...
איך האָב כאָטש א גלויבען,
צו נאַרישקייט לוסט...

צו נאַרישקייט — לאַכט איר,
איר קלוגע פון מיר
און ווייזט מיט לצנות
גאָר אָן אויף מיין טיר:

אַליין דאָרטען זיצט ער —
דער גריבלער, דער נאַר
און זוכט ערגיץ געטער.
וואָס קריגט ער דערפאַר? ...

אין פּאַרק

כ'זיץביים פענסטער און איך קוק,
ס'איז דער זומער שוין אוועק.
ס'איז דער הימעל מער ניט בלוי, —
זעט אוים ווי א גרויע דעק.

פליען פויגעלאך אוועק
צו די לענדער — ווארעם, פריי,
וואו די בוימער זיינען גרין,
וואו ס'איז לעבען פריש און ניי.

איך נאָר בלייב אַליין און קוק
ווי די ווינטען קומען אָן,
אויפן הארצען עפּעס שטיקט:
וואָס־זשע הויבט מען אָן צו טאָן?

וואָלט איך פליגעלאך געהאט, —
פליען ווייט אהין מיט זיי.
ניט פארבלייבען דאָ אליין
און זיך שטיקען מיט מיין וויי...

וואָלקענדלאַך

טראָגען זיך גרויאינקע וואָלקענדלאַך
אויבען אין הימעל דאָרט וואו,
יאָגען זיך האסטיג און שפּאַרען זיך
זוכען אביסעלע רו...

פלוצים — זיי ווערען פארגליווערטע,
קוקען מיט ערנסט, פארדראָס.
עפּעס אן אויסדרוק פארמאָגען זיי:
ס'איז שוין אריבער די מאָס!

און זיי צעגיסען זיך וויינענדע,
שאַפען אן אומעט ארום.
ס'הערען זיך קלאנגען פארטויבענדע, —
פילע באטראכטען עס קרום.

אָבער א זון א דערפרייענדע
רייסט זיך מיט אימפּעט אריין,
רעדט מיט א זוניגען שמייכעלע:
באַלד און ס'עט ליכטיג דאָ זיין!

כ'האָב ניט ליב

כ'האָב ניט ליב די גרויע טעג,
ווען דער הימעל וויינט און טרערט,
און דער בוים איז ערנסט, שטיל —
וועלט און לעבען ער באקלערט....

כ'האָב ניט ליב דאָס שווער געמיט,
וואָס פּאַרכאַפּט דאָס האַרץ אין קלעם
און דעם טרויער, אומעט, קרעכץ,
די פארצאָרנדיגע ברעם!...

כ'האָב ניט ליב דעם תכלית־בליק
פון דער לופט וואָס סמ'ט דאָס בלוט
און דעם אויסרוף וואָס מ'הערט:
ניין, ס'איז עפּעס דאָ ניט גוט!

כ'האָב ניט ליב דעם שוואַכען־קלאַנג
פון א חבר'ס קול און מיד;
כ'האָב ניט ליב דעם גוסס־טאָן
פון א שטאַרבענדיגען ליד!

וועגען

וועגען, ווייטע וועגען,
זייט ניט פרעמד צו מיר.
כ'בין א קינד נאָך איצטער,
כ'עפען ערשט די טיר!

פרעמד איז מיר דאָס לעבען,
ווייט — ניט צו פארשטיין.
וועגען, ווייטע וועגען
לאָזט מיך ניט אליין!

כ'וויים ניט וואו זיך לאָזען,
וואו ס'איז גוט צו גיין.
ערגיץ פירען וועגען,
וואו ס'איז אלעם שיין.

ערגיץ פירען וועגען
צו א נייער וועלט,
כאָטש מיט שווערע שטיינער
ס'איז יעדער טריט פארשטעלט.

אין פּאַרק

אין פּארק שפּאצירט ארום דער אומעט,
די בוימער שאָקלען זיך פון ווינט.
אָן אלטער מאַן דאָרט זוכט זיין יוגענט
באגלייט פון צוויי געטרייע הינט...

און אויף א באנק דאָרט צוגעוואקסען
זיצט אָ מאַן וואָס האָט קיין וועלט:
א טרעמפּ. געוועזן א מענש מסתמא,
ווען ר׳האָט געהאט א טייסטער געלט...

און דאָרטען קריכט ארום דער היטער, —
דער פּארק זאָל זיין געררוים און ריין:
א בוים, א בלום און גרינע גראָזען,
אַלעס איז דאָ פיין און שיין.

נאָר פּלוצים האָט דער טרעמפּ צעלאכט זיך
און אויפגעוועקט די שטילקייט דאָ,
עס האָבען זיך די הינט צעהאווקעט
און ס׳טראָגט זיך ווייט דער הו-הו-הו...

ביים טייכעל

פליסט דאָס טייכעלע אוועק,
טראָגט זיך ערגיץ ווייט.
און אויף יענער זייט באָם ברעג
רופט עמיצער, שרייט:

„קום אהער, דו שיפער, שנעל,
ס׳איז קיין צייט נישטאָ.
טרייב דאָס שיפעל דיינס אהער,
האָסט גענוג שוין רו!

טאָג און נאַכט באַם וואסער ליגסט,
פעלד און וואלד ארום.
שיפער, זאָג וואָס ביזטו בייז,
וואָרום קוקסטו קרום?

ס׳איז דאָס וואַסער אזוי שטיל,
דאָס געמיט באַזאַכט...
זאָג מיר, פישער, וואס האָסטו
זיך אזוי פארטראכט?"

ניין, איך וויים ניט

ניין, איך וויים ניט צי ס׳וועט קומען
מיין געליבטע היינט צו מיר.
ביז אין טאָג אריין דעם גרויען
אָפען האלטען כ׳וועל מיין טיר!

קום, איך ביינק נאָך דיר, נאָך אַלע!
פרעג ניט ווער און וואָס איך בין.
דיינע קושען, דיינע לאָסקעס
האָבען חן, פאַרמאָגען זין...

כ׳בין אַ ווילדער, אַ פאַרשייטער,
שטענדיג זינגט מיין האַרץ אַ ליד...
טרוימען זינגען און פארשפּרעכען,
ס׳לעבען מאַכט מיך קיינמאָל מיד.

ניין, איך וויים ניט צי זי ט׳קומען,
אָבער דיינקען מעג איך פריי.
פון די טרוימען בליען בלומען,
ס׳ווערט דאָס אַלטע שפּאָגעל ניי!

הערבסט

די זון איז קאַלט. אַ ווינטעל בלאָזט
און רייצט זיך מיט די שטראַלען.
דער בליק פון זון דערמאָנט מיר אין
אַ פרוי וואָס איז געפאַלען...

ניטאָ קיין היץ... די פיבער־שפּיל
ז׳פאַרשוואונדען פון די גלידער.
דער זונה־בליק, ווי קאַלט, ווי פרעך
און אזא עלענט־מידער!

און אויך דער הימעל בלויט זיך בלאַס, —
עס, צו וואס קאָלירען?
פרילינג, זומער, ווינטער, הערבסט
וועלען ווייט ניט פירען!

ווייט, צו נאָענט — מפיל־טריט,
שווער צום איבערטראָגען!
ניט נאָר הערבסט, נאָר פרילינג הויבט
אויך שוין אָן צו נאָגען...

פאַרלאַנגען

פאַרלאַנגען ברויזען אינ׳ם האַרצען,
ציען ערגעץ ווייט אַוועק.
אידיליעס זיך וועבען שטילע
און פלוצים כאַפּט אַרום אַ שרעק:

מענש, ווארום ביזטו פאַרשאָלטען
און געבענשט מיט יעדער זאַך,
אַלעם נעמט אַרום דיין מוח,
ווייסט פון סודות אזא סך?

וויסט פון סודות, קענסט דאָס לעבען,
קענסט זיך גריבלען אַזוי טיף.
אָבער וואָס אין דיר עס טוט זיך
זאָג מיר, האָסטו אַ באַגריף?

פאַרלאַנגען ברויזען אין׳ם האַרצען,
ציען טראָגען דאָס געמיט,
און אַ גייסט און הויכע וועלטען
טראָגט זיך, ווי אַ פויגעל פליט.

מ׳מוז זיין גרוים און פריי

ווערסט פאָדערען צופיל
פאַר דיינע קושען
און דו פאַרשטייסט ניט
יענע שפּראַך, דעם לשון.

מ׳מוז זיין גרוים און פריי
צו קענען לעבען:
ניט פאָדערען קיין זאַך
און פילעס געבען!

מ׳מוז זיין גרוים און פריי
און טיף ווי ים׳ען
צו קענען טרינקען גיפט
און זיך ניט סם׳ען...

צו קוקען פריי דעם
לעבען אין די אויגען.
און ווען מ׳פאַלט שוין, —
דעמאָלט זיך ניט בויגען...

צו דעם וועלדעל

צו דעם וועלדעל פירען וועגען,
אינעווייניג — אזוי שטיל.
בא דער זייט א טייכעל ציט זיך,
פליוסקעט זיך די ראָד פון מיל.

גייען דאָרטען צוויי שפּאַצירען,
הערצער ציען זיך ביינאַנד.
א געשפּרעך זיי פירען ביידע
פון א ווייטען צויבער־לאַנד...

און אַ פויגעל זינגט א לידל
אויף א צווייגעלע דאָרט הויך,
פון דערווייטענס, עט — פון ווייטענס
ציט צום הימעל זיך א רויך.

צו דעם וועלדעל פירען וועגען,
ליבעס־בלומען בליען פיל.
שפּילט דאָס טייכעלע א ליבע:
קושט די ראָד פון וואַסער־מיל;

זומער

ווען דער זומער נאָר צעשפּילט זיך,
טוט א יאָג זיך וואו מיין בלוט:
אַלע שווערקייטען פאַרשווינדען,
אַלעס ווייזט זיך אוים איז גוט!

קום איך צו דעם פעלד אַ קוק טאָן
ווי עס טוליט זיך אין טרוים.
הויבט אָן צאַפּלען זיך דאָס הארץ מיינס:
אַך, ווי שיין ס'איז יענער בוים!

אַך, ווי ציטריג ס׳איז דאָס פּיסטשען
פונ׳ם פויגעלע, ווי צאַרט!
ווייזט זיך אויס מיר אַז אַ מיידעל
אויף אַ וועג דאָרט ערגעץ וואַרט.

פּרואוו איך בלאָנדזשען איבער וועגען,
קומט זי גלייך אַנטקעגען אָן
און פאַרשווינדט באַלד. שטיי איך, זוך זי
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן?

אויב?

אויב מ׳דאַרף דאָס לעבען בייטען
אויף אַ טעפּעל לינזען.
און פאַר יעדער דריי און ריר זיך
צאָלען שטייער, צינזען?

אויב מ׳דאַרף דערשטיקען גלויבען,
האָפנונגען, געפילען
און דאָס קורצע שטיקעל לעבען
אין באַהעלטניש שפּילען?

אויב מ׳דאַרף דאָס הארץ פארזעצען,
די נשמה דרייען?
ווויל זיך בעסער אַזאַ לעבען
זאָל ניט לאַנג געדייען!

שנעלער, גיכער — צו דעם טייוועל!
זיך אין שטויב פאַרוואַנדלען.
בעסער, כ׳לעבען, ווי מיט הארצען
און נשמה האַנדלען!...

הערבסט

שוין אוועק דער ליבער זומער,
ווען די זון איז גוט און פריי.
גרוי און בייז זעט אויס דער הימעל,
צוגעדעקט מיט וואָלקענס בליי.

שווערקייט פילט זיך אין דער לופטען,
עפּעס ציט דאָס האַרץ און נאָגט.
ס'ווייזט זיך אויס אז ערד און הימעל
האָס און צווייפעל נאָר פאַרמאָגט...

טריפט אַ רעגענדל פאַמעלאך,
קלאַפּט אין שויב מיט אַ פאַרדראָס.
און אין שטוב עס וואקסט דער עלענד,
ס'איז דאָס בייגקשאַפט אָן אַ מאָס.

און אַ פויגעלע אַ שוואַכינקס
שפּרינגט אַרום אויף דר'ערד אַליין.
ס'ווערט דער הימעל אָפּט היסטעריש:
ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין...

אין קעלער.

אַ שטילע נאַכט. די שטערען זיינען דאָ.
אַ מענש וואו לאַכט. אידיליען-רו.
מוזיק און גליק און טרוים און האָס.
אַ קינד וואו וויינט...

אַ שטילע נאַכט. געדאַנקען זיינען דאָ.
דער הימעל טראַכט. פאַרלאַנגטע רו.
איך דריי זיך אום אַליין אין גאַס.
אַ קינד וואו וויינט...

אַ שטילע נאַכט. צו שטיל איז היינט די נאַכט
און צו פאַרטראַכט. אין קעלער דאָרט
איך זע אַ צווייטע נאַכט
און כ׳הער פון דאָרטען אַ געוויין.

אַ שטילע נאַכט. אין קעלער כ׳זע אַ נאַכט.
זי איז אויך פאַרטראַכט און מישט זיך אוים
מיט דרויסענדיגער נאַכט.
דער קעלער וויינט...

טרוימען...

טרוימען — די וויינטרויבען פולע
קוקען אַרונטער פון בוים.
טרוימען. זיי האָבען אַ טבע
צו ווערען אַ טרוים...

טרוימען. די ערשטלינגע־קינדער
צעקאָכען אין קערפּער דאָס בלוט.
טרוימען. זיי גלויבען און שרייען:
ס׳איז ליב און ס׳איז גוט!

טרוימען. די שטילינקע טויבען
פאַרפרומען די מענשען און וועלט.
טרוימען. ס׳איז שווער זיי צוקויפען,
זיי קריגען פאַר געלט...

טרוימען. די זוכער אין הימעל
אַליץ העכער און הויך...
טרוימען. זיי זעען גאָר קיינמאָל
פון לעבען דעם רויך...

פאַרשטיי מיך!

פאַרשטיי מיך, איך בעט דיך, —
די צייט גייט אַוועק.
ס׳איז לעבען אַן אָפּגרונט,
דאָ זיין איז אַ שרעק!

און זע נאַר, ס׳איז אָפען
דאָס חיה׳שע מויל, —
וויל אַלעס פאַרשלונגען,
עס כאַפּט אָן אַ גרויל.

פאַרשלונגען, פאַרצערן
וואָס גוט איז און שלעכט...
מיך מוטשען געדאַנקען,
איך שלאָף ניט קיין נעכט.

איך רו ניט און לעב ניט,
איך זאָרג זיך פאַר דיר.
פאַרשטיי־זשע מיך, חבר,
און עפען דיין טיר!

כ׳קוק אַריין

כ׳קוק אריין אין דיינע אויגען
און עס ברענט אין מיר אַ כעס,
ווייל דיין אויסזען איז ניט מער דאָ
ווי א גרויסע, פוסטע פאַס!

כ׳דרינג אריין אין אַלע ווינקלען
פון דיין קליינעם מאַרך
און דערזע ווי ווערים קנוילען
זיך אַ סך, א סך...

כ׳ריים אריין זיך אין די בלוטען,
פרואוו און מעסט די היץ
און פאַר ווייטאָג און בזיון
מיט די ציין איך קריץ!

כ׳ריים אריין זיך אין די טעמפּלען,
וואו דו בעטסט צו גאָט
און דערזע ווי טיף־געזונקען
ביזט, ווי ביליג־שפּאָט!...

איך דאַכט זיך!

איך דאכט זיך איך בין גרויס אצינד, —
נאָך רעגען קען געראָטען.
פאַרגעסט־זשע ניט אַז לעם דער זון
שפּאַצירט אויך אום דער שטן...

איך דאכט זיך ווען אַז איך בין קליין, —
איר זעט ניט אָן די שטראַלען...
איר ווייסט ניט וואָס איז זון אזוינס, —
קומט אוים — איך בין געפאַלען...

געפאלען. זינק אין בלאָטע טיף,
ווייל איר האָט קראַנקע אויגען.
די וועלט, די וועלט, איר זעט זי ניט, —
זי איז פאַר אייך פאַרצויגען!

טוט־זשע ברילען אָן אויף שנעל
און קוקט זיך איין מיט אויגען!
זעט איר? בייט זיי איבער גלייך!
ווילען די כאָטש טויגען?...

דער ערשטער מאַי

גראָזען גרינזען, בוימער בליען, —
ס'קומט צו אונז דער ערשטער מאי!
איז דאָס מעגלאַך, ליבער ברודער,
אַז דו ביזט נאָך אַלץ ניט פריי?

אַרבייט, ארבייט אָן אַן אויפהער, —
ס'איז קיין ברויט, קיין כוח נישטאָ.
וועט ווען קומען יענער יום טוב —
ברייגנען פרייהייט אונז אין רו?

קוק, ווי בלוי עס איז דער הימעל
און די זון מיט שטראַלען שיסט;
און אַ מלאך'ל פון ליבען
יעדען איינעם דאָ באגריסט!...

נו, און דו, מיין ליבער ברודער,
שטייסט צעווישען פראכט און נויט:
שטראַלען, בלומען, הונגער, קראַנקהייט, —
זוכסט א שטיקעל טרוקען ברויט!

גלייך זיך אויס, באַטראַכט די הימלען,
זע, עס קומט דער ערשטער מאי.
שיק אַרוף צו אַלע לענדער:
„ס'איז שוין צייט צו ווערען פריי!"

די סוכה

געטריבען, געיאָגט,
אָן אַ היים, אָן אַ דאַך.
אַ ביידעל — די וואוינונג,
פאַרפוילט שוין דער סכך...

פאַראַרימט און עלענד,
אַן ביסעלע זון.
פאר׳דאגה׳ט, פארצווייפעלט,
ניט וויסען וואָס טאָן ?

און טירען פארמאכטע :
„איר קענט ניט אריין !״
אַ טאַטע — אין דער זייט,
דאָס קינד וואו זאָל זיין ? ...

אַ מאַמע מעג קומען,
די טאָכטער — אָ, ניין !
און ס׳רירט ניט דאָס קלאָגען,
דאָס ביטער געוויין.

די סוכה, די סוכה, —
א שטוב אָן אַ דאך.
דערגרייכען ד י טרערען ניט
אויך דורכ׳ן סכך ? ...

שיינט די זון

שיינט די זון און וואַרפט מיט שטראלען —
שטיקער גאָלד מיט פולער האַנט.
און אַרום — ווי פריי און ליכטיג :
ס׳האָט געשאַפען מיט טאַלאַנט

מיט געפיל און ברייטען וויסען,
מיט דער צערטלאכקייט פון בלוט
און מיט ליבע צו דעם מענשען,
אזוי רחבת׳דיגע און גוט...

אַזוי צנועה׳דיג און רואיג.
אָ, דער קינסטלער האָט טאַלאַנט!
זעט נאָר ווי די שטראַלען שפּרינגען,
קושען זיך מיט יענער וואַנט...

קושען זיך מיט ערד און הימעל,
צערטלען עפּעס אין דער לופט.
גאָלדיג שפּרינגען זיי און טאַנצען
און א שטראל א צווייטען רופט.

רופט מיט שפּראך פון שימערירען:
דאָ א פינקעל, דאָרט א בלאנק.
זיין געבענשט זאָל יענער קינסטלער,
וואָס טראָגט צו אַזאַ געשאַנק!

ע ר ג י ץ . . .

ערגיץ טראָגען מיך געדאנקען,
נאָר איך ווייס ניט וואו.
ערגיץ איז פאַראַן אין לעבען —
לעבען אויך פון רו...

ערגיץ וועבען זיך און קנוילען
פאַנטאזיען וואו.
ערגיץ קומט שוין א מאָמענט אָן
פון א פרייער שעה...

ערגיץ גראָבען זיך געדאנקען,
גראָבען זיך אָן רו.
ערגיץ, ערגיץ, און דערווייל
איז נאָך גאָרנישטאָ!...

דער הימעל ווערט ערנסט

א וואָלקענדל שווימט דאָרט,
אַ וואָלקנדל קליין.
דער הימעל א בלויער,
א שטילער און ריין

באַטראַכט יענע הויכען
און שמייכעלט פארגאַפט:
וויל וויסען דעם סוד
פון באַהאַלטענער קראַפט?

וויל וויסען דעם אינהאַלט
פון אויבען און דאָ!
דער הימעל ווערט ערנסט:
ט'פארלוירען די רו...

פאַרנאַכט

שטיל. א ווינטעלע יאָגט זיך ארום,
דערציילט עפּעס וואס.
שטיל. עס כליפּעט די לופט און דערציילט
פון אנגסט און פארדראָס.

שטיל. די שאָטענס פאר'גנב'נען זיך פלינק
אין שטילען באַהאַלט.
שטיל. די לופט איז מיט ציטערניש פול,
פּאַמעלאך זי פאַלט...

שטיל. פאַרנאַכט איז געקומען, איז דאָ,
זיין שמייכעל, ווי קאַלט!
שטיל. די וועלט שטייט געבויגען, פארקרימט,
זעט אוים אַזוי אַלט...

געוויס

געוויס איז דער נאַיוו וואָס האָט
אַ האַרץ וואָס קען נאָך פילען
און קען ניט צוזען קיין באַטרוג,
קיין ציניש לעבענס-שפּילען!

געוויס איז דער נאָך גאָר אַ קינד,
וואָס וויל אין ראָד ניט טאַנצען
און גלויבט אַז ס'איז נאָך דאָ א זון
און אירע שטראַלען גלאַנצען!...

געוויס איז דער צום לאַכען היינט,
וואָס קען אַ טרער פאַרגיסען,
ווען איינער רייסט באַם צווייטען אויס
פון מויל דעם לעצטען ביסען!...

מעלאַנכאָליע

ווידער האָט זיך די נשמה באַליידיגט,
פאַרפירט אַ געשלעג מיט'ן בלוט...
דאָס האַרץ—ווי א שומר וואָס בעט אָן הוספּ־
שרייט אַלץ: ס'איז ביטער, ניט גוט!

ווידער האָט מאַרך זיך צעלאָזט ווי א וויכער,
טראָגט זיך אין שטורעם אַוועק...
אַלעס צעשטערט ער אין וועג אָן רחמנות,
ווייזט אויס אַז עס קומט שוין אַנ'עק?...

ווידער איז גאָרניט פאַרבליבען פון גלוי[illegible]
האָפנונג? ווי קומט עס צו מיר!
דעם בנין וואָס איך און וואָס אַנדערע בויען,
עס, מ'געפינט ניט די טיר!...

שטילע טרוימען.

שטילע טרוימען — שטילע טויבען
זיצען רואיג אין די נעסטען
און מיט הויכע, ווייטע שטרעקען
פרואווען זיי זיך ניט פארמעסטען....

דרימלען רואיג, זיך האלובען,
כאטש אין דרויסען גיסט א רעגען
און עס בלאזען קאלטע ווינטען.
ווילען טויבען זיך ניט קריגען...

שטילע טרוימען — שטילע טויבען
זיצען רואיג. גאר זיך קריגען?
אבער קומט די צייט, ווי אדלערם
שלאגען זיי זיך און באזיגען...

נייסען

כ׳ליין אין צייטונג נייסען
פונ׳ם לעבען ווייט.
צו דערפרייען, שרעקען
פול עס איז די צייט.

איינער איז גע׳הרג׳עט,
צוויי פארליבט זיך שטארק.
ס׳איז א פרוי געזונקען
אינ׳ם לעבענס־מארק...

נייסען, נייסען, נייסען, —
זיינען אלט און גרוי.
ווערט דאס לעבען אייביג
זיין שוין אט אזוי?

ליכט און תורה

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט,
עס פליען טעג און יאָרען.
נו, זאָג מיר, מענש, ערקלער מיר גלייך
וואָס איז פון דיר געוואָרען?

און גייסטו ווייט? צי דיינקסטו טיף?.
און פּראוווסטו עפּעס שאַפען,
אַז גאָט און זון, דער הימעל, ערד
זיי זאָלען קענען גאַפען?...

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט,
און לעבענס מרה שחורה
שטויסט דיך כאָטש אויף דעם געדאַנק
פאַרשטיין אי ליכט, אי תורה?...

דער שיכור.

אָרום איז נאַכט. ער בלאָנדזשעט אום
און זוכט מיט זיינע אויגען.
די משקה יאָגט אַ נעבעל אָן
און אַלעם ווערט פאַרצויגען...

אַ נעבעל וואס פאַרשטעלט, אַ וואַנט.
און לאָזט ניט מערער פילען
דעם שווערען יאָך, דעם שווערען קאַמף
פון פוסטען לעבענס-שפּילען...

אָרום איז נאַכט. ער וואַקעלט זיך
און שמייכעלט רואיג אונטער.
זיין ניכטער איז פאַר אים ניט גוט,
זיין שיכור — פיל געזונטער!

תורה

איך בין קליין געוואַרען,
ווייל איר קריכט ווי ווערים,
און איר ווילט גאָר וואַרפען
מיך אַצינד אין חרם!

אָבער אין מיין קליינקייט
בין איך גרויס פאַר מורא,
ווייל איך לערען שטענדיג
פון דער ריינסטער תורה...

פון דער ריינסטער לערע,
וועלכע לאָזט ניט פאַלען:
ליגענדיג אין רינשטאָק
גרייכען מיך די שטראַלען...

גיסט פון קראַן

גיט פון קראַן דאָס וואַסער,
ווערט די גלאָז אַ פולע.
ס'וואָלט אַריין פיל מערער,
איז די לאָך אַ שמאָלע....

דרייט מען צו דאָס וואַסער,
ווערט דער קראַן אַנטשוויגען.
אָבער וואַסער, וואַסער
קומט אָן גלייך אַנטקעגען...

אַזוי אויך אין לעבען,
ווען געדאַנקען קומען.
פרואווט מען זיי פאַרשפאַרען.
בליען גראַדע בלומען...

מ׳האָט דערציילט

מ׳האָט דערציילט מיר פון אַ ריז
ערגעץ-וואו אין לענדער...
מ׳האָט גערעדט, באַשריבען אים
אין פילע, גרויסע בענדער.

כ׳האָב געליינט, געטרוימט פון אים
מיט זיסע ריזען-טרוימען...
און געהאָפט אין לעבען נאָך
דערזען די ריזען-זוימען!...

אָבער, ניין! ס׳איז ניט קיין ריז, —
פאַרזעעניש אַ קליינע...
און כ׳באַוויין מיר שטילערהייד
מיינע טרוימען ריינע!

ס׳וועט נאָך קומען!

ס׳וועט נאָך קומען יענער טאָג, —
אַלעמען באַפרייען.
הימעל, ערד און מענש זיך וועט
אויסלייזען, באַנייען.

ס׳וועט נאָך קומען יענער טאָג, —
ברייננגען יעדען פריידען.
און דאָס לעבען ווערען וועט
ממש אַ גן-עדן...

ס׳וועט נאָך קומען יענער טאָג, —
זאָגען יעדען איינעם:
פריי איז לעבען, פון דער וועלט
מאַכט אַ נעסט אַ ריינעם!

ביזטו!?

ביזטו מיר אַ שונא,
זאָג ארוים דאָס אָפען!
וועל איך ניט ערווארטען
און אויף דיר ניט האָפען...

ביזטו מיר אַ גואל,
שעם זיך ניט דאָס צייגען.
און ערלויב זיך שיצען
אונטער דיינע צווייגען!..

ביזטו פאַלש, פאַרדאַרבען, —
האַלטםטו עס טיף אין הארצען.
וועסטו האָבען, ברוטוס,
דאָ אַ סוף אַ שוואַרצען!...

קוימענס...

קוימענס שטייען אויף די דעכער
שטילע, שטילע — שווייגען.
מיט אַן ערנסט אויפ'ן אויסזען
יעדען וואָס זיי צייגען.

גייען מענשען, לויפען מענשען.
קוימענס? דאָך פון ציגעל!
ס'זיינען טירען צוגעמאכטע
אויפ'ן שלאָס און ריגעל...

קען אין שטוב נאָר קיינער גרייכען
וויסען אַלע סודות.
קוימענס, קוימענס פיל דערציילען.
נאָר וואָס טויגען ריידעם?!...

ווי אַ תליון...

ווען איך וואָלט געקענט געפינען
אַזאַ אַפּאַראַט,
מיט דער וועלט אַ שפּיל טאָן איינמאָל
און איר געבען „מאַט“...

וואָלט איך אַ סיגאַר אַ גראָבען
זיך פאַררויכערט שטיל...
און געדרייט דאָס אַפּאַראַטעל
מיט אַ רויך־געפיל...

און געדרייט... מיט טייוועל־שמייכעל
ביז'ן לעצטען דריי.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווי אַ תליון, —
אָט אַזוי — אַזוי!...

געדיינקסטו ?

זאָגסטו יענעם — ער איז שלעכט,
קענסטו זיך שוין גוט ?
רופסטו יענעם אוממענש, שלאַנג, —
פּרואווסטו ווען דיין בלוט ?

פאָדערסט פרייהייט, גליק און ברויט,
גיסטו יענעם וואָס ?
לערענסט יענעם וואָס ס'איז שיין, —
ליבסטו מיט אַ מאָס ?

שעלטסט און זידעלסט דעם וואָס האָט,
טיילסטו זיך אויף גלייך ?
און געדיינקסטו וואָס עס מיינט
אָרעם זיין און — — רייך ?!...

ווען זיי ?

זאָגט, נאָך וואָס, איך בעט אייך, שרייב איך
אַט די אַלע ווערטער!
ווען זיי כאָטש וואו געפינען
ווייכע, ווייכע ערטער?

ווען זיי דערגרייכן, לערנען,
אַלעמען און יעדן
ווי צו זיין א מענש אין לעבן,
רואיג, גוט, באַשיידן...

ווען זיי זיך לייגן טיף דאָרט
ווי אין דר׳ערד די פלאַנצן
און דערנאָך מיט שטאָלץ זיך הויבן
און מיט עפּעס גלאַנצן?...

דער אויטאָ

דרייט זיך לויפט דער אויטאָ שנעל,
פּרואווט זיך אָפּט צעשרייען.
— זאָלן מענשען אים פאַרשטיין, —
זיך אַליין באַפרייען...

יאָגט ער, פליט ער הין און הער
ווי פון זין געריכטעטער.
און באַקלאָגט זיך אין דער שטיל
אויף א וועלט צעשטערטער...

דרייט זיך, לויפט דער אויטאָ שנעל,
פּרואווט אויף יעדן שרייען:
טפשים, בהמות, ווען איר ווען
זיך אַליין באַפרייען?

זוכער

שטענדיג זוכען זיי ארום
אינ׳ם ים פון לעבען.
נישטערען זיך אין ארכיוו
פון אַנ׳אייביג שטרעבען...

זוכען, פאָרשען שטערען וואו
אויפ׳ן לעבענס-הימעל,
און פארגינען זיך קיינמאָל
בלייבען אין אַ דרימעל...

ניין, דאָס לעבען איז דאָך קורץ
און די שעה׳ן לויפען.
זוכער וועט געפינען וואָס.
הענדלער וועט פארקויפען...

די נאַכט קומט אָן

ס׳איז פאַרנאַכט. דער טאָג, דער קונדס,
ז׳אין עמיצענס הענט געפאַנגען.
„ראַטעוועט!“ מיר דאַכט, עס הערט זיך
פונ׳ם טאָג געשרייען, קלאַנגען...

און די שאָטענס, ווי גזלנים
אין אַ וואלד געדיכטען, שטילען
רייסען שטיקער פון די שטראַלען,
קענען זיך דאָס הארץ ניט קילען...

גוסס׳ט, כאָרכעלט, מאכט גרימאַסען
טאָג אין הענט וואָס וואָרגען, שטיקען.
און די נאַכט קומט אָן פון ערגעץ
מיט אַ מינע אַלץ צעדריקען...

שווייגט ניט

שווייגט ניט בלוטען, שווייגט ניט,
פאָדערט וואָס אייך קומט.
הערט ווי ווינטען בלאָזען,
ווי אַ שטורעם ברומט!

רייסט זיך פונ׳ם קערפּער
ווייט אין לעבענס־שטרייט.
איצטער איז געקומען,
איצטער איז די צייט!

שווייגט ניט בלוטען, יאָגט זיך,
שטייט ניט אויף אַן אָרט.
הערט ווי ווינטען בלאָזען,
הערט דאָס שטורעם־וואָרט!...

##ווירבעל־ווינטען

ווילבעל־ווינטען דרייען,
טאַנצען מיט מיט הארצענס־ווייען,
עפּעס הערען זיך געשרייען:
לאַנג וועט אַלעס ניט געדייען!

ווירבעל־ווינטען יאָגען, יאָגען,
אַזוי מורא׳דיג זיי קלאָגען.
אין געלויף זיי עפּעס טראָגען.
און דערציילען און זיי זאָגען.

ווירבעל־ווינטען רייסען, רייסען,
אין געזיכט מיט האַס זיי שמייסען.
און דער מענש ער טוט זיך פלייסען.
ווי אַ שלאַנג פארגיפטען, בייסען.

אַ וויג־ליד

דו ביזט אַ איד, מיין קינד,
און שווער וועט זיין דער וועג.
טאָ רו זיך אוים אַצינד
אין דיינע קינדער־טעג!

ס׳וועט קומען יענער טאָג,
ווען דו וועסט וויסען אַלץ,
אַז לעבען איז ניט זים,
נאָר גאַליג און ווי זאַלץ...

און יעדער טאָג — אַ יאָר
וועט ציען זיך פאַר דיר.
וועסט קלאַפּען טאָג און נאַכט
און שטיין באַ יענעם׳ם טיר.

דו ביזט אַ איד, מיין קינד,
און שווער וועט זיין דער וועג.
טאָ רו זיך אוים אַצינד —
און מער באַ מיר ניט פרעג!

וואו איך בין געזעסען...

ווען עס ווערט מיר בעסער
און איך פיל מיך מונטער,
ליב איך זיך דערמאָנען,
וואָס חייםט גיין אַרונטער...

ווען עס איז מיר גוט שוין
און איך פּרואוו פאַרגעסען...
ליב איך דעמאָלט פאַלען,
וואו איך בין געזעסען...

זיי מיר ניט!

זיי מיר ניט קיין פריינט, קיין חבר
מיט׳ן מויל און מיט די ליפּען,
ווייל אַ חבר דאָ געפינען
דאַרף מען נישטערען און זיפּען...

פליים זיך ניט צו זיין אַ גוטער,
נאָר פון אויבען, אָן געפילען.
גלויב, עס עקעלט אַזאַ גוטסקייט
און אזא מין מאָדנע שפּילען...

זיי אַ פרעמדער! וועל איך וויסען
ווי אַזוי מיט דיר גאָר שפּילען.
רעד מיט איינפאַכע דיבורים,
ניט מיט זיסקייט — אָן געפילען...

לעבען

פליט אַ פויגעלע אין הויך,
וועבט אַ שטילען טרוים.
שטעלט אַוועק זיך ערגעץ־וואו
פלוצים אויף אַ בוים.

און פון בוים גלייך צו דער ערד
אויף אַ קופּע גנוי:
זוכט אַ ברעקעלע... אַ ביס...
לעבען איז אַזוי!

אָט אַזוי איז אויך דער מענש
אינ׳ם לעבענס־וועג:
טרוים און בלאָטע... שמוץ און גנוי...
מער באַ מיר ניט פרעג!

נו, גענוג!

נו, גענוג שוין, איר געדאַנקען,
ריזעט מיך ניט ווי די מייז!
אָט בין איך פאַרברענט פון פייער,
אָט דערפיל איך קאַלט ווי אייז.

יאָ, די וועלט זיך דרייט געוויינלאַך
יאָרען-לאַנג שוין אָן פאַרוואָס.
דורות קומען, דורות גייען.
ס׳לוינט ניט האָבען קיין פאַרדראָס!

ליבען, לאַכען, וויינען, שרייען
אָן געדאַנקען, אָן פאַרשטאַנד.
האָוועז, שמייען, דרייען, קריכען.
ווייט אַוועק פון טרוימען-לאַנד!

נו, גענוג שוין, איר געדאַנקען,
לאָזט מיך איבער לידיג, פריי!
ניט געפּערלאַך. פאַר דעם לעבען
איז קיין זאַך ניט שפּאָגעל ניי...

מיט זיך אַליין

שטיל. נו, וועל איך טראַכטען,
מיט זיך אַליין כ׳וועל ריידען.
רואיג דיסקוטירען
און ענטפערען באַשיידען...

כ׳וועל אויף צוויי זיך טיילען,
כ׳זאָג אייך ניט קיין ליגען.
און ווער ס׳איז שטאַרקער, קלוגער —
דער געווים וועט זיגען!...

אויגען...

ניט געוואַשען, ניט פאַרקעמט,
ניט געשווירען שוין פון לאַנג.
אַ געזיכט — מיך אַרט קיין זאַך
און נאָך עפּעס וואָס — קיין דראַנג!

אַ געזיכט. נאָר וואָרט נאָר צו.
אויגען האָב דערזען איך צוויי.
עפּעס מערקט זיך וואָס אין טיף:
יאוש... צווייפעל... מענשען־ווי...

ניט געוואַשען, ניט פאַרקעמט,
האָר צעשויבערט. אוי, ניט ריין...
אַ געזיכט — מיך אַרט קיין זאַך.
אויגען... מאַכען יעדען קליין!...

אַ גרוס

ס׳וועלען מענשען נייע וועגען
אונז ווען צייגען.
נייע פרוכטען וועלען וואקסען
אויף די צווייגען...

נייע זונען, נייע שטראַלען
וועלען שיינען.
קלוגע רייד עס וועלען פליסען
פונקט ווי ווינען...

ס׳וועלען מענשען נייע טרוימען
דעמאָלט וועבען.
נייע טרערען, נייע ווייען
ס׳וועט ווער געבען!?...

משוגע

גערוים איז דער משוגע,
וואָס האָט אַ האַרץ, ניט שטיין
און וויל ניט נאָכטאָן יענעם,
מיט אַלע גלייך ניט גיין!

גערוים איז דער אַ טרוימער,
זיך דראַפּעט אויף די ווענט,
וואָס וואַרפט זיך אין די פלאַמען,
ווען אַלץ אַרום שוין ברענט...

גערוים איז עפּעס קאַליע
באַ יענעם אינ׳ם מאַרך
וואָס וויל ניט זיין ווי אַלע:
מעכטיג, שטאַרק און רייך!

גערוים איז דער משוגע,
וואָס קוקט אַוועק צו ווייט.
ניט איינער זאָגט מיט מיטלייד:
יאָ, יאָ, ער איז אַ לייט!

נאַכט

נאַכט. שאָטענס שטויסען זיך,
קרומען איבער יעדענס גאַנג. —
נאַכט. בוימער וואַרפען זיך,
כאַפּענדיג דעם נאַכטען-קלאַנג...

נאַכט. ווינטלאַך קריגען זיך
און ווערען שלום מיט אַמאָל.
נאַכט. געדאַנקען שטויסען זיך,
פאַרשווינדען וואו אין נאַכטען-טאָל...

נאַכט. אַ מידקייט פאָדערט וואָס
און ציט מיט גיריגקייט צו בעט.
נאַכט. געוויסען עגבערט שטיל,
שרייט גוואלד און טוט אַ גלעט...

נאַכט. דער שלאָף באהערשט און וויגט
און שטיל ער שרייט:
נאַכט. די גאַנצע וועלט מ׳זעט
און זי איז ערגעץ ווייט...

איך נעם אַ צייטונג

איך נעם אַ צייטונג אין מיין האַנט, —
פון דער וועלט די נייסען וויסען.
נעמט אַ שוידער מיך אַרום:
מאָרדען, גוואַלדען, רויב און שיסען.

יאָרען־לאַנג איז שוין אַזוי.
טרוקען, פוסט, דיזעלבע קלאַנגען.
איז קיין מארך ניטאָ אין קאָפּ,
ליגט דער שכל וואו געפאַנגען?

ס׳וואַסער שטייט שוין אַזוי לאַנג.
פוילט. און וואַסערע גערוכען!
ווילט זיך קיינעם אַזאַ צייט
עפּעס בעסערס נישט פאַרזוכען?

מיש איך בלאַט נאָך בלאַט און ליין.
אָך, ווי טרוקען מענשען זיינען!
נישטיג־קליין מוז זיין דער דור,
ווען ס׳איז אַזאַ נייס פאַראַנען!

אומעט

ס׳איז אומעטיג אַרום, ס׳איז אומעטיג.
נאָר וואָס ז׳געוועזן די זון און איז אַוועק.
דער הימעל זעט אויס גרוי, מיד און טרויעריג,
אויף אַלעם לייגט זיך אַזאַ שווערע דעק...

ס׳איז אומעטיג אַרום, פאַרנאַכטעדיג,
די לופט זעט אויס ווי אַ געדיכטע נעץ.
און אָפּגענאַרט מען פילט און אויסגעלאַכט
פון עפּעס אַ פאַרנאַרעשדיגען ליץ...

ס׳איז אומעטיג ארום, אָן גלייכגעוויכט.
און ס׳ווייזט זיך אויס אז ס׳הוידעט זיך די וועלט.
אַט וויגט זי זיך אַהין, אַט וויגט זי זיך אַהער
און פלוצים וועט אינגאַנצען זי פאַרשטעלט.

ס׳איז אומעטיג ארום, ניט שטימענדיג.
די גאַנצע וועלט — אַ גרויסער אידיאָט.
און ס׳פרעגט דאָס האַרץ אין שטיל:
באַשאַפען זי,
האָט מען געדאַרפט דען זיין אַ גאָט?...

אין סאָבוויי

די סאָבוויי טראָגט זיך ווי אַ טייוועל,
וועט אָן אָפּשטעל זיין אויך וואו?
זעץ זיך נאָענטער, דו פרעמדע, —
טראָג אריין אביסעל רו!

סקריפּעט, פּיעסטשעט זיך דאָס אייזען,
כליפּעט ווי אַ פּיצעל קינד.
ס׳קלאַפּט דער רעגען אין די שויבען,
ווי אַ חיה וויינט דער ווינט.

קוק, ווי יעדער איז דערשאָרקען,
נורעט זיך אין מאַנטעל איין,
ראַטשעט ווילד מיט אוגען קאַלטע,
גלייך אַן אומגליק וועט באַלד זיין...

און ווי פרעמד עס פילט זיך יעדער,
זיצענדיג דאָ זייט באַ זייט.
הער נאַר, ווי דער ווינט צערייסט זיך, —
ווייסט ער אויך פון שטימונג, צייט?

ווייסט ער אויך פון ווייטע היימען,
וואו א מאַמע ביינקט אַ שרעק...
און פילט מיט דער שטילער מיידעל:
איר געליבטער איז אוועק!?

רוק-זשע צו זיך, נאָענט — פרעמדע,
פיל זיך היימיש, פיל זיך פריי!
איך און דו און ווינט מיר זיינען
עלענט, הילפלאָזע אַלע דריי...

עמיצער לאַכט...

אַ גוטער פריינט, אַ שלעכטער פריינט,
אַ גוטער נעכטען, גוטער היינט.
א בייזער טאָג, אַ ווילסטע נאַכט.
עמיצער לאַכט...

אַ לעבען פריי, א לעבען פוסט,
אַ ווילען פריי, א בייזער גלוסט,
אַ שטילער קרעכץ, א מידע פראַכט.
עמיצער לאַכט...

אַ ווייכער קלאַנג, אַ בייזער קריץ,
אַ רואיג וואָרט, אַ וואָרט מיט היץ.
אַ הארבער פרעג, אַ ליפּ וואס שמאַכט.
עמיצער לאַכט...

אויף דער קאַטערינקע

אויף דער קאַטערינקע
שפּילט ער אין די גאַסען.
בעט פאַר דעם אַ פּעני.
קען מען אים ניט האַסען?

אַזאַ פּעטער בעטלער
מיט אַ קאַרק אַ רויטען.
וואָלט מען אים געדאַרפט גאָר
איינקאַוועו אין קייטען...

קען ניט גיין פאַרדינען
ערגעץ אין פאַבריקען?
בירגער, זעט מ'זאָל אים
גלייך פון דאַנעט שיקען

צו זיין לאַנד איטאַליע,
ניט ביי אונז דאָ בלייבען.
זאָלען זיך קיין שלעפּער
אינ'ם לאַנד ניט קלייבען!

אויף דער קאַטערינקע, —
ניין, מ'טאָר ניט שפּילען!
ווען קאַרוזע אויבעט
אַט דעם פּאַטש דערפילען?...

קאַלטע ווינטען

(איוועז אַ מתנה)

עס בלאָזען קאַלטע ווינטען,
עס פאַלט אַ נאַסער שניי.
געקומען איז דער ווינטער
און עפּעס דריקט אַ ווײ...

עס שטייען בוימער נאַקעט
און פעלדער קלאָגען שטיל.
דער טייך איז איינגעפרויען
און ס'שווייגט די וואַסער־מיל.

עס האָט דער וואַלד פאַרטראַכט זיך,
טרויערט שטיל און גאַרט
נאָך זיסע פויגעל־לידער
און אויך נאָך פרילינג־פּראַכט...

און איך מיט זיי אינאיינעם
דערמאָן די שטילע טעג
און אויך די נעכט די ווייטע
אין פעלד דאָרט אויפ'ן וועג...

קאַרשען־אויגען

שיינע קאַרשען־אויגען,
ווי איר זיינט מיר ליב.
צייטענווייס איר מאַכט דאָך
מיר מיין לעבען טריב!

אויגען — טיפע קוואַלען,
טיף, גאַר אָן אַ גרונט.
מיט באַלזאַם וואָס רינט דאָרט
היילט איר אוים מיין וואונד.

שיינע דימענט-אויגען,
ווי די נאַכט דאָך שוואַרץ...
צייטענוויים אויף שטיקער
שניידט איר מיר מיין האַרץ!

אויגען! נו, באַדיינקט זיך,
הערט אוים מיין געבעט:
איר וועט שניידען, שניידען,
היילען — וועט זיין שפּעט!...

נאַטור

נאַטור ערוואַכט. איך קען ניט שווייגען.
די בוימער ווינקען צו מיר שטום.
דער בלויער הימעל ווייך און איידעל
בעט זיך באַ מיר: קום, נו, קום!

גיי איך, בלאָנדזשע. איבער גאַסען,
זעץ זיך אין אַ פּאַרק אַוועק.
אָבער ס'פילט זיך אַזאַ שווערקייט,
עפּעס דריקט אַ שווערע דעק.

דאָרטען האָט אַ בוים צעבליט זיך,
בלימעלאַך מיך קוקען אָן.
אָבער דו, מיין ליבער ברודער,
ווילסטו אָנהויבען וואָס טאָן?

זון וועט שיינען, בלומען, בוימער,
בלויער הימעל, פעלד. און דו?
עפּעס ווינקט צו מיר אַ בלימעל:
צוליב אים ז'ניטאָ קיין רו!...

מיין גאָרטען

כ׳וועל אַליין באַשאַפען טרוימען —
בלומען פאַר מיין לעבענס־גאָרטען.
פון די בלומען — טרוימען פילע
וועל איך קראַנצען שיינע פלעכטען.

און זיי שיינקען יעדען איינעם,
כ׳וועל ניט האַנדלען מיט קיין בלומען!
אַלע, אַלע, יעדער איינער
קענען צו מיין גאָרטען קומען.

און זיך אויסקלייבען קאָלירען.
ניט געכאַפּט. געדולד ז׳פאַראַנען.
און זיך גיין, צוריק באַלד קומען,
אויב מ׳וועט זיך וואָס דערמאָנען...

אָן אַ פאַרקען, ניט פאַרגרייזערט,
פריי פאַר יעדען גיין און קומען.
און קיין שומר וועט ניט זאָגען:
אַזאַ העזה — רייסען בלומען!?...

נאָענט און ווייט...

איר זיינט מיר נאָענט
און זיינט ווייט, —
שולדיג איז אין דעם
די צייט!

איר זיינט געקנאָטען
פונקט ווי איך,
נאָר ס׳פעלט אייך
אַ געוויסער שטריך...

און אָפּט מיר טוט
פאַר אייך נאָר וויי,
ווייל איר פאַרשטייט ניט
מיין געשריי...

און לערנען ווילט איר
ניט — צו וואָס?
און ווערט שוין שפּעט, —
האָט איר פאַרדראָס...

זיי פריי, זיי שטאָלץ!

שריי אויס דיין וויי
פאַר יעדען איינעם
און מעג דיך קיינער ניט פארשטיין,
ניט פאַל אראָפּ,
דיין קול לאָז הערען, —
זיך שטעלען יענעם ווי א ביין!

זאָג וואָס דו פילסט,
זאָל יענער ווּיסען, —
ניט מיינען ער איז פריי פון אַלץ...
שיק ווערטער שפּיזען:
שטעכען, שניידען
און אין די אויגען שיט אים זאַלץ!

זיי פריי, זיי שטאָלץ
און קען זיך בויגען.
ווייל חכמה ליגט אין דעם אליין
צו לערנען זיך
און לערנען יענעם —
אזוי ארום ווערט לעבען שיין!...

ווייל איך

ווייל איך פריי זיין לאָזט מען ניט, —
עמיצער האַלט צו.
ווייל איך שטיל זיין לאָזט מען ניט, —
ס'איז ניטאָ קיין רו.

ווייל איך גרויס זיין לאָזט מען ניט, —
עמיצער מאַכט קליין.
ווייל איך קליין זיין לאָזט מען ניט,
שרייט מען: ס'איז ניט שיין!

ווייל איך ווילד זיין לאָזט מען ניט, —
עמיצער האַלט צו.
ווייל איך גוט זיין לאָזט מען ניט, —
ס'איז ניטאָ קיין רו.

ווייל איך קלוג זיין לאָזט מען ניט, —
עמיצער האַלט צו.
ווייל איך נאַר זיין, לאָזט מען ניט, —
ס'איז ניטאָ קיין רו...

וועגען...

וועגען ברייטע, וועגען גלייכע,
וועגען שמאָלע, וועגען קרומע.
איך וועל גיין!

טיפע גריבער, בלאָטעס, זומפּען,
שטיינער ליגען, וועמען פרעגען?
איך וועל גיין!

מידע גלידער, ס׳ברעכט די ביינער,
ברויט און וואסער? ס׳העלפט ניט קיינער.
בלייבען שטיין ?

פאַנטאַזיען אָבער ווייטע
און מיראַזשען צו פאַרשייטע...
ניין, אַ, ניין !

זינג, פויגעלע, זינג !

זינג, פויגעלע, זינג, —
ס׳איז דיין ליד אַזוי זיס,
ס׳איז דער קלאַנג אַזוי ווייך, —
גיט באַם הארצען אַ ריס.

און דער עכאָ פון קלאַנג
איז נאָך זיסער ווי זיס.
טראָגט אוועק זיך גאַנץ ווייט,
ברייננגט צוריק גלייך אַ גרים.

פונ׳ם שטילינקען וואַלד,
פון די בערג ערגעץ ווייט
טראָגט דיין קול זיך צוריק
אַמאָל שטיל, אמאָל שרייט...

און אָט ווערט אַ מיש-מאַש —
אַ געלויף פון אַ קלאַנג.
אמאָל טרייסט עס דאָס הארץ
און אמאָל טוט עס באַנג.

אָט דערציילט עס דיר גאָר
פונ׳ם לעבען אמאָל,
פון אנ׳אַנדערער צייט, —
אויך פון באַרג פון טאָל.

און אַט שושקעט עס דיר
אינ׳ם אויער אריין,
אַז דער מענש וואָלט געדארפט
שוין אַנ׳אַנדערער זיין:

ניט פאַרכאַפּען די לופט,
ניט פאַרשליסען די וועלט,
ניט פארגלויבט זיין אין מאַכט
און ניט ציילען קיין געלט...

ניט פאַרטרינקען אין בלוט
יעדען מענשענס געשריי,
נאָר דערפילען, פאַרשטיין
פון א צווייטען דעם וויי...

זינג־זשע, פויגעלע, זינג, —
ס׳איז דיין ליד מיר אַ טרייסט
וואָס ס׳וועט קומען, וועט זיין?
ווער קען זאָגען, ווער ווייסט!?

מיין שכן

ער האָט פון דר׳היים אַ בריוו געקראָגען, —
מיר האָבען דעמאָלטען געגעסען.
שטיל ער האָט דעם בריוו געעפענט
און אין אַלץ אַרום פאַרגעסען...

פיעסטשעט זיך פאר אים זיין ליבסטע,
זיינע קינדערלאך אים גריסען.
וואָס? ער וויינט דער שכן מיינער —
ס׳בלייבט מיר שטיין אין מויל דער ביסען...

און עס קייקלען זיך די טרערען
פון די אויגען זיינע הייסע
אינ׳ם בריוו די ווערטער וואקסען, —
זעען אוים אזוינע גרויסע...

יא, ער ביינקט אהיים אצינדערט,
צו זיין פרוי און צו די קינדער.
ס׳האָט אַ שמייכעל זיך באַוויזען:
ס׳ווערט אים שוין אביסעל לינדער.

ניין, די טרערען ווידער רינען, —
דאָס געזיכט איז פול מיט זאָרגען.
עפּעס מוטשעט אים, עס דריקט אים,
עפּעס ליגט אין הארץ פארבאָרגען...

און ער ליינט און שלינגט די ווערטער, —
ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין געפילען...
און עס שפּילט זיך אָפּ א דראמע
אין אַ מענשענ׳ס הארץ, א שטילען...

א בריוו

כ׳האָב אַ בריוו פון דר׳היים געקראָגען.
שרייבט מיין מאַמע מיט די ווערטער:
לאַנג פון דיר שוין ניט דערהאַלטען
עפּעס שרייבען — ביזט אַ שלעכטער!

האָסט אין מיר, ווייזט אוים, פאַרגעסען.
ס׳איז מיר אָבער שווער צו גלויבען...
ביזט אַ קלוגער און א גוטער.
איצט איז ניט קיין צייט דיך לויבען!

האסט דאך צוגעזאגט צו שרייבען
אָפטע, אָפטע בריוו דער מאַמען
וואָס מיט דיר עס זאָל ניט טרעפען, —
ווען שטו שרייבען ניט פאַרזאַמען!

מיר דעם אמת, אלעם זאָגען,
ווייל א מאַמע דארף דאָך וויסען...
און געדויערט, כ'קריג קיין בריוועל, —
ווערט דער מאַמעס הארץ צעריסען...

און געדויערט — וואָכען, יאָרען.
ווייט ביזטו דאָרט איבער ים'ען.
זונעניו, איך קען ניט גלויבען,
אז דו ווילסט מיין האַרץ פאר'סמ'ען?...

שרייב א בריוועלע — דעם אמת!
זאָלסט פון מיר קיין זאך באַהאַלטען!...
ס'חלום'ען זיך מיר חלומות
און איך זע אין שלאָף געשטאַלטען...

פילסטו גוט זיך ווייט דאָרט ערגעץ,
ווייסט פון גליק, פון רו און פריידען,
אָדער ס'איז דיין לעבען שווערלאך
און דיין שיקזאל איז גאָר ליידען?

שרייב מיר, שרייב מיר, זאָג דעם אמת.
וועסט דער מאמע'ס הארץ דערפרייען!
זאָרג ניט, קינד מיינס, צייטען קומען,
אָבער צייטען אויכעט גייען...

— — — — — — — — — — — — —

אַט אזוי מיר שרייבט מיין מאמע.
נאָר פון מיר זי וויל אַלץ וויסען,
אויב איך לעב אין גליק, אין פריידען, —
וועט זי אויך דערפון געניסען...

כ׳האַלט דעם בריוו אין האַנט און ליין אים,
קוויק זיך, קוויק זיך מיט די ווערטער.
מאַמעניו, דיין לייד באַהאַלטסטו, —
אוי, בין איך אַ שלעכטער, שלעכטער!

לעש אוים

טיפע אויגען — ווייך ווי סאַמעט,
דיינע ווערטער — ווי באַלזאַם.
לעש-זשע אוים דעם פייער דאָרטען,
נעם אַרוים פון האַרץ דעם סם!

עפּעס רעדען מענשען אַנדערש,
ניט ווי דו האָסט היינט גערעדט...
לאָז צורו דעם זייגער דאָרטען,
זאָג מיר ניט: עס איז שוין שפּעט!

זאָג מיר בעסער און דערצייל מיר
ווי דו פילסט אין שטילען דראַנג,
זעסטו ווי די בערג דאָרט שמועסען,
הערסטו אויך ווי איך אַ קלאַנג?...

זעסטו יענעם באַרג דעם הויכען
ווי ער טוליעט זיך און רעדט?
מיט אַ האַנט אַ ניט באַמערקטער —
קוק זיך איין — ווי ווייך ער גלעט!

אוּן ער קושט זיך מיט די ווינטלאַך,
שטילע טראָגען זיי זיך אום.
ס'איז א ווינטעל ערשט געקומען
אוּן געזאָגט מיר: גיכער קום!

קום, נאָר ניט אַליין, זאָלסט וויסען,
אז דאָס לעבען בראָט אוּן ברענט.
לעש-זשע אוים דעם פייער דאָרטען,
ס'האָט שוין אָנגעכאַפּט די ווענט!

פאַרנאַכט

דער הימעל — אין נעבעל,
די בוימער — פאַרטראַכט.
אוּן ס'קומט ווי אַ גנב,
ס'רוקט אָן זיך די נאַכט.

אָט ווייזען זיך שאָטענס
אוּן בלייבען ניט באלד.
אָן אומעט באַוועגט זיך
אוּן שטיל ער שרייט: גוואלד!

מ'זעט אים, מ'פילט אים
ניט נאָענט, ניט ווייט...
ס'איז שטיל אוּן ס'איז רואיג,
די שטילקייט דאָך שרייט...

ס'איז שטיל אוּן ס'איז רואיג —
אין נעבעל פאַרהילט,
דאָך הער איך ווי עמיצער
זידעלט אוּן שילט...

אַ בים

עך, זאָל זיין אזוי ווי ס'פירט זיך,
כ'וויל ניט וויסען פון קיין זאך.
אויב עס בעסערט זיך, ס'ווערט ערגער—
האָב איך דען דערפון א סך?...

פוסטע ליידען, פוסטע פריידען
פאר'ן איך און פאַר'ן זיין...
עך, געדאַנקען, איר פאַרפירער,
ניין, איך טראַכט ניט מער אַריין!

כ'האָב פאַרלוירען שוין דעם באָדען
און עס זינקען מיינע פיס...
ס'האָט די סעודה זיך געענדיגט.
וועל איך כאַפּען כאָטש א בים?...

שטימונג

אָט פיל איך שוואַך, אָט ווער איך שטאַרק,
ס'בייט זיך אלע מאָל מיין גאַנג.
אָט פיל איך גוט, אָט פיל איך שלעכט
און ס'כאַפּט ארום מיך אַזאַ באַנג...

אָט פיל איך פריי און שוין — אַ שקלאַף,
אַן אונטערטעניגער ביז גאָר...
אָט בין איך קליין, שוין ווידער גרויס
און פיל קיין שרעק ניט אויף אַ האָר...

אָט גלויב איך יאָ, אָט צווייפעל איך
און איבעריג דאָס לעבען ווערט.
אָט ליב איך אַלץ, אָט שיט איך זאַלץ
און גלויב — עס איז אַזוי באַשערט!...

אין סאַנאַטאָריום

אויף די בעטלאך ליגען קראנקע —
רוען אוים די מידע ביינער.
לאַכט מען אָפט, מ׳זאָגט א ווערטעל,
און אמאָל — א וואָרט ניט קיינער!

אויף די בעטלאך — טעג, חדשים.
בויען הערצער גאנצע וועלטען.
ס׳רוט דער קערפּער, די נשמה
רוט זיך אוים דאָרט זייער זעלטען...

די נשמות גארען, בלאָנדזשען,
טראָגען זיך אין הויכע ווייטען...
אויגען פינקלען, אויגען שמייכלען, —
האָפענונג אויף גוטע צייטען...

אויגען ברענען... באקען בליען:
היץ אביסעל צוגעקומען.
אויגען ערנסט. קאַלטע בליקען:
האָפענונג אוועקגעשוואומען...

און טערמאָמעטערס באמערקט מען
אין די מיילער האַלב־פאַרשטעקטע,
איינגענורעט אין די בעטלאך,
די געזיכטער צוגעדעקטע.

אויף די בעטלאַך — טעג, חדשים,
און אמאָל פארלויפען יאָרען.
בויט מען שלעסער אין דער לופטען,
זוכט מען גליק אין הימעל קלאָרען...

דריטע טייל

דערציילונגען

דער לערער

ס'איז געווען אין א פרייטאָג אינדערפרי. אלע קינדער — די תלמידים זיינען געזעסען אויף די בענק און זיך צוגעהערט צום לערער'ס ערקלערען א געוויסען געגענשטאַנד.

דער לערער, מ. נ. סקי, האָט ליב געהאט לערעריי מיט זיין גאַנצער נשמה און עס געהאלטען ניט נאָר פאר א פּראָפעסיע, נאָר ס'איז געווען זיין אידעאַל צו לערנען מיט קינדער און זיי אנטוויקלען לויט זיין פארשטאַנד און קענטעניש.

ער האָט געלערענט מיט די קינדער רוסיש. ער האָט אָבער גלענצענד געקענט אויך די העברעאישע שפּראַך און איז אין אל־געמיין געווען א מענש פון וויסען.

ער איז פון דער נאָמור געווען א גוטער מענש. אלס לערער איז ער אָבער געווען אָפּט צו שטרייגג און געפאָדערט צופיל פון די קליינוואַרג. און דערפאר האָבען די קינדער צייטענווייס גע־פילט צו אים א געוויסע לייכטע שנאה און אויך א פּאַרדרוס.

און ער אליין האָט אָפּט, צוליב זיין פּינקטלאַכען כאראַקטער, געליטען און באַצאָלט א פּרייז.

איינמאָל, ווען מ'האָט געהאַלטען אין מיטען לערנען יענעם פרייטאָג אין דער פרי, האָט א ברודערל פון איינעם פון זיינע תלמידים, געבראַכט אָנבייסען צו זיין ברודערל א זיסע אוגערקע מיט א פלעצעל, וועלכער איז נאָך געווען וואַרים: נאָר וואָס פונ'ם אויוון...

דער תלמיד האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט, ווייל ער איז, נעבאַך, אוועק אין שול א הונגעריגער.

ער האָט אָבער געוואוסט, אז מ'וועט אים ברייגגען א זיסע אוגערקע מיט א פלעצעל, ווייל זיין מוטער האָט עס אים צוגע־

זאָגט. און אָרימע קינדער זיינען שוין געוואוינט אוועקצוגיין אָן עסען און טרינקען אין חדר, אין תלמוד תורה, אין שולע.

דער געדאַנק אבער אז מ׳וועט אים באַלד ברייננגען א פּלע־צעל און אן אוגערקע דערצו האָט אים געגעבן מוט און קורזאַש צו לערנען יענעם פרימאָרגען פלייסיג און מיט קאָפּ.

און ווען דער לערער איז אויף א פּאָר מינוט ארויסגעגאַנגען פונ׳ם קלאַס־צימער, איז זיין ברודערל אריין און אים איבערגעגע־בען די מתנה — דעם פעטען אָנבייסען, מ׳שטיינס געזאָגט...

גדליה (לאָמיר אַזוי רופען דעם תלמיד) האָט זיך צוגעכאַפּט צום פּלעצעל מיט דער אוגערקע ווי א הונגעריגער וואָלף און מיט א געוואַלדיגען אפּעטיט אויף גיך, גיך געשלונגען דעם אָנבייסען, איידער דער לערער קומט אריין.

עטלאַכע חברים זיינע, אויך היבשע אָרימע קינדער, האָבען אים אָנגעבעטען ער זאָל זיי געבען צו שטיקלאַך, ווייל זיי האָבען נאָך גאָרניט געהאַט אין מויל און די שוואַכינקע הערצעלאַך כליאַנען זיי...

און גדליה האָט זיך גראָדע ניט געלאָזט לאַנג בעטען און יעדען געגעבען „א כזית" — א שטיקעלע.

האַלטענדיג אין איינטיילען צו זיינע הונגעריגע חברים צו שטיקלאַך (ניט איינמאָל האָבען זיי אים געגעבען עפּעס צו פאַר־זוכען...) איז אָנגעקומען דער לערער.

זיין שטימונג איז יענעם פרימאָרגען געווען, וויזט אויס, ניט איבעריג קיין גוטע און ער איז מיט כעס צו צו גדליה׳ן, אַרים געטאָן די אוגערקע, זי אַריבערגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער אין א קאַליוזשע און זיך שוין געוואָלט נעמען צום פּלעצעל אויך. האָט אָבער גדליה דעם פּלעצעל באַהאַלטען הינטער׳ן טיש און אָנגע־הויבען וואָיען ווי א וואָלף...

דער האַרצרייסענדער געשריי פון גדליה׳ן האָט דעם לערער גלייך געבראַכט צו זיך און ער איז געוואָרען ווייס ווי די וואַנט פאַר שרעק און ווייטאָג...

אַ צווייטער לערער האָט דערהערט דעם ווילדען געשריי און איז אַ דערשראָקענער אַריינגעלאָפען.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

קיינער האָט אים אָבער ניט געענטפערט. דער פאַרשולדיג־טער לערער האָט געקוקט דעם צווייטען לערער אין פּנים אַריין און געשוויגען...

און גדליה האָט געיאָמערט, געוויינט, איינגעלייגט וועלטען: מ'האָט בא אים אַרויסגעריסען דעם ביסען פון'ם מויל. און ווער? דער לערער, וועלכער דאַרף לערנען זיינע תּלמידים יושר און גוטסקייט, פריינדלאַכקייט און מענשלאַכקייט!...

קוים מיט צרות איז געלונגען דעם צווייטען לערער אַרויס־קריגען פון אַ מער דרייסטען אינגעל וואָס ס'האָט פּאַסירט.

— אַזוי, אַזוי? — האָט דער לערער אָנגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגען אויפ'ן פאַרשולדיגטען לערער — איר האָט געהאַט אַזויפיל רשעת אין זיך אַרויסצורייסען דעם אָרימען אָנבייסען פון אַן אָרים קינד, וואָס זעט אויס הויט און ביין, הונגערט און לערענט אַזוי גוט און פלייסיג? איר אַלס לערער און וועגוויזער? איר וואָלט געדאַרפט אַליין אים עפּעס געבען צו עסען, ווייל ער איז דאָך אָרים און קראַנק, צום סוף נעמט איר צו זיין אָנבייסען און וואַרפט אים מערדערלאַך אַריין אין „קאַליוזשע", ווייל אייער משוגע'נער קאַפּריז איז אייך אָנגעקומען!?

— גדליה! קום אַהער — האָט דער צווייטער לערער אים צוגערופען, געגעבען צוויי קאָפּעקעס און געהייסען גיין קויפען אַן אַנדער אוגערקע.

גדליה איז אָבער אַלץ געזעסען און ביטער געוויינט: זיין לערער האָט אים אַזוי באַליידיגט אַז זיין קינדעריש הערצל האָט זיך ניט געקענט באַרואיגען...

און דער פאַרשולדיגטער לערער איז געשטאַנען אַ בלאַסער, מיט ציטערענדע ליפּען און געקוקט אויפ'ן שוואַכען, קליינעם גדליה'ן וועמען ער האָט אַזוי שווער באַליידיגט...

דער צווייטער לערער איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ שטילקייט האָט אָנגעהאַלטען אַ פּאָר מינוט נאָך דעם. א

שטילקייט וואָס רעדט מיט אַ באַזונדער אימפּעט און דערציילט אַזויפיל, אַזויפיל...

געלערנט האָט מען ניט: אַלע קינדער זיינען געזעסן אַזוינע ערנסטע און געקוקט דאָ אויף זייער לערער, דאָ אויף גדליה׳ן, וועלכער איז געזעסן אַן אָפּגעריסענער און באַוויינט דאָס שווערע מזל פון אָרימע קינדער און אויך, מסתמא, פון אָרימע לערער, וועלכע זיינען אָנגעשטריינגט און האַנדלען אָפּט ניט אין איינקלאַנג מיט זייערע געפילען און אַנשויאונגען...

צולעצט איז דער לערער צוגעגאַנגען צו גדליה׳ן, אים אָנגענומען בּאַ דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

„הער מיך אויס, גדליה, ס׳איז אמת, איך בין באַגאַנגען אַן עולה געגען דיר און איך בעט באַ דיר אַנטשולדיגונג. זיי ניט בייז אויף מיר, טייערער, איך האָב ניט געמיינט אַזוי צו האַנדלען, אָבער אַ שלעכטע שטימונג האָט מיך געטריבען דערצו און אייגענע צרות האָבען פאַראורזאַכט איך זאָל אַזאַ שרעקלאַכע זאַך טאָן. פאַרגיב מיר איך בעט דיך, נעם פינף קאָפּיקעס באַ מיר און גיי קייף עפּעס פאַר זיי, וועל איך דיך ליב האָבען דערפאַר וואָס דו האָסט דיין לערער פאַרגעבען און אים געפאָלגט!

און צו די אַנדערע קינדער פון קלאַס האָט ער זיך געווענדעט און אַזוי געזאָגט:

„הערט, קינדער, דער גרעסטער מענש קען אין לעבען באַגיין אַ פעלער, טאָן אַ גרויס נאַרישקייט, אָבער ער דאַרף קענען דעם פעלער גוט מאַכען און מער דאָס נאַרישקייט ניט טאָן. ער דאַרף אַלעס קענען גוט מאַכען. נעמט זיך אַראָפּ אַ ביישפּיל פון מיר אייער לערער. איך בעט פאַרגעבונג ביי גדליה׳ן און באַ אייך אויך. געדיינקט דעם דאָזיגען פאַל און איר זאָלט וויסען אַז מ׳מעג אפילו בעטען פאַרגעבונג באַ אַ קינד, אויב דאָס קינד איז גערעכט!...

אַלע תלמידים זיינען געזעסן און זיך צוגעהערט צום לערער, אין זייערע אויגעלאַך האָבען זיך געמערקט טרערען. אויך פון׳ם לערער׳ס אויגען האָבען זיך אַרויסגעקייקעלט טרערען. ער האָט זיי אויף שנעל אָפּגעווישט די קינדער זאָלען עס ניט באַמערקען...

ביינקשאַפט

ישראל׳יק איז געווען אַ קינד פון אָרימע עלטערען און, חוץ אים, האָבען זיי געהאַט נאָך אַכט קינדער, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט געבען עסען, טרינקען און צאָלען שכר לימוד פאַר זיי. אבער מ׳האָט זיי ניט געגעבען גענוג עסען און טרינקען און ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלען די מלמדים.

און דאָך זיינען די קינדער אויסגעוואַקסען פיינע און געקענט לערנען.

ווי באַלד דער ערשטער האָט געלערענט, האָבען די אַנדערע אויך געמוזט לערנען און ניט אָפּשטיין.

ווען ישראל׳יק איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָר האָט ער שוין געלערענט מיט קינדער און פאַרדינט צו קענען באַצאָלען אַ גרעסע־רען לערער, וועלכער האָט מיט אים געלערענט.

עסען און טרינקען איז געווען אַזאַ זאַך, וואָס האָט ניט פיל אינטערעסירט די קינדער, כאָטש פאַרלאַנגען האָבען זיי געהאַט גענוג: ווי אַלע קינדער...

האָט ער געלערענט מיט קינדער און אַליין געלערענט געשמאַק.

ווען ס׳איז אים געוואָרען פערצען יאָר, איז ער אוועקגעפאָרען אויף אַ קאָנדיציע (אַ קנעלונג) אין אַ דאָרף צו אַ ישוב׳ניק.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אַז ער איז אוועקגעפאָרען פון זיין היים...

קאַלעמוטנע איז אים געוואָרען אויפ׳ן הארצען, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם שטוב און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן וואַגעלע לעבען זיין בעל הבית. אַלע שטוב־מענשען זיינען אים געוואָרען מיט אַמאָל אַזוי ליב און טייער און ס׳האָט אים אַזוי באַנג געטאָן, וואָס ער האָט ניט געפּאָלגט זיין מאַמען, אָדער פאַרשאַפט עגמת־נפש זיין טאַטען און זיך אַמאָל צושלאָגען מיט זיינע קלענערע ברידערלאַך...

און ווען דער בעל הבית האָט אַ טרייב געטאָן דאָס פערדעל און ס׳האָט זיך אַ ריר געטאָן פונ׳ם אָרט, האָט זיך, ווי עפּעס

אָפּגעריסען בײַ ישראל'יקען אין האַרצען: ער פֿאַרט שוין טאַקע אַוועק פֿון זײַן היים און וועט זײַן צווישען פֿרעמדע מענשען...

און דאָס פֿערדל לויפֿט, לויפֿט צו זיך אַהיים און מ'זעט אַז ס'איז צופֿרידען גיכער אָנקומען און זיך אַוועקשטעלען אין הײמי־שען שטאַל און קײַען דאָס געשמאַקע הײ, וואָס דער בעל הבית וועט געבען...

און האָט דאָס פֿערדל אַ נאָס געטאָן, האָט דער בעל הבית ניט פֿאַרזאַמט צו זאָגען אויף גוי'איש: „נאַ זדאַראָוויע"! (צום געזונט) מיט אַזאַ איבערגעגעבענהייט...

ישראל'יק איז געזעסען לעבען בעל הבית און גאָרניט גערעדט. ער האָט נאָר באַטראַכט די פֿאַרבײַלױפֿענדע פֿעלדער מיט די גוי'אישע אײַנזאַמע כאַטקעס; די הינט, וועלכע זײַנען אַלע מאָל אַרויסגעלאָפֿען פֿון אַ הויפֿעל און זיך געוואָרפֿען מיט אַ בילערײַ אויפֿ'ן פֿערדעל; דעם קלויסטער מיט די הויכע קופּאָלען, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין זונען־שטראַלען; דעם קלאָר־לויטערען הימעל, וואָס איז געלעגען אין אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג און דער־צײלט פֿון טיפֿעס, ווײַטעס און באַס האַרץ־נאָגענדעס...

שווער איז געווען ישראל'יקען אויפֿ'ן האַרצען און אַ נאָגענ־דע „בײַנקשאַפֿט" האָט אָנגעהויבען פֿרעסען זײַן נשמה, זײַן האַרץ, זײַן לײַב, זײַן יעדען אבר...

מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזען אַ דאָרף מיט קלײנינקע הײַזלאַך און ס'האָט ניט גענומען לאַנג און דאָס פֿערדל איז אַלײן צוגע־פֿאָרען צו אַ שײן הויז מיט אַ ברונעם פֿון פֿאָרענט.

— דאָס איז דאָס! — האָט דער בעל הבית קאַלטלאַך אַ זאָג געטאָן — און אַרונטערגעקראָכען פֿונ'ם וועגעלע.

ישראל'יק האָט זיך פֿויל אויפֿגעהויבען פֿונ'ם פּלאַץ און פּאַמעלאַכען אַרונטערגעקראָכען.

גלײַך זײַנען אַרויס עטלאַכע אײנגלאַך און מײדלאַך און גענו־מען קוקען מיט אַזאַ „באַזונדערען" בליק אויף ישראל'יקען: זײ האָבען שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז זײער לערער...

— איר זעט, קינדער, דאָס איז אײַער לערער, גיט אים אָפּ שלום!

און יעדערער באַזונדער איז צוגעגאַנגען און דערלאַנגט דעם פּערצען־יאָריגען לערער די האַנט.

איינער פון די אינגלאַך האָט אַרונטערגענומען דעם לערער'ס „קעסטעל", אין וועלכען ס'זיינען געלעגען די העמדער, ביכלאַך, תפלין און אַ שבת'דיגער גאַרניטור און, מיט נצחון, עס אַריינגע־טראָגען אין הויז.

ישראל'יק איז מיט לאַנגזאַמע טריט נאָכגעגאַנגען זיינע תלמידים'לאַך און געפילט זייער שלעכט.

אינוועניג האָט אים באַגעגענט די בעל הבית'טע מיט אַ גוט־מוטיגען שמייכעל און אים געבעטען זיך זעצען.

ער האָט רואיג געפאָלגט.

דער בעל הבית האָט דערווייל אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אים געגעבען עסען און אַריינגעקומען מיט אַ לוסטיגען שמייכעל אויפ'ן פּנים זאָגענדיג צו זיין פרוי: "שפרה, איך האָב היינטיגס מאָל געבראַכט אַ לערער אַ ציאַצקע: ער קען לערנען, אָבער לערנען"!...

און זיך טאַקע גלייך געווענדעט צו ישראל'יקען: „נו, מיר וועלען גיין עפּעס עסען און נאָכ'ן עסען וועט מען פאַרהערען די קינדער!"

מ'האָט געגרייט צום טיש, דעם לערער אָוועקגעזעצט לעבען דעם בעל הבית און מ'האָט אָנגעהויבען דערלאַנגען די געריכטען.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ישראל'יק געגעסען אַזעלכע געשמאַקע מאכלים און אַזוי פיל: אין דער היים גיט אים די מאַמע אַ קליין שטיקעלע פליייש און דאָ גיט מען אים מער ווי דעם בעל הבית: ער איז דאָך דער לערער און וועט פון די קינדער מאַכען אַ לייט, האָט זיך די בעל הבית'טע געטראַכט...

— עסט, ישראל'יק! עסט לערער! — האָט ער געהערט פון אַלע זייטען, אָבער ער האָט קוים, קוים געגעסען: אים האָט גע־צויגען אַ היים צו זיין אָרימען טיש, אָבער צווישען זייניגע נאָענטע און טייערע!...

מ'האָט אָפּגעגעסען און ס'האָט זיך אָנגעהויבען דער „פּראָ־צעס" פון פאַרהערען.

דאָ איז ישראל'יק געוואָרען אַ ביסעל לעבעדיגער, ווייל ס'האָט אים געמאַכט זיך פאַרגעסען אין זיין היים: אַ לערער!...

ער האָט אַלעמען פאַרהערט, אויסגעשטעלט די לימודים און געבעטען דעם בעל הבית ברייגנען געוויסע ביכער, ווייל ער האָט געפונען פאַר נויטיג זיי האָבען און אַלעס איז אַוועק מיט אַ גאַנג און מיט אַ סדר.

דער בעל הבית האָט געקוואָלען: דער לערער קען און באַווייזט שוין וואונדער: זיין יאָסעלע האָט זיך פאַר עטלאַכע וואָכען אויסגעלערענט גוט דאַווענען... און ווי פיין זיי קענען שוין חומש, שרייבען אַזוי גוט אידיש און ווי צוקערדיג ער איז מיט זיי מעביר די סדרה מיט'ן טראָפ!...

און די בעל הבית'טע קאָכט און באַקט: וויל צופרידענשטעלען דעם לערער אויף איר שטייגער!... אויך די קינדער קוועלען פון'ם לערער, ווייל אי ער לערענט גוט און איז שטרייגג און אי ער איז גוט און גיט זיי פרייהייטען: לאָזט זיי שפּילען אין פאַרשידענע שפּילען און שטייט בא דער זייט און האָט הנאה..

זיי געפעלט אויך דאָס „גלעקעלע”, וואָס דער לערער האָט געהייסען קויפען און איינער קלינגט מיט דעם, ווען מ'דאַרף גיין לערנען...

אַלעם געפעלט זיי „די קליינוואַרג”, ווייל דער לערער איז געווען ניט ווי אַנדערע מיט בייזע פּנים'ער און אַלטמאָדישע מעטאָדען...

שבת בייטאָג האָט דער לערער געלייענט אַ מעשה'לע פון אַ ביכעל, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך און די בעל הבית'טע מיט נאָך עטלאַכע פרויען האָבען געקוואָלען און אויך פאַרלוירען אַ „טרער”, ווען די געשיכטע איז געווען שטאַרק רירענד... מיט איינעם וואָרט, אַלעם איז געגאַנגען גוט און וואויל, אַלע זיינען געווען צופרידען, נאָר דער לערער אַליין איז עפּעס ניט געווען אויפגעלייגט: אַ בייגקשאַפט האָט וואָס ווייטער געגומען נאָגען שטאַרקער און שטאַרקער און אים ניט געלאָזט רוען...

אַרום איז די נאַטור: וואַלד, פעלד, הימעל און גראָז, אָבער

דאָס פאַרשאַרפט נאָך דעם ווי און ישראל׳יק קען זיך קיין אָרט ניט געפינען!....

ביז ס׳האָט אָנגענומען אַ זייער שאַרפען כאַראַקטער: דער לערער האָט אויפגעהערט עסען און געוואָרען מעלאַנכאָליש.

אַלע האָבען עס באַמערקט און זיך געוואונדערט, ווייל די לופט, דאָס עסען און דעם כבוד, וואָס ער האָט געקראָגען האָבען געדאַרפט ווירקען צו גוטען?...

ער האָט אָבער געביינקט און ס׳האָט אים געצויגען אהיים צו זיינע נאָענטע צום אָרימען טיש, וואו מ׳עסט דאָס קליינינקע שטיקעל פלייש אַזוי געשמאַק, ווען די מאַמע דערלאַנגט עס...

און אין אַ שיינעם טאָג האָט ישראל׳יק ערקלערט זיינע בעלי בתים, אַז ער מוז אַוועקפאָרען אהיים, ווייל ער פילט קראַנק און ער וועט שוין מער ניט קומען.

זיי האָבען זיך געבעטען בּאַ אים ער זאָל עס ניט טאָן, ווייל די קינדער וועלען בלייבען אָן אַ לערער, און זיי זיינען שוין אַזוי צוגעבונדען צו אים, אבער ער, אַלס קינד, האָט אויך ניט געקענט זיין אָן אייגענע און איז אַוועקגעפאָרען...

ווען ער איז געקומען אהיים האָט אים, כמעט קיינער ניט דערקענט: אַזוי האָט ער זיך געענדערט, אָבער ווי גליקלאַך ער איז געווען, ווען ער איז אַריין צו זיך אין אָרימען הויז, ווי געשמאַק ער האָט געגעסען דעם מיטאָג צווישען זיינע ברידערלאַך אין טאַטע־מאַמע...

אַלע ווייטאָגען זיינען מיט אַמאָל פאַרשוואונדען און ער איז פאַר דריי טעג געוואָרען צוריק דער זעלבער ווי פריער...

און די טעג זיינען זיך ווייטער געלאָפען, די צייט איז אַוועק און ישראל׳יק האָט, ווי אַלע מאָל צוגעהונגערט און געליטען דחקות און נויט, אבער יענע נאָגענדע „ביינקשאַפט", וואָס פרעסט ווי אַ וואָרעם, איז פאַרשוואונדען, אַוועק פון אים.

און האָט ער זיך אַמאָל דערמאָנט, ווען ער איז געווען שטאַרק הונגעריג, אין יענע גוטע עסענס, מיט׳ן כבוד וואָס ער האָט גע־קראָגען און אַ סימן פון חרטה האָט אים באַהערשט, איז אָבער באַלד ארויף דער געדאַנק פון יענער „ביינקשאַפט" און אַלע

צווייפלען פארטריבען ווייט, ווייט און ער איז צוריק געווארען אויפגעלייגט און פריילאך...

און טאמער איז ער אמאל ארומגעגאנגען איבער׳ן פעלד, אדער אונטער׳ן דארף געשפאצירט מיט א חבר און דערזען די שטילע פעלדער, איינזאמע באטקעס, די קופאלען פון א קלויסטער, וועלכע האבען ארונטערגעקוקט מיט אזא פרומען אויסזען, איז אים באפאלען יענע „ביינקשאפט" און אויפ׳ן הארצען איז אים געווארען אזוי שווער, אזוי דריקענד און ער איז אויף שנעל אוועק אהיים, פארטרייבען, פארגעסען די גרויזאמע ביינקשאפט, וועלכע האט אים שוין געהאלטען פעסט אין אירע הענט...

צוקער

איציק האט שרעקלאך ליב געהאט צוקער. עסען צוקער איז בא אים געווען דער גרעסטער תענוג.

אזוי ווי ער איז געווען א קינד פון ארימע עלטערען, האט ער קיינמאל ניט געטרונקען קיין טיי און ניט געגעסען קיין צוקער, ווי קינדער פון פארמעגלאכע עלטערען.

טיי האט איציק נאר געקראגען דעמאלט, ווען ער איז געווען קראנק און ניט געגאנגען אין חדר אריין. זיין פאטער האט אים אנגעגאסען א האלבע גלאז טיי, געגעבען א גראב שטיקעל צוקער און איציק האט געפילט, אז ער איז א שטיקעל מענש אויף דער וועלט, ווייל ער זיצט לעבען זיין פאטער און טרינקט טיי...

די קינדער, וואס זיינען געווען געזונט, האבען איציק׳ן מקנא געווען און זיך געווינשעוועט ווערען קראנק כדי זיי זאלען אויך טרינקען טיי און צובייסען מיט צוקער...

מ׳האט אבער שטענדיג ניט געקענט זיין קראנק, אויב מ׳האט אפילו געוואלט און איציק האט געזוכט געלעגענהייטען ווי אזוי ארום צו קריגען צוקער געזונטערהייד.

וואו די פושקע צוקער איז געשטאנען האט ער גוט געוואוסט און אויף קיין שלאס איז עס אויך ניט געווען, אבער נעמען אליין האט ער ניט געוואגט און טאקע געליטען, ווייל אלס ארימער אינגעל האט ער קיין שום פארגעניגען ניט געהאט בא זיינע על־טערען, חוץ דאס ביסעל בידנע עסען!...

דער פארלאנג איז דאך אבער גרויס און דער צוקער איז זיס... האט ער געזוכט מיטלען ווי אזוי ארום צו קריגען דאס, וואס ער האט אזוי שטארק געוואלט.

איינמאל, ווען קיינער איז אין הויז ניט געווען, איז איציק צוגעגאנגען צו דער שאפע, וואו דער צוקער איז געלעגען אין פושקע און ארויסגענומען „א קליין" שטיקעלע צוקער. דאס הארץ האט געקלאפט ווי בא א גנב און ער האט געפילט, אז ער באגייט א פארברעכען. דאך האט ער דאס געשמאק אויסגעסמאקעט און גע־ווען העכסט צופרידען...

אין א צייט ארום האט ער ווידער ארויסגענומען פון פושקע א שטיקעל צוקער און א גרעסערס שוין, און ווידער געווען צו־פרידען: ס'איז דאך זיס. ביז ער האט אנגעהויבען ווערען אן אפטער גאסט בא דער פושקע און גענומען גרויסע שטיקער און א סך...

לכתחילה האט קיינער ניט באמערקט, ווייל ער האט גענומען קליי־נע שטיקעלאך, ווען ער האט אבער אנגעהויבען נעמען גרויסע שטי־קער און א סך, איז עס געווארען פארדעכטיג...

באמערקט האט עס דער פאטער, אבער ער האט קיינעם דערפון ניט געזאגט, ווייל ער האט געוואלט כאפען דעם גנב בא דער האנט.

איינמאל, ווען ער איז אוועקגעגאנגען פונ'ם הויז, האט ער געזען, אז חוץ איציק'ען איז קיינער ניטא. ער האט געוואוסט, אז די פושקע איז פול מיט צוקער און געהאט א חשד, אז איציק מוז עס זיין דעריעניגער וואס עסט דעם צוקער.

איציק האט געמיינט, אז קיינער באמערקט עס ניט און האט דאס מאל ווידער גענומען עטלאכע גראבע שטיקלאך צוקער און זיי געמיטלאך געסמאקעט...

דער פּאָטער איז געשטאַנען אין גאַס אביסעל און זיך גע־לאָזט צוריק אין הויז אריין, זען, וואָס איציק טוט.

שטיל איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און מיט אמאָל זי גע־עפענט.

איציק איז געבליבען טויט־דערשראָקען, ווייל דער פּאָטער האָט אים געכאַפּט באַ דער גנבה: ער האָט געהאַלטען אַ שטיק צוקער אין מויל און זיך געמוטשעט עם אויפעסען...

— וואָס טוסטו, איציק, עסט צוקער גאָר? — האָט אים דער פּאָטער געפרעגט מיט איראָניע.

איציק ענטפערט ניט, נאָר האַלט דעם צוקער אין מויל און קוקט תמ׳עוואטע אויפ׳ן פּאָטער...

— וואָס שווייגסטו, איציק, וואו האָסטו גענומען דעם צוקער, האָסט גע׳גנב׳עט הא?... — האָט דער פּאָטער אים אריינגעקוקט אין די אויגען אריין.

איציק שווייגט און וואַרגט זיך ממש מיט׳ן שטיקעל צוקער, וואָס איז שוין גאָרניט זים געווען אין יענעם מאָמענט: ער האָט געוואוסט, אז ער וועט קריגען „שכר" פאר׳ן שטיקעל אר־בייט...

— אזוי? דו ביזט אַ גנב, ביזטו! — האָט דער פּאָטער געשניטען זיין לייב מיט זיין קאַלטער האַלטונג. איציק וואָלט געווען צופרידען כאַפּען אויפ׳ן אָרט עטלאַכע פּעטש און פּאַרטיג, אָבער דער פּאָטער האָט געוואָלט, אז די שטראָף זאָל זיין שווערער, כדי איציק זאָל מער ניט טאָן אזא זאַך און ער האָט לאַנגזאַם אריינגעטאָן זיין האַנט צו איציק׳ען אין קעשענע און ארויסגענומען פיל מער צוקער ווי ער האָט ערוואַרטעט, ווייל דער פּאָטער האָט געדיינקט, אז חוץ איציק׳ען גנב׳עט נאָך עמיצער צוקער.

איציק האָט געפילט, אז זיין נשמה אנטגייט: די גאַנצע וועלט האָט אין יענעם מאָמענט אויסגעזען ווי אַ גרוב, כאָטש פון דער נאַטור איז ער געווען אַן אָפּטימיסט, ווייל ער האָט ממש גאָרניט געהאַט נאָך אין זיין לעבען!...

ווען די גאַנצע פאַמיליע איז זיך צוזאַמענגעקומען, האָט דער פּאָטער אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש דעם צוקער, וואָס איציק האָט

גע׳גנב׳עט און דערציילט פאַר אַלעמען די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט אים געכאַפּט...

איציק האָט יאָמערלאַך געוויינט און זיך געשעמט אויפהויבען די אויגען, ווייל די מאַמע, שוועסטער און ברידער האָבען אויף אים געקוקט, און איין ברודער, אַ ווילדער בחור׳ל, וואָס איז געווען צופרידען מיט איציק׳ס דורכפאַל, האָט געקוואָלען און זיך גע־פּרוואווט רייצען מיט איציק׳ען אויף זיין בראָך, אָבער דער פאָ־טער (ניט קיין נארישער מענש) האָט אָנגעשריען אויף אים און ערקלערט, אז מ׳טאָר פון יענעם ניט לאַכען, ווען ער איז אין אַ צרה...

איציק האָט געפילט, ווי צופאַלען צום פאָטער׳ס פיס און זיי באַדעקען מיט קושען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, וואָס זיין ברודער קאָן אים טאָן, ווען זיין פאָטער שרייט ניט אָן אויף אים...

— ערקלערסטו זיך שולדיג, איציק, אין דיין טאַט צו זיין אַ גנב, צי ניין? — האָט דער פאָטער שטריינג געזאָגט.

איציק וויינט...

— ענטפער מיר, איציק, איך וויל עס וויסען! — האָט דער פאָטער געפאָדערט.

איציק וויינט נאָך שטאַרקער.

— נו, איציק, נו! — רעדט שוין דער פאָטער ווייכער...

— איך בין שולדיג, טאַטע! איך בין שולדיג! — האָט איציק, מיט אַ צובראָכענער שטימע געענטפערט — און בעט מיר דאָס מאָל פאַרגעבען!...

— וואָס זאָגסטו, חוה, זאָל איך אים מוחל זיין? — האָט דער פאָטער זיך געווענדעט צו זיין פרוי.

— היינטיגס מאָל שיינק אים, אָבער ער זאָל געדיינקען אויף אַ צווייטען מאָל אַזוינס ניט טאָן!

— גיי זיך שפּילען, איציק, און געדיינק וואָס איך זאָג דיר אָן, אויב דו ווילסט עפּעס זאָלסטו מיר זאָגען און וועסט עס קריגען!

איציק האָט זיך, אַ פאַרשעמטער, ארויסגערוקט אין גאַס,

אָבער שפּילען זיך האָט ער ניט געקענט, ווייל אים האָט גע־מוטשעט איין פראגע, וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט פאר־ענטפערען:

ווען זיין פאָטער וואָלט אים געגעבען אַלעס און, א שטיי־נער, ווען ער טרינקט טיי, ווי ס'טרינקען אַנדערע קינדער און קריגען צוקער אין דער טיי — זיסע, וואָלט ער דאָך ניט גע־גנב'עט, ווייל ער קריגט עס דאָך?...

און אויב ער וועט עפּעס וועלען וועט ער עס קריגען, ער זאָל עס נאָר בעטען באַם פאָטער?...

און די פראגע איז געבליבען א ניט פארענטפערטע, ווייל אויך שפּעטער האָט איציק ניט געקראָגען, וואָס ער האָט גע־וואָלט...

און געוואָלט האָט ער דאָס, וואָס ס'קומט יעדען קינד, אויב די עלטערען זיינען ניט אָרים...

כאַראַקטער

משה'ן האָט יעדער איינער געהאַלטען פאַר א אינגעל מיט א גוטען כאראקטער.

ער האָט אָפּט געהאַנדעלט אזוי, אז עס האָט זיך געדאַכט, אז נאָר א מענש מיט א גוט הארץ קאָן אזוי האַנדלען.

אין אמת'ען האָט ער קיין גוטען כאַראַקטער ניט געהאַט, אָבער ער האָט קונציג געקענט אזוי לאַווירעווען, אז מענשען זאָלען אזוי דיינקען.

יאָסלען — זיין ברודער — האָט מען געהאַלטען פאַר א אינ־געל מיט ניט זייער קיין גוטען כאַראַקטער.

די צייט איז אָבער דער בעסטער פּאָרשער און אַנדרייטער וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט.

אין א שיינעם טאָג האָט זיך געטראָפען, ווען יאָסעל איז גע־זעסען אויף א בענקעל און זיך געגעבען א שטאַרקען שאר, איז

אַ שטיק האַלץ אים אַריין אין פּוס. אַ חוץ משה׳ן איז קיינער אין שטוב ניט געווען.

יאָסעל האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעשפּרונגען פונ׳ם אָרט, און, ווי אַ משוגענער זיך געלאָזט לויפען איבער׳ן שטוב.

לכתחילה האָט זיך משה דערשראָקען: ער האָט געדיינקט, אַז יאָסעל איז משוגע געוואָרען, אָבער, ווען יאָסעל האָט אים ער־קלערט די אורזאַכע פון זיין פּלוצלונגען אויפשפּרינגען, האָט זיך משה צעלאַכט און עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

מיט טרערען אין די אויגען האָט יאָסעל זיך געבעטען, אַז משה זאָל אים אַרויסנעמען דעם האָלץ פונ׳ם פּוס, ווייל ער אַליין האָט עס ניט געקאָנט טאָן: דער האָלץ איז געווען אין אַזאַ פּלאַץ דאָס יאָסעל האָט זיך ניט געקאָנט אויסדרייען און אים אַרויסנעמען, אָבער משה האָט עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און איז אַוועק־געגאַנגען.

יאָסלען האָט עס אַזוי פאַרקוועטשט פאַר׳ן האַרצען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זיך ביטער צעוויינט...

דערווייל איז אָנגעקומען אַ קלענערער ברודערל יאָסעל׳ס און ער האָט אים, נאָך פיל מאַטערנישען, אַרויסגענומען דעם האָלץ.

ווען יאָסעל איז שוין געווען באַרואיגט און דער ווייטאָג איז פאַריבער, האָט ער מיט גרויס התלהבות אויפגעהויבען די אויגען צו גאָט און געבעטען, אַז פאַר אַזאַ גראָבער, אוממענשלאַכער האַנד־לונג וואָס משה איז באַגאַנגען, זאָל ער אויך באַשטראָפט ווערען פונקט מיט׳ן זעלבען פאַל: זיך אַריינשטעקען אַ האָלץ אין פּוס!...

ס׳אַוועק אַ צייט. אַלע האָבען דערפון פאַרגעסען. יאָסעל האָט אַ שטיקעל צייט געטראָגען פאַרדראָס אויף משה׳ן פאַר זיין טאַט, אָבער קינדער און דערצו נאָך ברידער מ׳שפּילט זיך אינ־איינעם, מ׳שלאָפט אינאיינעם, און ער האָט עס, ווי עס איז, פאַר־געסען.

איין זאַך האָט אָבער יאָסעל יאָ געפילט און זיך איבערצייגט, אַז משה איז ניט קיין גוטער.

אַלע אַרומיגע האָבען אָבער נאָך אַלץ געדיינקט, אַז משה איז אַ צדיק אין פּעלץ...

איין מאָל, ווען אַלע קינדער, דער פּאָטער און מוטער זיינען גע־זעסען אַרום טיש און געגעסען מיטאָג מ׳האָט זיך געווערטעלט, גע־לאַכט, דערציילט פאַרשידענע געשיכטעלאַך, האָט משה, פּלוצים, זיך געגעבען אַהויב פונ׳ם ביינקעל, האָט אַ קוויטש געטאָן און אָנ־געהויבען, ווי אַ וואַנזיניגער, לויפען איבער׳ן שטוב.

אַלע האָבען זיך דערשראָקען און זיינען צוגעלאָפען צו משה׳ן אים איבערפרעגען וואָס מיט אים איז.

באַזונדערס האָט די מוטער זיך דערשראָקען און פאַרבראָכען די הענט, זעענדיג די יסורים וואָס משה לעבט דורך.

יאָסעל האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען די גאַנצע געשיכטע און ער איז צו צו משה׳ן, האַלטענדיג אַ נאָדעל אין האַנט גרייט צו דער אַרבייט.

— וואָס איז דאָס? — האָבען אַלע אַ פרעג געטאָן פאַר־וואונדערט.

— ער האָט זיך געווים אַריינגערוקט אַ האָלץ אין פוס! — האָט יאָסעל ערענסט געענטפערט.

משה האָט אויף אים אַ קוק געגעבען און פאַרביסען מיט די ליפען...

נאָך פיל מי איז יאָסלען געלונגען אַרויסצונעמען אַ גרויסע שטיק האָלץ וועלכע איז געווען פאַררוקט טיף אין אויבערשטען טייל פון פוס.

אַלע האָבען געוואַרט מיט׳ן עסען.

ווען ביידע ברידער זיינען אַרויסגעקומען פון אַ צווייטען צי־מער, מיט שמייכלענדיגע געזיכטער, און זיך אוועקגעזעצט באַם טיש, האָט יאָסעל דערציילט פאַר זיי די גאַנצע געשיכטע, וואָס עס האָט געטראָפען מיט אים צוריק מיט אַ פינף אָדער זעקס וואָכען.

זייער פאָטער, אַ קלוגער און אינטעליגענטער מענש, האָט זיך שאַרף איינגעגעסען מיט זיינע קלוגע אויגען אין משה׳ס געזיכט און פאַר אַ פּאָר מינוט גאָר ניט געזאָגט.

פילענדיג, אָבער, אַז די פייניגונג איז שוין צו שטאַרק, ווייל

משה איז געווען בלאַס ווי די וואַנט און זיינע ליפּען האָבען זיך גע־וואָרפען אין לייכטע קאָנוואולסיעס, האָט דער פאָטער אַרויסגע־פּליסטערט ווייך און רואיג:

„אַזוי גאָר, משה, דו האָסט געקאָנט האַנדלען אַזוי ברוטאַל און ניט וועלען אַרויסנעמען דעם האַלץ פון יאָסעל׳ס פּוס?... און מיר האָבען דיך געהאַלטען פאַר אַזאַ גוטען, ווייכהאַרציגען אינגעל. פיין, זייער פיין פון דיין זייט! מעגסט זיך איבערנעמען מיט דיין גוטען כאַראַקטער! יאָ! יאָ! אַזאַ האַנדלונג פּאַסט פאַר אַ וואַלד־גזלן און איך דיינק, אַז אפילו ער וואָלט זיין אייגענעם ברודער ניט געלאָזט ליידען אַזוי ווי דו האָסט געטאָן!...״

די מוטער איז געווען אויפגערעגט אויף משה׳ן און אים גע־פּרוּווט זידלען, אָבער דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט זידלערייען וועט מען ניט האָבען די ווירקונג אויף משה׳ן ווי מיט ערנסטע, מוסר׳דיגע ווערטער.

אַלע ברידער און שוועסטער זיינען געזעסען שטיל, רואיג, מיט זייער ערנסטע געזיכטער און געקוקט אי אויף משה׳ן אי אויף יאָסלען. בראַוו האָט זיך משה געהאַלטען די גאַנצע צייט, כאָטש זיינע ליפּען האָבען זיך געוואָרפען, און, אָט־אָט, און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין. אָבער דער קריזיס איז געקומען: דעם טאַ־טענ׳ס מוסר זאָגען, דער מאַמע׳ס עטלאַבע זידעל־ווערטער, די ברי־דער׳ס און שוועסטער׳ס ערנסטע בליקען, האָבען אים געבראַכען און ער האָט אויסגעשאָסען אין אַ הילכיגען געוויין...

אַ שטרייכענען בליק האָט דער פאָטער צוגעוואָרפען יעדען איי־נעם, אַ לייכטען הוסט געטאָן און געהייסען געבען עסען.

לאַנגזאַם האָט זיך אַרונטערגעקייקעלט אַ הייסע טרער אויך פון יאָסעל׳ס אויגען און אַ זיס שמייכעלע האָט זיך דורכגעוואָרפען אויף זיינע ליפּען...

דער פאָטער האָט אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט...

דער האָלץ־העקער

אַ קאַלטער ווינטער־טאָג, דער פראָסט גרימערט און דער פאַר־פרוירענער שניי קאַנקט אונטער די פיס.

אויפ׳ן מאַרק פונ׳ם שטעדטעל ר—וו, איז לעבעדיג און פריי־לאַך: פורלאַך מיט האָלץ שטייען אויסגעשטעלט און די גויים מיט לאַנגע בייטשען אין די הענט לויפען פון איין אָרט צום צווייטען הוקענדיג און בלאָזענדיג אין די הויפּענס.

און מען קויפט דאָס האָלץ אָנצואוואַרימען די הייזער. אויך די האָלץ־העקער זיינען דאָ דערביי און זעען אויס מיאום׳דיג, מיט די לאַנגע, שאַרפע העק.

רבקה האָט געקויפט אַ פורעל האָלץ באַ אַ גוי און טאַקע געהייסען דעם האָלץ־העקער, וועלכער איז געשטאַנען באַ דער זייט, גיין און עס צעהאַקען.

דער העקער איז געוועזן ניט איבעריג קיין געזונטער: קוים וואָס ער האָט איבערגעהאַקט איינינע פּלעצער, וואו דאָס שטיקעל האָלץ האָט געהאַט סוקצעס. אָבער פרנסה פרעגט ניט אויפ׳ן געזונט: מ׳מוז אַרבייטען אויב אפילו די כוחות דערלויבען ניט און מען קען ניט באַווייזען דאָס, וואָס אַ געזונטער קאָן יאָ!

אייזיק, רבקה׳ס אַ זון פון אַ יאָר צען, האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט זיך צוצוקוקען ווי מען האַקט האָלץ. אוי, האָט ער מקנא געוועזן דעם האָלץ־העקער, וואָס איז אַ געבענשטער פון גאָט און קען טאָן אַזאַ טייערע אַרבייט!...

ווען זיינע עלטערען זאָלען אים לאָזען, וואָלט ער זיך געקויפט אַ האַק און אַרומגעגאַנגען האַקען האָלץ...

שטונדען לאַנג האָט ער געקענט אָפּשטיין און זיך צוקוקען ווי די האַק עסט זיך איין אין האָלץ און ווי אַזוי דער העקער וואַרפט מיט דער האַק אַרויף און אַראָפּ.

איינינע האָלץ־העקער האָבען ניט געוואָלט ליידען, לּמאי ער שטייט און קוקט: מעגלאַך, זיי האָבען מורא געהאַט פאַר „אַ גוט אויג” און זיי האָבען אייזעק׳ן אַוועקגעטריבען.

דאָס מאָל איז דער העקער אָבער געוועזן אַ זייער גוט מענשעל

און ער האָט נאָך געבעטען אייזיק'ען ער זאָל אים אַרויסטראָגען אַ טרונק וואסער. און אייזיק, וועלענדיג צופרידענשטעלען דעם הע־קער פאר זיין גוטסקייט, האָט ער אים, חוץ וואסער, אויך געבראַכט אַ שטיקעל צוקער...

דער האָלץ־העקער איז געוועזן אין זיבעטען הימעל פאר גליק; אַ קליינינקייט, אזא גראָבע שטיק צוקער פאר אומזיסט?...

און ווען דער העקער האָט גענומען טרינקען דאָס וואסער, צובייסענדיג מיט'ן שטיק צוקער, האָט אייזיק אויסגענוצט די געלע־גענהייט און גענומען האקען דאָס האָלץ.

דער האָלץ־העקער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר געשטאַנען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען, קוקענדיג ווי אייזיק מוטשעט זיך צו צעשפאַלטען אַ שטיקעל האָלץ.

און אייזיק האקט און שפאַלט דאָס האָלץ מיט אזא איבער־געבענהייט, מיט אזא פרייד, מיט אזא פארגעניגען, אז דעם האָלץ־העקער האָט ניט געסטייעט גענוג מוט אים איבערצושלאָגען...

צולעצט האָט זיך אייזיק זייער פארמאַטערט: ער האָט אפילו אינגאַנצען צוהאַקט צוויי אָדער דריי שטיקלאַך האָלץ, איז דער האָלץ־העקער צו אים צוגעגאַנגען און מיט אַ געזונטען, גוטמוטיגען שמייכעל צוגענומען די האַק, זאָגענדיג דערביי:

— ווען דו וועסט אויסוואַקסען און ווערען אַ שטאַרקער יונג, דעמאָלט וועסטו זיין אַ גוטער האָלץ־האַקער, אָבער דו וועסט סיי־ווי קיין העקער ניט דארפען זיין, ווייל דיינע עלטערען וועלען דיך שיקען אין שול אריין און וועסט ווערען אַ דאָקטאָר צי אַן אַפּטייקער! — און די דאָזיגע ווערטער האָט דער האָלץ־העקער אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל יראת הכבוד, גלייך ווי אייזיק וואָלט שוין געווען אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַפּטייקער...

דערווייל האָט אייזיק'ס מוטער אים גערופען עסען. און וואו ער געפינט זיך, האָט זי שוין גוט געוואוסט, ווייל זי האָט דאָך געקויפט האָלץ און געדונגען אַ העקער...

אייזיק האָט אָפּגעגעסען מיטאָג און איז ווידער אַרויס אין שטאָל אריין צום האָלץ־העקער. מיט'ן האָלץ־העקער האָט אָבער געטראָפען אַן אומגליק: האַקענדיג דאָס האָלץ האָט אַ שפּאָן אַ

שפרונג געטאָן און אים געטראָפען אין באַק אריין. מאַכענדיג א טיפע, שווערע וואונד.

דער האָלץ־העקער איז געשטאַנען און מיט זיין פּאָלע פאַר־שטעלט די וואונד, פון וועלכער ס׳האָט גענאָסען דאָס בלוט.

אייזיק האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערזעענדיג אזא ריס אין באַק, און ער האָט גאַרניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אָבער די אויגען פון׳ם אָרימען האָלץ־העקער, און ווי אזוי ער האָט מיט דער פּאָלע צוגעהאַלטען די באַק, האָט אים געבראַכט צו זיך, און ער איז שנעל אריין אין שטוב, געכאַפּט א קוואַרט קאַלט וואסער, א ריין, ווייס שטיקעל צייג פון אַן אַלטער העמד זיינער, ארויס צום האָלץ־העקער, אים ריין און געטריי אַרומגעוואַשען די וואונד אַזוי, אַז קיין בלוט איז שוין מער ניט גערונען.

דער שוואַכינקער האָלץ־העקער האָט געפּרואווט פאַרענדיגען די עטלאַבע שטיקלאַך האָלץ, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבען, אָבער אייזיק האָט געזען, אַז קיין כח האָט ער דערצו ניט געהאַט.

האָט אייזיק אויסגעטאָן זיין רעקעל און מיט ענערגיע גענו־מען האַקען דאָס האָלץ.

אין א שעה צייט איז ער פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן האָלץ, און דער האָלץ־העקער איז דערווייל געזעסען אויף א קלאָץ און זיך אָפּגערוט.

ווען אייזיק איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן האָלץ, האָט ער אָפּ־געגעבען דעם האָלץ־העקער די האַק און אים פאַרבעטען אין שטוב אריין.

קיינער איז אין הויז ניט געווען. אייזיק האָט אים מכבד געווען מיט א גלאָז טיי, אים געגעבען גענוג צוקער און א ווייס שטיק ברויט.

מיט דאַנקבאַרקייט האָט דער האָלץ־העקער אַלץ צוגענומען און געלויבט אייזיק׳ן פאַר זיין גוטסקייט:

— דאָס הייסט א גוט האַרץ! ווייניג דאָ אזוינע, ווי דו, אינגעלע!

מ׳האָט דעם האָלץ־העקער באַצאָלט פאַר זיין טרחה און ער

איז אוועק אַהיים מיט דער מיינונג, אַז אַ גוטער אינגעלע האָט אים באַהאַנדעלט ווי אַ נאָענטען מענשען...

יענעם טאָג איז אָבער אייזיק ניט געגאַנגען אין חדר, ווייל די געשיכטע מיט'ן האָלץ־העקער און דאָס האַקען דאָס האָלץ האָט באַ אים צוגענומען אינגאַנצען דעם נאָכמיטאָג.

אויף מאָרגען, ווען ער איז געקומען אין חדר אריין, האָט אים דער רבי גענומען אויף אַ פאַרהער, למאי ער איז ניט געקו־מען לערנען, און פאַרפאָרען צוויי פייערדיגע פעטש, וועלכע האָ־בען אָפּגעקלונגען איבער'ן גאַנצען חדר...

אייזיק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק, וואו דער רבי האָט אים געשלאָגען, און זיך יאָמערליך צעוויינט.

אין געוויין אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אינ'ם אָרימען האָלץ־העקער, וועלכער האָט געקראָגען אַ געלעכערטע באַק פון אַ שפּאָן, וואָס איז אָפּגעשפּרונגען, און האָט אָן זיין געוויין כמעט אינגאַנצען פאַרגעסען...

אַ וועלט מיט מיטגעפיל האָט אין אים אַרויסגערופען דער אָרי־מער האָלץ־העקער, ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף אים און ווי אַזוי ער האָט מיט דער פאָלע פון זיין צעריסענער סוויטע פאַר־שטעלט די באַק, דאָס בלוט זאָל ניט רינען...

און טויזענטער געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען דורך זיין מאַרך אין יענעם מאָמענט: ער האָט פאַרגעסען אָן די פעטש, וואָס ער האָט נאָר וואָס געקראָגען, אָן חדר, וואו ער איז געווען, ניט געהערט די קולות פון רבי'ן מיט די תלמידים, וועלכע האָבען געלערענט; ער איז געווען אויף אַ גאַנץ אַנדער וועלט: אים האָט זיך, אין זיין פאַנטאַזיע, געמאָלען, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, וועלכער פאָרט אַרום פון איין פלאַץ צום צווייטען און היילט אָרימע, קראַנקע האָלץ־העקער, אַרבייטער, שניידער, זייהער, וועלכע טראָגען דעם זעלבען גורל, ווי דער אָרימער האָלץ־העקער, וואָס האָט געהאַקט באַ זיי האָלץ, און דעם זעלבען גורל, וואָס ער אַליין טראָגט, אַלס אָרימער אינגעל...

און אויפ'ן האַרצען איז אים געוואָרען אַזוי גוט, אַזוי מחיה'־

דיג: ער לעבט מיט א צוועק פאר קראנקע און אָרימע, וואָס נוי־טיגען זיך אזוי אין הילף און אין מיטגעפיל...

— גיי צום טיש, דו שייגעץ דו! — האָט דער רבי פלוצים שטריינג באפוילען. — וואָס שטייסטו דאָרט אזוי פארטראכט, ווי א ליימענער גולם און חלומ'סט. לערנען גיי, גיך, און ווארט, וועסט ווייטער קריגען פון מיר, אויב דו וועסט זיך פראווען ימים־טובים און ניט קומען אין חדר. צום טיש אהער, און נעם דעם חומש!

און די זיסע, נאאיווע קינדערשע אילוזיע איז צעשוואומען געוואָרען, ס'איז פון איר גאָרניט געוואָרען...

אזא שלעכטער, בייזער רבי...

גנבה...

אידעל און יאָסעל זיינען געווען צוויי חברים. זיי האָבען גע־לערענט אין איין שול, אין איין קלאַס און כמעט געווען אין איין עלטער.

זייערע עלטערען זיינען געווען אָרים און האָבען ניט געהאַט די מעגלאכקייט געבען די קינדער אלץ, וואָס מ'דאַרף קינדער געבען.

האָבען די צוויי חברים געליטען און געשוויגען, כאָטש זייערע הערצלאך האָבען זיך אָפט פארקרעמפט פון ווייטאָג, פאר וואָס אַנדערע קינדער פון רייכע עלטערען, האָבען אַלעס...

געלערענט האָבען זיי זיך ביידע גוט און די לערער פון שול האָבען אָנגעקוואָלען. אויך די עלטערען פון די צוויי חברים האָבען געהאַט א סך פארגעניגען הערענדיג, אז אידעל און יאָסעל לער־נען זיך גוט, פאָלגען און פארנעמען טיף די לימודים.

דערווייל האָט זיך געמאַכט אזא צופאַל: יאָסעל און אידעל זיינען איינמאָל פארבייגעגאַנגען א גאָרטען, וואו ס'זיינען געוואַק־סען א סך בוימער מיט די געשמאַקסטע פרוכטען.

— אך, וואָסערע געשמאַקע, רויטע עפּעל, איך זע אויף יע־נעם בוים! — האָט אידעל מיט הארץ־פארכאַפּונג זיך אָפּגערופען.

— נו, און יענע פּלוימען מיט די רויטע פּיסקעלאַך זעסטו גאָרניט? — האָט יאָסעל אויסגעשריען.

— איך זע זיי שוין גאָר, יאָסעל, נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מיר קענען זיי ניט קריגען! — האָט אידעל מיט פאַרדראָס אַרויס־געריעדט...

— ווייסטו וואָס, אידעל, לאָמיר זיך אַריינבאַפּען אינעווייניג און אָנרייסען אַביסעל עפּעל, פּלוימען און אויך עטלאַכע גרויסע, רויטע באַרען מיט רויטע בעקעלאַך! — האָט יאָסעל האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס געזאָגט.

— כ'האָב מורא, יאָסעל, ס'איז דאָך גנבה! — האָט אידעל שוין אַ דערשראָקענער געענטפערט...

— זיי ניט קיין נאַר, אידעל. איך שטאַרב עסען אַביסעל פּרוכט און זעסטו דאָך, אַז אונזערע טאַטע־מאַמע גיבען אונז קיינ־מאָל ניט אַ קאָפּיקע עפּעס צו קויפען און דערקוויקען דאָס האַרץ. וואָסי, אַנדערע קינדער מעגען האָבען אַלץ, און מיר — גאָרניט? אַ טרוקען שטיקעל ברויט האָט מיר די מאַמע היינט געגעבען אויף אָנבייסען און אַ גראָשען צו קויפען עפּעלע, דאָס ניט! — האָט יאָסעל צאָרענדיג געענטפערט.

אידעל האָט זיך פאַרטראַכט און ערגעץ געקוקט...

און יאָסעל (אַ געוואַגטערער) איז אַריבערגעקראָכען דעם פּלויט און, איידער אידעל האָט זיך צייט געהאַט אַרומצוקוקען, האָט ער אים שוין געוואָרפען אַ גרויסען, רויטען עפּעל אין מויל אַריין...

אידעל האָט געציטערט ווי אַ פיש, און דאָך געשמאַק זיך איינגעביסען אין עפּעל און דערפילט אַזוי גוט און אַזוי שרעקעדיג...

— מ'לויפט! ? — — — האָט יאָסעל אויסגעשריען און זיך מיט אימפּעט געלאָזט לויפען...

אידעל מיט אַן אָנגעביסענעם עפּעל, נאָך אים...

לאַנג־לאַנג זיינען זיי אַזוי געלאָפען די צוויי חברים'לאַך, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ וואַלד.

— אָט דאָ קענען מיר זיך שוין אָוועקלייגען אָפּרוען! — האָט יאָסעל אַ פאַרסאָפּעטער געזאָגט, — דאָ וועט אונז קיינער ניט שטערען, עס! — און ער האָט זיך איינגעביסען מיט זיינע ציין

אינ'ם זאפטיגען, גרויסען עפּעל, קוקענדיג אויף אידל'ען מיט א מאָדנעם, כאראקטעריסטישען שמייכעל...

אידעל האָט אָבער ניט געקאָנט עסען און האָט געקוקט אויף זיין חבר, אים שארף באטראכט און געפרעגט:

— זאָג מיר, יאָסעל, האָבען מיר גוט געהאנדעלט היינט? איך גלויב, מיר זיינען באגאנגען א גנבה!...

— א גנבה?... — האָט יאָסעל אויפגעהערט אויף א מינוט בייסען דעם עפּעל...

— יאָ, יאָ, א גנבה, און וואָס וועלען מיר טאָן? — האָט אי־דעל א דערשראָקענער געפרעגט.

— וואָס? טאקע שלעכט! — האָט יאָסעל, קוקענדיג אויפ'ן עפּעל, געזאָגט.

— צו וואָס האָבען זיי געמאכט א פּארקאן ארום גאָרטען? מיר וואָלטען דאָך מער ווי איינעם אָדער צוויי עפּעל ניט גענו־מען? און האָסטו געזען וויפיל עפּעל ס'פוילען דאָרט אויף דער ערד? — האָט אידעל אומשולדיג געפרעגט.

— צו וואָס? ווייל מענשען זיינען שלעכט, נאריש און בייז. אוןביידע חברים האָבען זיך פארטראכט...

קוראַציע

שיילאָק האָט נאָך ביינאכט אין שלאָף דערפילט א שווער־קייט אין אלע גלידער, אָבער דער קאָשמארנער שלאָף האָט אלעס פארטויבט.

פארטאָג־צו אָבער, ווען עס איז נאָך געווען גרוי אין דרויסען, האָט ער זיך אויפגעכאפּט און געפילט, אז זיין רעכטע האנד איז פארשוואָלען און טויט שרעקלאך ווייי.

לכתחילה האָט ער מורא געהאט אויפוועקען עמיצען, נאָר ווען דער ווייטאָג איז געוואָרען אומדערטרעגלאך, האָט ער אָנגע־הויבען וויינען שטיל, כליפּענדיג.

די מוטער האָט באלד דערהערט, איז ארונטער פונ'ם בעט

און צוגעגאַנגען צום בעט, וואו עס זיינען געלעגען פיר אינגלאַך און צווישען זיי שיילאַק.

— וואָס וויינסטו, שיילאַק, וואָס טוט דיר וויי?...

— די האַנט טוט מיר וויי און איך פיל שלעכט! — האָט ער קריינקלאַך זיך באַקלאָגט פאַר דער מוטער.

זי האָט שנעל געוואָרפען א קוק אויף זיין האַנט און גלייך באַמערקט אז זי איז שטאַרק פאַרשוואָלען.

— שרה! שרה! שטיי אויף גיך און גיי מיט שיילאָק'ן צום רופא!...

שרה, א יונגע מיידעל, האָט זיך פויל אויפגעהויבען, פאַר־שלאָפען געגעבען א קוק אויף דער מוטער און מאַכטלאָז אַרונ־טערגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דער קישען...

— שרה! שרה! שטיי אויף זאָג איך דיר, ווייל שיילאַק איז קראַנק און וועסט אים אריבערנעמען צום פעלדשער!...

שרה הויבט ווידער אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף שיילאָק'ן און געניצט...

— גיכער שוין אמאָל נו! — האָט זי די מוטער א טאָרקע געטאָן.

שרה איז מיט אמאָל געוואָרען וואַכעדיג, האָט אויף שנעל אָנגעטאָן דאָס קליידעל, די שיך און שיילאַק איז שוין געשטאַנען א פאַרטיגער צו גיין.

קיין שיך האָט אָבער שיילאָק ניט געהאַט, האָט אים די מו־טער געגעבען אָנצוטאָן א פּאָר קאַלאָשען (ראָבערס) און זיי זיינען אוועק צום רופא...

אין דרויסען איז געווען א בלאָטע; א פרי־מאָרגען נעבעל האָט אַלעס איינגעהילט און געגריזשעט אין האַלז; פון אַלע זיי־טען האָבען מידע פּאַסטוכער געטריבען די קי אין טשערעדע און אַזוי פויל אונטערגעוואָרטשעט דעם „אַנו!״...

דער רופא איז נאָך געשלאָפען און שרה האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער.

ענדלאַך האָט ער דערהערט, אַרונטער מיט די גאַטיעס (אונטערהויזען) און געעפענט די טיר.

און שיילאַק איז ממש פאַרבײ: דער ווייטאַג אין האַנט, די באָרוועסע פיס, דער קאַלטער פרימאָרגען האָבען אים געמאַכט פאַר אַ געפערלאַכען חולה, אָבער מ'דאַרף זיין בראַוו, ווייל טאַטע־מאַמע זיינען קבצנים און קענען גאָר ניט העלפען...

דער רופא איז אַרויסגעקומען אַנגעטאָן מיט די דיקע גלע־זער אויף דער נאָז און מעשה דאָקטאָר אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז קראַנק?... — אַזאַ מומחה געווען, אַז ער האָט ניט געקענט אונטערשיידען פון אַ קראַנקען ביז אַ געזונטען, כאָטש שיילאַק איז געווען געל ווי וואַקס און זיך געוואָרפען אין קאָנוואולסיעס...

— ס'טוט אים ווי אַ האַנט! — האָט שרה געענטפערט מיט דרך ארץ...

דער רופא איז צוגעגאַנגען, אַ קוק געטאָן און ערקלערט, אַז שיילאַק האָט אויסגעלונקען זיין האַנט.

שיילאַק האָט אָנגעהויבען וויינען אין דער שטיל, אָבער דער רופא האָט אים באַרואיגט און זיך גענומען אַריינשטעלען די האַנט צוריק אין שלאָס.

ער האָט שיילאַק'ן געוואָרפען ווי אַ פילקע (באָל), געריסען די האַנט אַהין, אַהער, אונטען, אַרויף און ממש פון אים גע־ריסען שטיקער, אָבער מער ווי איין מאָל האָט ער קיין „קנאַק" ניט געהערט און ער האָט אויסגערעכענט, אַז ס'דאַרף געבען פיר קנאַק. דעמאָלט וועט אַלעס זיין גוט!....

ס'האָט אָבער מער ניט געקנאַקט!...

האָט ער באַשמירט זיין האַנט מיט „יאָדין", איינגעבונדען מיט ברעטלאַך, וואָס ער האָט צונויפגעקליבען אין שטאַל און אים געשיקט אַהיים...

זיי קריכען ווידער אין בלאָטע, עס איז שוין ליכטיגער, די זון גנב'עט זיך אַרויס פון הינטער די וואָלקענס און שמייכעלט ווייך און ליבלאַך, אָבער ווער קאָן עס הנאה האָבען פון דער זון, ווען די האַנט טוט ווי און דער שלאָף מאַטערט?...

געקומען אַהיים, האָט שוין די מוטער צולייגט אַ פייער אויפ'ן פריפעטשאָק און געבריט מילך.

— נו, וואָס האָט דער רופא געזאָגט?

זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר די ברעטלאַך, מיט וועל־כע ער האָט אַרומגעבונדען שיילאָק׳ס האַנט...

— לייג זיך צו, מיין זון, כאַפּ א דרימעל, ווייל דו ביזט אַזוי מיד און א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן! — זי האָט ערשט באַמערקט, ווי מאָגער און געל ער איז...

שיילאָק האָט זיך צוגעלייגט אָבער ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן, ווייל די האַנט האָט אים ווי געטאָן.

האָט אים שרה ווידער גענומען צום רופא און ער האָט אים געוואַרפן, געשטוכעט, געריסן זיין האַנט, ס׳האָט אָבער בשום אופן ניט געקנאַקט: געוואָרן פאַרשוואָלן...

עטלאַכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט דער רופא קורירט שיילאָק׳ן, געשמירט מיט „יאָדין" און אָנגעווענדעט זיין גאַנצע ספּעציאַלי־טעט ביז די האַנט איז אויסגעהיילט געוואָרן און שיילאָק האָט געקענט מיט איר רירן...

און פאַר יעדן וויזיט האָט דער רופא גערעכנט פינף קאָפּיקעס: א גאַנצן רובעל האָט געקאָסט שיילאָק׳ס קראַנק־הייט א חוץ אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געקראָגן, ווייל דער רופא האָט אַליין געזאָגט, אַז שיילאָק איז א שוואַכער און דאַרף האָבן וויגאָדע...

האָט מען אים געגעבן וויגאָדע גאָר אויף אַן אַנדער אופן: ער האָט געקראָגן טיי מיט צוקער, א שטיקעל ווייסע חלה און ניט געגאַנגען אין חדר... שיילאָק איז געווען איבערגליקלאַך פון אַזא „קוראַציע", ווייל ווען האָט מען אויף אים איבערהויפּט זיך גאָר אומגעקוקט; עס זיינען געווען, קיין עין הרע, א חוץ אים אויך א היבש ביסעל קראַנקע אין הויז, אָבער ניט קיין אָפּי־ציעלע: פון׳ם רופא אַנערקענטע...

עס האָט זיך אָבער געמאַכט באַלד אין הויז אַן אַנדער קראַנקער: שיילאָק׳ס א ברודער׳ל איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אויער און דער רופא האָט אים געהיילט א לאַנגע צייט און אויך געהייסן געבן פּלעגע, ווייל ער איז געווען מאָגער און שוואַך...

איז שוין שיילאק ארונטער פון „קוראציע” און חיים איז געווארען דער אנערקענטער קראנקער...

ער קריגט שוין זיסע טיי, ווייסע חלה, גייט ניט אין חדר און איז אביסעל אָנגעזען אין הויז: א קראנקער!...

און באלד איז א שוועסטערל קראנק געווארען אויף עפּעס א חולאת און חיים איז ארונטער פון „קוראציע” און דער רופא האָט אָנגעזאָגט למען השם, זי פּפלעגען, ווייל זי האָט, דוכט זיך אים די „דאָר”...

האָט מען זיך א נעם געטאָן צו ביילען און זי אָנגעהויבען פפלעגען מיט זיסער טיי, ווייסער חלה און אביסעל יויך פון א קעפּעל פון א הון...

לאנג איז אָבער ביילע אויף „קוראציע” ניט געווען, ווייל טייבעלע איז הענדום־פענדום קראנק געוואָרען און דער רופא האָט אוועקגעשטעלט „די דיאגנאָזע”, אז זי האָט א שוואך הארץ. אין אמת'ן האָט זי גאָר געהאט שוואכע לונגען, אָבער אז דער רופא זאָגט, מסתמא ווייסט ער...

און מען האָט אָנגעהויבען קורירען טייבעלען מיט זיסע טיי, ווייסע חלה, א שטיקעל קישקע מיט אביסעל זראזע. „אזא געפערליכע קראנקע, ווי איז צו מיינע יארען!” האָט שוין די מאמע זיך באקלאָגט פאר א שכנה. און טייבעלע האָט געקראגען „קוראציע”!...

די אנדערע קינדער זיינען דערווייל אָפּגעקומען מיט שיהי פיהי, ווייל זיי זיינען דאָך געזונטע און געזונטע דארפען ניט קיין סך בא קבצנים טאטע־מאמע...

אָט אזוי האָבען אלע קינדער, ברוך השם, געקראגען „קור־ראציע” עטלאכע מאָל אין יאָר, ווייל פון דחקות האָבען זיי לאנג ניט געקענט זיין געזונט...

און דער רופא האָט גענומען די „פּיאטאקעס” און געשריבען רעצעפּטען... די קינדער (שוין גרויסע) דארפען נאָך עד היום „קוראציע”...

אַ פאַרשטערטער פסח

די אַפּריל־זון האָט אַ שיין געטאָן,. האָפנונגען האָבען אָנגע־הויבען קומען צופליען אזוי ווי די פויגלען פון די וואַרימע לענ־דער... אין דער לופטען האָט זיך געפילט אַ פרילינג געמיט, און פאַרשפּראָכען יעדען איינעם עפּעס וואָס, אפילו דעם קליינינקען הינטעלע, וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער פרעמדע הייזער און באַלאַנגט צו אַלעמען — צו דער גאַנצער וועלט.

און מ׳האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם פסח: ווער מיט פולע קעשענעס און ווער — מיט ליידיגע...

יאָסעל׳ס מאַמע האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, געניית מיט די הענט גאַרניטורלאַך פאַר די קליינוואַרג, געוואַשען, גערוימט און צוגעהאַנדעלט אין געוועלבעל פון טעפּ און הילצערנע לעפעל.

און אַט איז שוין באַלד פסח. אין גאַנצען אַ וואָך נאָך צום גרויסען יום טוב. מ׳האָט שוין פאַרגרייט מצות און זיי אוועקגע־לייגט צווישען אויווען, גוט באַוואָרענט און פאַרשטעלט, מיט אַל־טע טירען, „קליינוואַרג״ זאָלען ניט שלעפּען — פסח קען מען נאָך בלייבען אָן מצות...

די מוטער איז פאַרהאָרעוועט, פאַרשמייעט, קויפט איין אייער, הינדלאַך, און נאָך אַנדערע פאַרשידענע זאַכען, ווייל ס׳איז דאָך, קיין עין הרע, אַ פאַמיליע מיט עסערס...

זי האָט אויך געקראָגען צוויי קוואָרט שמאַלץ אין גוטען געלט, און ס׳וועט זיין אַ פסח מיט לייטען גלייך.

דער פאָטער, אַ איד אַ למדן, קוקט זיך צו, טוט זיינע זאַכען און לייענט דעם „הזמן״. וויל וויסען וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. אליין אמאָל געפּרואווט ווערען אַ שרייבער, אָבער באַלד געוואָרען אַ מטופל מיט קינדער און „זייט געזונט״ שרייבערייען, מאמרים, שירים...

די ערשטע צייט איז אים שווער געווען זיך בויגען, אָבער דער „עול״ פון פרנסה, קינדער, און דאָס קליינע שטעדטעל האָבען גובר

געוועז און ער האָט כאָטש דערפאַר געליִיענט דעם „הזמן״, אויב ער האָט ניט געהאַט די זכיה צו שרייבען דאָרט.

א טאָג פאַר פסח. אין יעדען ווינקעלע ליִיכט און בלאַנקט, אַלעם אויף אַן אָרט, אויף א פּלאַץ; די קליינוואַרג זיינען אַרומ־געשווירען און קוועלען: מאָרגען איז פסח, א קלייניגקייט!

אויף דער נאַכט האָט דער פּאָטער בודק חמץ געווען און געפונען יעדען שטיקעלע ברויט, וואו מ'האָט עס אוועקגעלייגט: ער האָט געגעבען די פּריקאַזען וואו עס צו לייגען...

אָוונט־ברויט האָבען קליינוואַרג געגעסען אויפ'ן פּאָדלאָגע, אויף אַן אויסגעשפּרייטער „רעדנע״ און מורא געהאַט זיך א ריר צו טאָן, ווייל מאָרגען איז פסח און חמץ טאָר ניט געדאַבט ווערען...

אויף מאָרגען פרי האָבען די קינדער געקראָגען אויסגעקוועטש־טע ראַזשינקעס און ס'איז געווען ליהודים... זיי האָבען זיך אַבי־סעל געשלאָגען, אָבער דאָך ניט געקענט זיין אַזוי שלעכט: היינט אויף־דער־נאַכט — דער ערשטער סדר!...

אַרום דריי אַזייגער האָט מען גענומען זיך אָנטאָן, פּאַרפּוצען זיך לכבוד דעם ערשטען סדר.

די עלטערע שוועסטער, שרה מיט לאה'ען, האָבען איינגעלייגט וועלטען, ווייל זיי האָבען גענומען אָבאַכט איבער אַלעם און גע־וואָלט, אַז דער יום טוב זאָל אַרויסקוקען פון יעדען ווינקעלע.

האָבען, נאַטירלאַך, ניט געפעלט קיין קלעפּ, קניפּען און שטופּ־צעס...

אָבער אָט טוט מען זיך שוין אָן, אַלע ווערען גוט געשטימט און קוועלען פון די נייע מלבושים, גאַרניטורלאַך, וואָס די מאַמע האָט מיט אירע הענט אויפגענייט.

יאָסעל מיט חיים'ען קוועלען און פּראַווען אַביסעל שקצ'ישע שטיק. אויפגעלייגט ביז גאָר. אָבער ווען ס'איז געקומען צום פאַר־שפּילען די רעקלאַך, האָבען געפעלט העקעלאַך, און דאָ איז ניטאָ קיין שוואַרצע באַוועל... ביטער און טרויעריג! שוין אַלעם פאַר־מאַכט, דאָס גאַנצע שטעדטעל איז פסח'דיג.

וואָס זשע טוט מען פּאָרט? מ'דאַרף שוין גיין אין שול דאַוו־נען.

קוים מיט צרות האָט לאה געפונען ערגעץ העקעלאַך און ווייסע באַוועלאַך...

אי, די גאַרניטערלאַך זיינען שוואַרצע און וואָס פאַר אַ פנים װעלען ווייסע באַוועלאַך האָבען, אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אז מ'קען ניט קריגען קיין שוואַרצע באַוועלאַך?

האָט שוין לאה בריה'ש צוגעניית די העקעלאַך מיט ווייסע באַוועלאַך און חיים (אַ אינגעל אַ ברען) איז געפאַלען אויף אַן המצאה: ער וועט אָפּשוואַרצען די ווייסע באַוועלאַך מיט קויל...

אינגאַנצען קיין שלעכטער פּלאַן איז עס ניט געווען און די געמיטער פון די צוויי חברה זיינען געוואָרען רואיג...

מ'האָט זיך פאַרפּוצט און אוועק אין שול אריין, וואו ס'זיינען שוין געווען קינדער אויף קינדער אָנגעטאָנענע אין נייע קליידער און זיך געגרויסט, באַרימט איינער פאַר'ן צווייטען.

„מיין גאַרניטערל האָט געניית יאָסעל דער שניידער און עס איז אמת'ער געוואַנט"...

„מיין קאָסטיומעל האָט געניית דוד און ער איז דער בעסטער שניידער אין שטעדטעל! זע נאָר די קעשענעס, און נים האָב איך שוין אויך עטלאַכע פונט!" — האָט זיך באַרימט אַ קינד פון פאַרמעגלאַכע עלטערען.

יאָסעל מיט חיים'ען זיינען געשטאַנען אַן אַ זייט און געשוויגען, ווייל זייערע גאַרניטערלאַך האָט געניית די מוטער, און זיי זיינען געווען ווייט ניט אַזוי שיין ווי די, וועלכע ס'האָבען געניית שניידער...

און קעשענעס — דער גרעסטער „אידעאַל" פון קינדער — איז אויך מער ווי איינע ניט געווען. מער האָט די מאַמע ניט געוואָלט מאַכען.

און דאָ האָט זיך נאָך צווישען דער חברה געפונען איינער אַזוינער, וואָס האָט ליב יענעם ווי טאָן און ער האָט אַ וויז געטאָן אויף יאָסלען מיט חיים'ען און געלאַכט פון זייערע גאַרניטערלאַך מיט די ווייסע באַוועלאַך, וועלכע האָבען זיך אָנגעזען, ניט קוקענדיג אויף דער שווערער ארבייט, וואָס יעדערער האָט אוועקגעלייגט עס צו מאַכען שוואַרץ...

חיים איז געוואָרען אין כעס און דערלאַנגט דעם חוזק־מאַכער עטלאַכע גוטע פעטש, אָבער יאָסעל האָט שטאַרק דערפון געליטען...

מ׳איז געקומען אהיים פון דער שול און זיך געזעצט צום טיש זאָגען די הגדה און טרינקען וויין. מ׳האָט דערלאַנגט גוטע מאכלים, וואָס אַ גאַנץ יאָר עסען זיי קיינמאָל ניט אַזעלכע, ווייל, ווער האָט עס צייט און געלט אַזוינע מאכלים מאַכען?...

חיים האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. געגעסען, געטרונקען און געלעבט אַ טאָג.

יאָסעל אָבער האָט קיין הנאה ניט געהאַט פון׳ם גאַנצען גליק, ווייל די ווייסע באַוועלאַך האָבען געלעכערט זיין מוח — אַ פינ־סטערער בזיון ארויסצוגיין אין גאַס.

אויף מאָרגען גאַנץ פרי זיינען די קינדער ווידער אַוועק אין שול אריין, אָבער קיין פרייד איז שוין ניט געווען: עלטערע מענ־שען האָבען שוין דערזען די ווייסע באַוועלאַך און געשמייכעלט...

חיים האָט זיך ניט ווייסענדיג געמאַכט, און ער איז טאַקע פון דער נאַטור געווען אַזאַ, וואָס ס׳האָט אים ניט שטאַרק גע־ארט דער טואַלעט, אָבער יאָסעל האָט ממש געטרונקען בלוט...

געקומען פון שול, האָט מען ווידער געגעסען, געטרונקען, און חיים האָט הנאה געהאַט פון אַלעס...

יאָסעל אָבער האָט אַלץ געטראַכט ווי אַזוי ארום פטור ווערען פון די ווייסע באַוועלאַך.

צולעצט האָט ער באַטראַכט אַ פּלאַן: באַ זיי איז געשטאַ־נען אַ טינטער מיט שוואַרצען טינט, וועט ער אָפּשוואַרצען די ווייסע באַוועלאַך.

אַלץ וואָלט געווען אַוועק גוט, ווייל דער טינט איז געווען גע־נוג שוואַרץ, אָבער דער טינטער האָט זיך איבערגעקערט און פאַר־פלעקט זיין נייַ רעקעל.

פינסטער איז אים געוואָרען אין די אויגען און דאָס האַרץ האָט געוואָלט אַנטלויפען פון׳ם ברוסט־קעסטעל. וואָס וועט איצט זיין?...

די ווייסע באַוועלאַך זיינען געוואָרען שוואַרץ, אָבער דער שוואַרצער פלעק אויפ׳ן רעקעל האָט זיך צו בולט ארויסגעזען.

ער האָט קיינעם דערפון ניט דערציילט, נאָר זיין נייַ רעקעל האָט ער שוין ניט געטראָגען. ער האָט געמוזט אָנטאָן זיינס אַן אַלט אָפּגעריבען רעקעל און איבערגעקומען ווי עס איז דעם טייער־סטען יום־טוב, פסח.

שלח מנות

בעריל איז געוועזן א קיילעכדיגער יתום: ער האָט ניט גע־האַט ניט קיין טאַטען און ניט קיין מאַמען.

האָט זיך אים געלעבט אַזוי ווי אַ „יתום" קען זיך נאָר לע־בען אויף אונזער שיינער וועלט; יעדער איינער איז געוועזן אי־בער אים אַ בעל הבית און האָט געוואָלט פאַרבייטען בעריל'ען טאַטע־מאַמע...

און אַז פרעמדע קענען ניט זיין קיין אייגענע איז דאָך שוין פון לאַנג באוואוסט. אין שול האָט יעדער איינער געוואָלט צייגען אַ צווייטען אַז בעריל דער יתום איז אים שטאַרק נוגע און ער האָט אים געהייסען זיך זעצען אויף אַן אָרט און דאַווענען גע־שמאַק, ווייל אַזוי האָט ער געוואָלט און גאָרניט... אַ יתום!

לייזער דער שמש האָט אויך געוואָלט ווייזען דער וועלט, אַז בעריל ליגט אים אויפ'ן קאָפּ און ער האָט אויף אים גע־שריען און גאַנץ אָפט מכבד געווען מיט עטלאַכע שטורכצעס ער זאָל זיין אַ מענש און גיין אויפ'ן ריכטיגען וועג...

אין גאס האָט יעדער איינער געוואוסט, אַז בעריל איז אַ יתום און וועט גיין אַ גאַנג פאר אַ גראָשען אָדער אַ שטיקעל צוקער...

נו, נו, האָט מען עס אים ארומגעשיקט פון איינעם צום צווייטען אין די גרעסטע בלאָטעס, שטורעמס, זאווערוכעס און שנייען.

אויפגעהאַלטען האָט ער זיך בּאַ אַן אָרימען אידען און „קהל" האָט פאַר אים געצאָלט... פאַרשטייט מען שוין, אַז קיין מעדני מלך האָט ער ניט געקראָגען: ער איז געוועזן צופרידען אַז מען האָט

אים נאָר ניט געשלאָגען, ווייל קלעפּ האָט ער געכאַפּט אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס.

ער איז געווען אַזוי נערוועז און שרעקעדיג, אַז ווען מ׳האָט אים שוין אפילו קיינער ניט געוואָלט שלאָגען און גערעדט פריינטלאַך, נאָר גראַדע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט גלאַט אַזוי זיך, האָט בערל זיך אַזוי פאַרקרימט, איינגעבויגען די פּלייצע און זיך פאַרטיידיגט מיט זיין האַנט און עס האָט אַרויסגערופען אַ וועלט מיט רחמנות און אין דער זעלבער צייט אויך געלעכטער...

ער איז ניט געוואוינט געווען מען זאָל אים באַהאַנדלען ווי אַ מענשען, נאָר ווי אַ היימלאָזען הונט...

אָט אַזוי האָט בערל געלעבט און גע׳יתום׳ט זיין וועלט צווישען מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט אים פאַרבייטען טאַטע־מאַמע.

אפילו דער באָד־גוי, סאַווקע, און דער ליכט־לעשער און דער הרובע־הייצער, יאַקוב, האָבען בערלען געקאַנט און געוואוסט אַז ער איז אַ „סיראָטאַ״... אַ יתום.

און בערל האָט געוואוסט זיין לאַגע און טיף פאַרשטאַנען, אַז צו זיין אַ יתום איז ניט גוט... ער האָט געביינקט נאָך מוטערלאַכע לאַסקעס און נאָך אַ טאַטען מיט וועמען גיין אין באָד אַריין: אַלע אינגלאַך פלעגען גיין מיט די טאַטעס פרייטאָג אין באָד אַריין...

צווייטענס, פלעגט זיך אים גלאַט פאַרביינקען נאָכ׳ן וואָרט: טאַטע, מאַמע!...

אָבער גיי פרעג באַם לעבען קשיות פאַר וואָס דער אָדער יענער האָט יאָ אַ טאַטען, אַ מאַמען, און ער, בערל, ניט?...

זעלטען ווען בערל האָט געפילט פאָלקאָמען גוט, ווייל עס איז נישט אַוועק אַ שטונדע, אַז אימיצער זאָל אים ניט וויי־טאָן: אפילו קינדער האָבען אויסגענוצט זיין „יתום־זיין״ און אים געשלאָגען פאַר יעדער קליינינקייט און ער פלעגט וויינען מיט אַזעלכע מוראדיגע טרערען, מיט אַזאַ ספּעציפיש־וויינענדיגען טאָן, אַז קליינוואַרג פלעגט זיך דערשרעקען און אָנרופען זיך איינער צום צווייטען: „וואַרט, וואַרט! בערל׳ס טאַטע־מאַמע וועלען דיר שוין באַצאָלען

פאַר זיינע יסורים, וואָס דו פאַרשאַפסט אים און קומען צו דיר צו חלום!"...

דאָס פלעגט ווירקען און די קינדער האָבען אַביסעל ווייניגער אים געטשעפעט און דערקוטשעט...

איינמאָל אין יאָר אָבער האָט בערעל דער יתום געפילט, אַז ער איז נישט קיין איבעריגער; אַז מענשען דאַרפען אים שטאַרק האָבען און זיינע חברים, אָדער אַזוי אינגלאַך, פלעגען אים באמת מקנא זיין אויף זיין יתום־זיין. דאָס איז געווען פורים, ווען מען שיקט איינער צום צווייטען „שלח מנות".

מ'האָט בערלען ממש צעריסען אויף שטיקער, און יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז ער וועט שוין אָפּטאָן זיין זאַך בשלמות.

און ער? אוי, איז ער געווען גליקלאַך! פאַר זיינע אַלע טעג פון אַ גאַנציאָר, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען אַלס אָרימער יתום, איז עס געווען אַ באַפרידיגונג, אַ דערלייזונג: בערעל דער יתום — אַ נוצלאַכע באַשעפעניש.

און ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז וואוהין מען האָט אים געשיקט, און געבראַכט די מתנות.

אָט איז ער געקומען צום שטאָדט־גביר, ר' שמעון, און געבראַכט אַ גאַנצען פאַק פון'ם בעל טאַקסע.

— ר' שמעון, ר' יאָסעל דער בעל טאַקסע האָט עס אייך געשיקט.

— זייער פיין, בעריל, זעץ זיך!...

בערעל האָט זיך אַוועקגעזעצט און ניט געוואוסט וואוהין צו קוקען, ווייל אין הויז איז אַלעס געווען אַזוי רייך, גרויסאַרטיג און ער האָט זיך פאַרלוירען...

ווער ס'האָט דעמאָלט ניט געזען בערלען, האָט קיין אויסערגעוויינלאַך בילד אויף זיין לעבען ניט געזען:

אָנגעטאָן אין אַ פאָר גרויסע שטיוועל (אַ מתנה פון אימיצען), צעריסענע הויזען און מיט געגוג לאַטעס פון פאַרשידענע קאָלירען... אַ היטעל אָן אַ דאַשעק, איז ער געזעסען און געוואָרפען אַזעלכע טראַגישע אויגען אויף יעדער זאַך, אַז עס האָט ממש געריסען די קישקעס פון בויך פאַר געלעכטער און געשניטען ביז דער זי־

בעטער ריפּ פּאַר ווייטאָג און שאַנדע, למאי אין לעבען קאָן זיין אַזאַ קאָנטראַסט: אַ רייך הויז מיט כל טוב און אין אַ ווינקעלע, בערעל דער יתום!...

אָבער בערלען איז עס אין יענעם מאָמענט ניט אָנגעגאַנגען: ער האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט ער קריגען אַ גוטען ביסען, אַ פּעטע מטבע (צוואַנציג קאָפּיקעס) און וועט ווייטער בראָדזשען אין דער בלאָטע צעטראָגען די פורים־מתנות...

— גיי עפּעס עסען, בערעל! — האָט אים ר׳ שמעון געהייסען גיין צום טיש.

בערעל האָט אויף שנעל אָפּגעגעסען און ניט אַזוי שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם גוטען שמיקעל פלייש און נאָך מאכלים, ווייל ער האָט געוואָלט גיין ווייטער... אַן אַנדערש מאָל וואָלט אַזאַ עסען באַ אים געדויערט אַ צייט און ער וואָלט זיך גוט אריינגעלעבט אין דעם, ווייל מאָרגען וועט ער עס ניט קריגען, אָבער ס׳איז דאָך „פורים" און זיין גייסט איז געווען איבערזעטיגט פון אַנדערע גליקען: געלט!...

ר׳ שמעון האָט אים געגעבען צוואַנציג קאָפּיקעס און ער איז אַוועק ערגעץ אַנדערש, וואו מען האָט אים באַשטעלט... אומעטום האָט מען אים אויפגענומען ווי אַן אַנגעלייגטען גאַסט און געגעבען געלט און עסען...

יענעם טאָג איז ער געווען „מלך" און ווען אַ אינגעל, וואָס פלעגט אים אין מיטען יאָר שלאָגען גאַנץ אָפט, האָט אים באַגעגענט, האָט ער געקוקט אויף בערלען מיט קנאה און זיך געטראַכט:

„גאָר ניט אַזוי שלעכט צו זיין אַ יתום! אַ פרייער פויגעל און טוט וואָס ער וויל! ווען ער זאָל וועלען גיין צעטראָגען פורים מתנות, וואָלט דער טאַטע אים פּשוט גע׳ממית׳ט..."

בערעל׳ס אויסזען אָבער מיט דער היטעל אָן דעם דאַשעק, האָבען אים אָפּגענאָמען ווי מיט קאַלטער וואַסער און ער האָט שוין ניט געפילט דאָס, וואָס ער האָט געפילט צוריק מיט אַ פּאָר מינוט...

שווער האָט בערעל אָפּגעאַרבייט יענעם „היסטאָרישען" טאָג

און איז אויף דער נאַכט געקומען אַ היים אַ מידער, שוואַכער, אָבער אַ העכסט גליקלאַכער: ער האָט פאַרדינט צוויי קערבלאַך...

אין הויז, וואו ער האָט זיך געהאָדעוועט, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַ נוצלאָכען מענשען און מען האָט צו אים גערעדט ווייך, געטריי און ער האָט געהערט אַזעלכע ווערטער ווי: בערעניו... טייער קינד...

אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר האָט ער נאָר געהערט פון זיינע פאַלשע טאַטע־מאַמע: בולוואַן! פאַסטאַי! אומזיסטער עסער! נישטיגער! — און נאָך נעמען, וואָס אַ יתום איז ניט זשעדנע. און דאָ איז ער אַזוי אַנגעלייגט: עפּעס אַ פאַרדינער!...

געשמאַק איז ער יענע נאַכט געשלאָפען און אין חלום געזען טאַטע־מאַמע, ווי זיי האָבען באַדויערט זייער אָרים קינד, וואָס ער קומט אַזוי אָפּ, אָבער ער האָט זיי דערציילט פון דאָס געלט, וואָס ער האָט געמאַכט און געווען גליקלאַך און צופרידען.

לאַנג איז ער, אָבער, ניט געווען קיין מיוחס, ווייל מען האָט באַלד פאַרגעסען אָן דעם טאָג פורים און זיינע ליידען האָבען אָנגעהאַלטען ווי פריער: אין הויז האָט מען אים געשלאָגען, ניט געגעבען קיין עסען, און געטריבען פון דער הויז... אין גאַס האָבען אַלע געהאַט אויף אים צו שאַפען און געשיקט געגג, געהייסען אָפּקערען לעבען די קלייטען, און אין חדר האָט דער רבי געשלאָגען מיט'ן קאַנטשיק, ווייל ווער וועט אים דען זאָגען אַ שלעכט וואָרט? און אין שול האָט דער שמש געוואָלט ווייזען, אַז ער איז אַ חוץ שמש, אויך אַ יתום־פאַרזאָרגער... מיט איין וואָרט, די זעלבע גזרות.

צוויי וועלטען...

בעסי מיט דזשייק'ן זיינען איינגעשטאַנען בא איין מיסעס: זי האָט געאַרבייט אין אַ העט־פאַבריק און ער איז געווען אַ העמדעל־נייער.

איז ווי געוויינלאַך, אַז יונגעלייט שטייען אויף איין פלאַץ, קומט אָפט אויס זיך באַגעגענען באַם עסען, באַם אַרונטערגיין די טרעפּ און מ'ווערט באַפריינדעט.

דערצו איז נאָך בעסי זייער אַ שיינע, אנגענעמע מיידעל און דזשייק איז אַ גאַנץ וואוילער בחור...

די מיסעס, ניט קיין פראַמאַך אַ ווייבעל, האָט אויך באַמערקט, אַז יונגוואַרג איז ניט גלייכגילטיג איינער צום צווייטען, און זי האָט שוין, אַלס מיסעס, געזען אַזוי צו אַרבייטען, ס'זאָל עפּעס ווערען.

ווען בעסי איז ניט געווען אין דער היים און דזשייק איז פאַרבליבען אַליין, האָט זי זיך אַ נעם געטאָן אויסלויבען בעסי'ן פאַר אים, ווי אַזוי שטיל זי איז, סאָליד, איינגענעם און פון וואַסער אַ משפחה זי קומט. היינט, וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע זי איז: אַלעס זינגט דאָך בא איר אין „צימער"! אויסגערעכענט ווי אַן אמת'ע, געניטע ווירטין און אַלעס מוז זיין אויף אַן אָרט, אויף אַ באַשטאַנד... דערצו האָט זי נאָך צוגעגעבען, אַז זי האָט געהערט, פון אַ ריכטיגער קוועלע, אַז בעסילע (זי האָט זי גע־פּרואווט פאַרציען ס'זאָל מאַכען אַ שטאַרקערע ווירקונג...) האָט אין די בענק אַ קנאַפּע טויזענט דאָלאַר...

ווען דזשייק איז ניט געווען אין הויז און בעסי איז געבלי־בען אַליין, האָט שוין די מיסעס זיך אַ נעם געטאָן אויסלויבען דזשייק'ען ביז'ן זיבעטען הימעל...

— אַ קליינינגקייט אַזאַ מאַנספּאַרשוין! ער איז דאָך שיין, אַז ס'איז אין זיין צורה ניט אַריינצוקוקען! אַ פאַרדינער! אַן איידעלער יונגערמאַן, און קומט פון אַזאַ גערימטנער (אַזוי זאָגט זי דאָס וואָרט) משפחה פון גאַליציע... מ'זאָגט, אַז דער „טשער־נאָוויטשער רבי" איז אַ קרוב צו זיין מוטער עליה השלום (און זי ווייסט אַלעס...).

און זי האָט געהערט פון אַ געוויסער, זיכערער קוועלע, אַז ער האָט אין די בענק אַ קנאַפּע טויזענט דאָלאַר...

אַט אַזוי האָט די מיסעס געהאַלטען אין איין אַגיטירען ביידען און אירע ווערטער האָבען פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך אָנגעהויבען וויר־קען...

בעסי, וויסענדיג וואָס אַמעריקע איז און ווי שווער ס'איז דאָ אין ניו יאָרק דערצו געפינען אַ פּאַסענדען פריינד, האָט אויף

אָן אמת אָנגעהויבען ערנסט אַריינטראַכטען זיך וועגען דזשייק'ן: אַ שיינער בחור איז ער, קיין גראָבער יונג ניט, אַ פאַרדינער אויך, און משפחה איז אויך ווי זי וויל... נו, איז טאַקע אַ פלאַן מיט אים זיך גאָר אַנדערש פאַראינטערעסירען, ניט גלאַט אַזוי ווי פריער, ווי מ'פאַרברייננגט מיט אַ יונגענמאַן, וועלכער איז אין איין הויז...

דזשייק, סימפּאַטיזירענדיג מיט בעסי'ן שוין פון לאַנג און אויסהערענדיג פון דער מיסעס אַזוינע „שבחים" וועגען איר, און האָבענדיג שוין אַליין אויך אַ גענוגענדען באַגריף וועגען איר, האָט, כמעט ווי באַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז בעסי וועט זיין זיינע.

און ער האָט טאַקע אָנגעהויבען אַרויסווייזען נאָענטע און פריינדלאַכע באַציאונגען צו איר: ער האָט זי אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדען צו אַ טעאַטער פאָרשטעלונג און זיי האָבען ביידע זייער גוט פאַרבראַכט.

„ווי גוט זי פאַרשטייט דאָס לעבען! — האָט דזשייק צו זיך אָפּט אַליין געזאָגט. — זי איז ווירקלאַך דאָס, וואָס איך האָב ליב און שעץ אַזוי שטאַרק."

בעסי האָט שטילערהייד, טיף אין האַרצען, אין זיך, געקוואַלען און געווען איבערגליקלאַך, וואָס אויף איר חלק וועט אויספאַלען אַזאַ אינטערעסאַנטער מענש... ניט איין מיידעל פון אירע חבר'טעם וועלען איר מקנא זיין אויף אַזאַ גליק, אַזאַ גליק!

נעכטען, ווען זי איז געגאַנגען מיט אים צום טעאַטער צו, האָט זי באַגעגענט איר פריינדין, פרידאַ, און ווי יענע האָט עס געקוקט אויף איר און אויף אים... מ'האָט געזען, אַז זי עסט אים ממש מיט די אויגען...

יאָ, יאָ, ס'אַ גליק. און אין זיך האָט זי שוין אַרויסגעקוקט אויף יענעם גליקלאַכען מאָמענט, ווען זי וועט שוין דערלעבען הערען פון דזשייק'ס מויל, אַז ער איז אין איר אמת'דיג פאַרליבט און קלייבט זי אויס צו זיין זיין לעבענס־באַגלייטערין, זיין האַרצענס־באַשערטע...

און יענער גליקלאַכער מאָמענט איז געקומען. אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט, ווען דער הימעל איז געווען בלויער, ריינער ווי אַלע מאָל, די לופט־טרוקען, ריין און אַלעס אַרום איז געווען

פארהילט אין א זיס־טרוימענדער, מעלאנכאלישער שטימונג, איז דזשייק אריין צו בעסי׳ן אין צימער א פארפוצטער אין עסיג און אין האניג און זי איינגעלאדען מיט אים ערגעץ ארויספארען.

בעסי׳ס הארץ האט א ציטער געטאן: דער מיידעלשער אינסטינקט האט אונטערגעזאגט, אז היינט, היינט — — — ! און טרוימען אין פארשידענע קאלירען, אין רייכע פארבען, האבען אנ־געהויבען זיך מאלען אין איר צנועה׳דיג ריינער פאנטאזיע...

זי האט זיך פארפוצט, פארקעמט רייך איר שיינעם קאפ האר און ער האט זי גאנץ נאענט און ליבלאך־צארט גענומען אונטער׳ן האנט און זיי זיינען אוועק אין א פארק.

פארנאכט. שאטענס האבען זיך ווי פארשייטע קינדערלאך, געבוצקעט איינער מיט׳ן אנדערען, די בוימער האבען עפעס ארויס־געטרייסעלט פון זייערע בלעטער און צווייגען אזוינס, וואס איז אשוועך צו פארשטיין מיט׳ן קאפ... מ׳פילט אבער יעדען טרוים, יע־דען ציטער פון בלעטעלע און אויפ׳ן הארצען איז אזוי שטיל, שטיל... רואיג, רואיג... און אזוי ציטריג־פחד׳יג... אזוי ווי א טרוים אליין איז... ווייך און צארט, שרעקעדיג און פארביילויפענד... דער הימעל האט זיך ווי „א צנועה״ ווען זי פאררוקט איר זיידען טיכעל אי־בער די אויערען, איינגעבויגען מיט הימלשען יראת־הכבוד און עפעס ארויסגעפליסטערט, איינגערוימט א סוד צו די מענשען...

וואלקענדלאך האבען זיך געגליטשט, געגליטשט און געביטען זייערע קאלירען אויף שנעל: אט זיינען זיי גרויע, און פלוצים האט עפעס אנ׳אומבאוואוסטע האנט א פארב געטאן זיי, מיט איין שמיר פון פינזעל, אויף טונקעל־גרוי... א ווינטעלע האט זיך געבאלע־וועט און ארומגעשלייכט פון איין צווייגעל צום צווייטען און גע־קושט, געקושט מיט ליבע און ליידענשאפט גאט׳ס וועלטעלע.

און דער פארק איז געשטאנען פון ווייטענס (כאטש אזוי נאענט), ווייל אלע זיינען געווען אין אים... און ווי אן אלטער, געניטער זיידע פארנומען אלע תרעומות, ליידען, פריידען און נאר צוגעשאקעלט מיט די צווייגען פון די אוראלטע בוימער, ווי דער זיידע מיט׳ן קאפ...

בעסי מיט דזשייק׳ען האבען אפגעזוכט א שטיל, פארבאר־

גען ווינקעלע און זיך באַהאַלטען. זאָלען מענשען ניט זען ווי יונגע בלימעלאַך עפענען זייערע מיילעכלאַך און בליען אויף, ווערען אין איין נאַכט רייף, צייטיג...

שפּעט אין דער נאַכט.

דזשייק האָט בחור'יש ליידענשאַפטלאַך אַרומגענומען בעסי'ן און זי געקושט, געקושט... געזוכט אין דער פינסטער איר זיסען מויל און איז פאַר'חלש'ט געוואָרען אויף אירע ליפּען מיט אַ הייס ברענענד־פייערדיגען קוש פון אַ יונג־בחור...

בעסי האָט געציטערט מיט יענעם ציטער, וואָס ס'פילען יונ־גע מיידלאַך, ווען זיי דערפילען דעם ווייכען ברען פון וואַרימע פול־בלוטיגע ליפּען פון אַ געזונטען, ליבען בחור, וועלכער איז שוין אירער...

איין קוש זיינער — דער ערשטער, דער ריינסטער און פייער־דיגסטער האָט זי געמאַכט צום פילען, אַז זי איז שוין זיינע, זיינע אויף אייביג...

און ווי גוט ס'איז צו ווערען פאַרברענט פון אַזוינע ליבעס־פייערען, ליבעס־בראַנדען ! ?

דער פּאַרק שווייגט און האַלט אַזוי פיל סודות פאַרבאָרגען אין זיין מעכטיגער ברוסט...

און סודות ווייסט ער אַזוי פיל, אַזוי פיל !

אהיים זיינען זיי געקומען שפּעט.

די מיסעס האָט זיי געעפענט די טיר און מיט אַ מוטער־שמייכעל זיי אַריינגעקוקט אין די פּנים'ער...

בעסי האָט זיך געשעמט איר קוקען גלייך אין די אויגען : אפשר וועט זי באַמערקען די פייערדיגע קושען אויף אירע ליפען ?.. איר דוכט זיך, אַז אַ פייער ברענט באַ איר אין מויל... אַז „ליכט" צעשפּרייט זיך פון אירע ליפּען און ס'איז ליכטיג אַרום...

זי קוויקט זיך מיט אירע ליפּען, באַלעקט זיי אַלע מאָל און איר צאַרטע הויכע מיידעל־ברוסט קלאַפּט און באַוועגט זיך...

די מיסעס איז אוועק שלאָפען אַליין אין איר צימער : איר מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבען און זי איז אַליין, אַליין.

איצט אָבער האָבען זיך אין איר דערוועקט אַלע אינסטינקטען

און זי טרוימט אויך פון א לעבען כאָטש שוין אַ לאַנג פאַרגע־סענעם...

זי האָט גוט דערקענט אַן בעסי'ן אַז דזשייק האָט זי געצער־טעלט, געקושט און איינגעזאַפּט אין זיך דעם געשמאַקען מיידעל־אָטעם...

זי אַליין האָט עס איבערגעלעבט צוריק מיט יאָרען, דאָרט אין רוסלאַנד אין אַ קליין שטעדטעלע, אויף אַנ'אַנדער שטייגער, אָבער ליבעס־פייער איז עס געווען.

זי ציט זיך פויל אויף איר געלעגער, באַרירט מיט אירע הענט די בריסט און אַ ציטער לויפט דורך איבער איר מיטעל־יאָריגען פרויען קערפּער...

זי קאָן נאָך ליבען, פילט זי... זי ברענט נאָך איצט מיט יע־נעם הייליגען פייער ווי אין יענע ערשטע יאָרען פון ליבע און גלוסט־פאַרכאַפּונג...

זי פאַרמאַכט די אויגען און טרוימט. זי שטעלט זיך פאָר ווי אַ שיינער, שטאַרקער מאַנספּאַרשוין נעמט זי אַרום, דריקט זי לײדענשאַפטלאַך שטאַרק צו זיך און ווי זי ווערט פאַרבלאָנ־דזשעט אין געפילען פון גליק און ווערט שוואַך, שוואַך... זי טרוימט, זי טרוימט.

עטוואָס פאַרוועלקטע בלומען זיינען, ווי דורך אַ שפּריכ־וואָרט, ווידער געוואָרען בליענד, לעבעדיג...

בעסי'ס אויסזען, בעסי'ס שעמעוודיגקייט האָט דערוועקט אין איר אַ „געפיל" פון ליבע, לײדענשאַפט און פרויענהאַפטיג־קייט.

זי טרוימט...

און בעסי איז געלעגען מיט שטאַרע אויגען און זיך אוועק־געטראָגען אין וועלטען פון טרוימען, ליבע און אומבאַוואוסטען גליק.

איר מיידעלשער אינסטינקט האָט איר עפּעס דערציילט פון וואָס זי האָט נאָך ניט געוואוסט...

זי האָט זיך געצאַפּעלט אונטער דער קאָלדרע. יעדעס מאָל ווען אירער אַ פוס האָט באַרירט אַ צווייטען, איז אַ זיסער שוי־

דער, ווי קליינינקע מוראַשקעלאַך, דורכגעלאָפֿן דורך איר קערפּער און ס'האָט זיך איר געדוכט אַז דזשייק ליגט לעבן איר און צערטעלט זי, פֿאַרוויגט זי...

זי האָט זיך נאַכלעסיג אוועקגעלייגט, מיד אויסגעצויגען אירע שטאַרקע, שלאַנקע פיס און אליין איז זי געבליבען הייגען אין דער לופטען, אין דער לופטען...

זי האָט נאָך אַלץ געפילט די הייסע קושען פון דזשייק'ן אויף אירע ליפּען און געפּרוואווט אַ פּאָר מאָל מיט די פינגער זיי זוכען אויף אירע ליפּען... אפשר וועט זי זיי אָנטאַפּען. אָבער, ניין! זי האָט זיי נאָר געפילט, געפילט ווי זיי בליען ווי בלומען אין אַ שיינעם, פאַנטאַסטישען גאָרטען...

אַזוי איז זיך די צייט געלאָפען. דאָס יונגע פּאָרעל האָט געשעפּט גליק און ליבע גאַנצע עמערס־ווייז און די מיסעס זייערע האָט זיך געוואָרעמט לעבען פרעמדען פייער, זייער פייער...

דזשייק'ן פלעגט זי עסען מיט די אויגען. זי האָט עס גאָר קיינמאָל ניט געפילט ביז אַצינד. יעדעס מאָל ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט זי געפילט ווי ס'צינדט זיך עפּעס אָן אין איר ברוסט און זי וואָלט אַזוי גערן צו אים צוגעגאַנגען און אים ארומגענומען, אים געקושט און זיך איינגאַנצען אים אָפּגעגעבען.

— אַך, ווי שטאַרק ער איז עם דזשייקי! ווי אַ יונגער, גוט־אויסגעפּאַשעטער „זשערעבטשיק"! — פלעגט זי אין זיך מיט זשעדנעקייט אים פאַרגלייכען כדי אירע ליידענשאַפטען זאָלען ארויסקומען בולט'ער, שטאַרקער און אפילו גראָבער אַביסעלע... אַזוי האָט זי געפילט בעסער. דאָס וואָרט „זשערעבטשיק" האָט אין איר אָנגעצונדען אירע בלוטען. און ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי צו צו אים און אים געבעטען:

— קום, אייזערנער בחור, קלאַמער מיך איין אין דיינע אָרעמס, לעש דעם פייער, לעש! — און זי וואָלט זיך געפילט גליקלאַך, גליקלאַך...

אָבער ?...!

די טעג פון זייער חתונה האָבען זיך דערנעהנט. דזשייק

האָט זיך געגרייט און בעסי האָט זיך געגרייט. די מיסעס האָט זיך אויך געגרייט, ווייל זי האָט געהייסען, כמעט, די נאָענטסטע באַ זיי. ניט אירע עלטערען זיינען דאָ געווען, ניט זיינע.

מ'האָט געפּראַוועט די חתונה אין אַ האָל. קלעזמער האָבען געשפּילט, יונגוואַרג האָט געטאַנצט, געהוליעט און אַלעס איז צו־געגאַנגען ווי אויף יעדער חתונה.

די ערשטע פּאָר וואָכען האָט דאָס יונגע פּאָר פּאָלק נאָך געוואוינט באַ דער מיסעס. זי האָט זיך מיט זיי גאָרניט געקאָנט שיידען... זי האָט באַזונדערס נאָך געוואָלט האָבען באַ זיך אין הויז דזשייק'ן... צו בעסי'ן האָט זי ווי עפּעס אַנגעהויבען פילען אַ לייכטען פאַרדרוס....

זי האָט בעסי'ן געליבט און איז מיט איר ארומגעגאַנגען איי־בעראַל איינקויפען זאכען. אָבער דאָך האָט טיף אין הארצען אַ קליין ווערימעל געטאָטשעט...

ס'האָט איר באַנג געטאָן די גאַנצע צייט ווארום זי האָט זיך מיט דזשייק'ן ניט באַפריינדעט אַנדערש...

זי האָט אים ערשט אויף אָן אמת ליב געקראָגען.

און אָפט, ווען זי פלעגט ליגען ביינאַכט אין בעט, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי זי וואָלט מיט דזשייק'ן געלעבט.

זי האָט זיך ערשט דערמאָנט ווי אָפט ער פלעגט קוקען אויף איר מיט אַזוינע זשעדנע אויגען, און זי האָט גאָרניט געפילט דעמאָלט.

זי האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ קינד אירס, באַטש זיין מעכטיגע פיגור און זיינע אויגען פלעגען צייטענווייז געבען אַ לייכטען ברי... זי האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי ווען זי איז געלעג־גען קראַנק, האָט ער איר צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס צום קאָפּ און איינבויגענדיג זיך האָט זיין ברוסט זיך אָנגערירט אָן אירער און ווי ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן. און זי האָט אַזוי גוט געפילט דעמאָלט !...

— אָבער איצטער ! וואָס איז איצט מיט מיר ? איך ווער דאָך ממש פאַרברענט נאָך אים ! איך קען אָן אים ממש קיין מינוט ניט זיין !

באַזונדערס שווער פלעגן זיין פאַר איר די נעכט, ווען דאָס פאַר פאָלק איז געגאַנגען שלאָפן. זי האָט איבערגעלעבט אַלע פיבערן פון „יוגענט" איינע אַליין אין איר בעט.

און ווען בעסי פלעגט גאַנץ פרי אַרויסגיין פון איר צימער און אַ שעמעוודיגע רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר שיינעם „יונג־ווייבעלשען" פּנים, האָט עס דער מיסעס געשטאָכען ווי מיט מעסערס אין האַרצען...

זיי האָבען שוין עטלאַכע מאָל געוואָלט זיך אַרויסציען פון איר, ווייל זיי האָבען געוואָלט האָבען אַן אייגענע היים. זי האָט זיי אָבער אַלץ אָפּגערעדט דערפון:

— רוט זיך אויס דערווייל, קינדערלאַך! ערשט נאָך דער חתונה. וואָס וועט איר שוין נעמען רומס? זייט בא מיר. איך האַלט דאָך אייך ווי אייגענע קינדער...

זיינען אַזוי אַוועק אַ פּאָר חדשים. אויף בעסי'ן האָט זיך עס אָנגעהויבען מערקען. און זי האָט שוין פאַרלוירען די שעמעוודיגקייט, וואָס זי האָט געפילט די ערשטע צייט נאָך דער חתונה... זי פלעגט זיך שוין דערפרעגען בא דער מיסעס געוויסע פּרויען־סודות. און יענע האָט זי געלערענט ווי צו האַנדלען.

אין זיך האָט אָבער די מיסעס נאָך אַלץ געברענט מיט'ן זעלבען פייער... וואָס מער בעסי איז אָפּגעקילט געוואָרען פון ליבעס־דורשט, אַלץ מערער, אַלץ פייערדיגער האָט עס געברענט אין דער מיסעס...

איינמאָל, אין אַ זומער אָוונט, ווען בעסי איז געווען אין קאַונטרי, און דזשייק פלעגט צו איר קומען אַלע פאַרנאַכט פון דער אַרבייט, איז דזשייק, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, צוערשט געקומען צו זיך אַהיים צו דער מיסעס הייסט עס, זיך אַרומגע־וואַשען, עפּעס אויף לייכט אָפּגעכאַפּט דאָס האַרץ און שוין געזאָגט אַ גוטע נאַכט צו דער מיסעס און געוואָלט אַוועקגיין, האָט זי אים פאַררופען אין איר צימער און אים איבערגעפרעגט וואָס בעסי מאַכט און ווי זי פילט, אים געגעבען געוויסע עצות, ווייל בעסי האָט עפּעס ניט געפילט מיט אַלעמען די לעצטע צייט.

און ריידענדיג האָט זי אים אַ לייכטען פּאַטש געטאָן און געמאַכט אַ פּאָר קאָמפּלימענטען דערצו.

דזשייק האָט שוין אויך באַמערקט פון לאַנג, אַז זיין מיסעס קוקט אויף אים מיט ניט קיין גלייכגילטיגע אויגען, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זי איז זיי געטריי און דערפאַר אפשר קוקט זי אַזוי. אַ צינד אָבער, אין איר פּאַטש, האָט ער דערקענט, אַז ס'איז ניט נאָר פריינדשאַפט, נאָר עטוואָס אַנדערש און ער האָט זי לייכט אַרומגענומען און שפּאַסיג אַ זאָג געטאָן:

— אי, האָב איך נאָך גאָר אַ יונגע מיסעס! — און איך אָפּגעפּרעסט אַ קוש...

זי האָט מער ניט געוואָלט. דער גאַנצער ברען פון מיטעל־יאָריגער ליידענשאַפט האָט זיך צעפלאַקערט אין איר און זי האָט אים אַרומגענומען און אָנגעהויבען קושען שנעל, שנעל מיט תאוה'־דיגער גלוסטיגקייט...

ער האָט זיך פאַרגעסען און מיט אַלע זיינע קרעפטען זי אויפ־געהויבען און אַריינגעלייגט אין בעט.

מיט'ן גאַנצער פייער פון לאַנג דערשטיקטער אין זיך ליידענ־שאַפט, האָט זיך, זיין נאָך געגוג שטאַרקע און שיינע מיסעס, אים אָפּגעגעבען . . .

ער האָט געשמייכעלט און געפילט, אַז זי האָט אים געגעבען אויסערגעוויינלאַכען גליק פאַר'ן מאָמענט.

— ווי צאַפּלענדיג־יונג זי איז נאָך! — האָט ער צו זיך געטראַכט — ווי ברענענד־פייערדיג זי איז! מער ווי אַ יונגע, וואָס האָט נאָך פון ליבעס־בראַנד ניט געוואוסט !...

און אַזוי האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבען אַ לעבען פון צוויי וועלטען: אַ יונגע מיט יונגע גליקען און אַן אַלט־יונגע וועלט מיט אירע גליקען.

אין בעסין האָט ער געפונען אַ ליבען, טייערען פריינט פון יוגענט־צערטליכקייטען, יוגענט־טרוימען און שפּיל־מאָמענטען... און אין זיין מיטעל־יאָריגער מיסעס האָט ער געפונען אַ וועלט פון פלאַמען, פרייד און בראַנד...

געוויסע אויף־דער־נאַכטען האָט זי אויף אים געוואַרט ווי

אויף אַ דערלייזער. און ווען ער איז געקומען איז זי געווען גליק־לאַכער און צופרידענער פונ׳ם „גליק" אַליין...

ווי אַ דורשטיגער אין דער מדבר פלעגט זי זיך צוכאַפּען צו אים און אים ממש פאַרצערען מיט אירע ליבעס־בראַנדען...

ווי אַ יונגע ווייבעל, נאָר וואָס נאָך דער חתונה, האָט זי זיך געקליידעט און זאָל ער ווייסען איר געליבטער!

זי האָט באַ אים גאָרניט געמאָנט, ניט געפאָדערט ער זאָל אַוועק מיט איר. פאַרקערט, זי איז געווען אַן אָפטער גאַסט באַ זיי אין הויז. און מיט בעסי׳ן איז זי געווען ווי מיט אַ שוועסטער, נאָך נאָענטער....

מערקווירדיג, לעצטענס איז זי געוואָרען צוגעבונדענער צו איר און זיך געפילט ווי זיי וואָלטען מיט זייערע ביידענס וועלטען אָנגעהאַלטען איין גרויסע, שיינע, ליכטיגע וועלט...

און ווען בעסי האָט געבוירען אַ איינגעל, איז זי געווען איבער גליקלאַך: אַ שפּיגעל פון געליבטענס פּנים, כאָטש דאָס קינד איז געווען בעסי׳ס, ניט אירס...

זי האָט אָבער אַזוי ריין געליבט און פאַרגעטערט דזשייק׳ן, אַז פאַר אים איז זי געווען גרייט אַלעס צו טאָן, אַלעס אַוועקגעבען, און ער זאָל איר נאָר געבען דאָס ביסעלע גליק אין געוויסע מאָמענטען פון דער וואָך... זי וויל אים פילען אין געוויסע טעג לעבען זיך און אים באַרואיגען מיט אירע פייערדיגע לאַסקעס, וועלכע ער האָט לעצטענס אַזוי ליב געקראָגען...

און ווערט ער שטאַרק צעבראָכען עפּעס, ווען אַ וואָלקען לויפט דורך איבער זיין הימעל, זיין בעסי איז אַ ביסעל צו צודרינגלאַך, ווי אַלע יונגע ווייבלאַך זיינען... לויפט ער צו איר אַוועק און דאָרט באַרואיגט ער זיך.

ער דערציילט איר פון אַלעס און זי שטראָפט אים אויס למאי ער לעבט ניט רואיג און פאַרשאַפט בעסי׳ן שמערצען...

— זי איז יונג און ווייס נאָך ניט דאָס לעבען! — האָט זי אים אַלץ געזאָגט — איך בין אויך אַזוי געווען, אָבער ניט היינט! איך האָב דיך ליב און בין צופרידען מיט די עטלאַכע שטונדען וואָס דו גיסט מיר!

און אזוי האָט זיך גערוקט די צייט, דזשייק האָט געפירט „צוויי וועלטען" און פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך איז אים יענע וועלט געוואָרען אנגענעמער ווי די. בעסי איז געוואָרען אַלע מאָל מער צודרינגלאַך און איר פרויען־אינסטינקט האָט עפּעס דערפילט... זי האָט געזען אַז אויף דזשייקס געזיכט ליגט שטענדיג אַ טרוים אויסגעגאָסען און ער זאָגט איר קיינמאָל ניט קיין שלעכט וואָרט.

ווערט ער מיד פון אירע פּוסטע רייד און קינדערשע האנד־לונגען, גייט ער באַלד ערגעץ אַוועק און ווען ער קומט איז ער אזוי רואיג, געלאַסען און זיינע אויגען זיינען פּאַרטראַכטע, פּאַר־זאָרגטע און עפּעס אויך ווי פאַרליבטע...

זי האָט אים אָנגעהויבען נאָכשפּיאָנירען און ס'איז איר גע־לונגען גרינג אויסצוגעפינען וואוהין ער גייט.

זי האָט פּראָטעסטירט און זיך דורכגערעדט מיט איר מיסעס.

יענע האָט איר גאָרניט געענטפערט און זי אַליין באַרואיגט. אויף בעסי'ס באַשולדיגונגען, אַז זי נעמט צו איר מאַן, האָט זי איר געענטפערט, אַז פּאַרקערט, ווען ניט זי וואָלט ער געגאַנגען ערגעץ אנדערש־וואו און פיליכט נאָך ערגער געהאַנדעלט. מעגלאַך געשפּילט אין קאָרטען און געטרונקען אויך, ווייל אזוי האָט זיך פּאַר איר באַקלאָגט דזשייק...

בעסי האָט אים געהייסען גיין און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

די מיסעס האָט אים אַריינגענומען צו זיך און זיי האָבען אַ שטיק צייט געלעבט אינאיינעם.

זי האָט אים אַלעס געגעבען, אַלע פּריווילעגיעס. און ווען ער פלעגט אַמאָל ניט קומען אַ נאַכט אהיים שלאָפען, איז זי געווען אומרואיג, און אויף מאָרגען פרי, ווי אַ מאַמע, אים אויסגעפרעגט וואו ער איז געווען און אים ליבלאַך־ווייך אויסגעזידעלט למאי ער טוט אזוי, ווייל זי האָט געזשאַלעוועט זיין געזונט...

זי האָט אים אָפּגעהיט ווי די שוואַרץ־אַפּעל פון אויג און געזען ער זאָל בעסי'ן מיט'ן קינד געבען געלט וויפיל נאָר מעגלאַך.

אזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט און דזשייק האָט אָנגעהויבען בייגקען נאָך בעסי'ן...

זי האָט עס באַמערקט און אים אַליין געראַטען גיין צוריק צו בעסין, ווייל צוליב דעם קינד דאַרף ער עס סיי ווי טאָן.

ער האָט איר געפאָלגט און איז אַוועק, כאָטש אין האַרצען האָט ער זי מערער ליב געהאַט ווי בעסי'ן. זי איז קליגער פון בעסי'ן! זי פאַרשטייט דאָס לעבען בעסער, טיפער...

בעסי פאַרשטייט עס ווי אַלע דורכשניטלאַכע מענשען...

בעסי האָט איינגעוויליגט גיין מיט אים וואוינען, נאָר „זי" מוז ער אויפגעבען!...

ער האָט ניט ווילענדיג, איינגעוויליגט און איז געקומען צו איר.

ער איז געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען צום קינד, אָבער בעסי'ן האָט ער ניט געליבט מער ווי אַמאָל אין די ערשטע טעג פון גליק...

געליבט האָט ער יענע, פאַר איר טיפער לאָגיק און אָפּפער־ווילינקייט צוליב ליבע...

און צייטענווייז, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ מעגלאַכקייט, איז ער, בגנבה, אַוועק צו יענער און זיי האָבען זיך אין דער שטיל געטיילט מיט אַ פּאָר שטונדען פון ריינעם, אונאַבאַהינגיגען גליק און ליבע...

זי פלעגט אים מיט הארציגע מוטער־קושען אָפּלאָזען צו בעסין און אים הייסען זיין רואיג און זען אויסמיידען קומען אָפט צו איר, כאָטש זי האָט אים היים געליבט און געבענקט נאָך אים...

אַט אַזוי האָט דזשייק זיך געוואָרפען צווישען צוויי וועלטען: איין וועלט, וואו ער האָט געלעבט ווי אַלע מענשען לעבען, און די צווייטע — וועלכע ס'לעבען נאָר געציילט, זייער אַ קליינע צאָל...